STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08048

DI ETISHE LEHRE FUN DI TANOIM

Jesia Yerusalimsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די עטלעכע לעהרע פון די תנאים

(פרק — דערציילט)

פון
ישעיה יערוסאלימסקי

„האי מאן דבעי למהוי חסידא לקיים מילי דאבות". (ב"ק, פרק המניח)

דער וואס וויל דערגרייכן פרומקייט, זאל דערפילן די רייד פון די אבות.

„רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם, למוד אגדה". (ספרי עקב)

ווילסטו דערקענען דעם, וואס האט געזאגט עס זאל זיין א וועלט, לערן אגדה.

פארלאג „די פעדער"
ניו יארק
תש"ז

Copyright 1947
By
JESIA YERUSALIMSKY
(S. Jerome)
499 Empire Blvd.
Brooklyn 25, N. Y.

געדרוקט ביי ברידער שולזינגר

PRINTED IN THE U. S. A. BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET NEW YORK 3, N. Y.
253

מיינע קינדער

נחמה און יוסף —

מיט ליבשאַפט

כ׳וועל אָפּשטויבן די אַלטע הימלישע שווערד, —
וואָס האָט געפירט מלחמה פאַר אונז אויף דער ערד.

• • •

כ׳וועל איר אומקערן איר אַמאָליקן גלאַנץ,
ווייל זי האָט פאַרוואַנדלט אונזער טרויער אין טאַנץ.

• • •

כ׳וועל אויספּוצן אין איר דעם מאַן פון מלחמה,
ווייל ער האָט די שונאים געצאָלט מיט נקמה.

• • •

ווי דענסטמאָל איר שאַרף, איז אויך איר שאַרף היינט;
און אייביק איר בלאַנק וואָס לויכט און שיינט.

• • •

זי איז די היטערן פון ישראל פון אייביקע צייטן,
זי וועט אין אים ניט פעלשן, און אים ניט אויסבייטן.

• • •

אנשטאט אַן הקדמה

דער ערשטער דור לערער און וואָרטזאָגער פון די השכלה־צייטן האָבן מער נישט געשעפּט פון די קוואַלן פון גייסט, וואָס האָט געשאַפן און געבויט דאָס אידישע לעבן זינט די אנשי־כנסת־הגדולה. דער רוח־הזמן פון דער השכלה האָט איבערגעשריגן דעם קאָלעקטיוון ריטם פון דעם טראַדיציאָנעלן אידישן לעבן און דענקען און אַלע ווי איינער, האָבן די לערער און וואָרט־זאָגער געדינט צום פרעמדן קולט „קונסט לשם קונסט". זיך געפּוצט מיט ווערטער און פראַזן פון דער פרעמדער „שיין ליטעראַטור". אָבער אַ אינעווייניקסטן ציטער האָבן זיי ערשט דערשפּירט ווען זיי האָבן געבויט און געשאַפן לויטן העכערן אַנוויז — ווי צו בצלאלן דאָס געשטאַלט פון משכן, דורכן הארץ... דאָס האָט ממילא אויך משפיע געווען אויפן רוב־עם, און דער קלסתר־פּנים פונם צבור־לעבן האָט זיך פיל נישט געביטן.

דער צווייטער דור, „אשר לא ידע את יוסף", האָט שוין דעם נייעם קולט איבערגענומען בירושה, ער האָט מיטן כאַר נישט מיטגעשריגן: „געשטאָרבן דער מלך, זאָל לעבן דער מלך!" ער איז שוין ווייט געווען פונם פּאַרמירטן צוויי־טויזנט יאָריקן אידישן לעבן, כרחוק מזרח ממערב, און ממילא אויך דאָס פאָלק.

אין דער לעצטער צייט, האָבן אונזערע גייסטיקע פירער און וואָרט־זאָגער, אומצופרידענע פונם נייעם שטייגער־לעבן, באַמערקט אַז „עפּעס איז דאָ נישט מיט אַלעמען" און האָבן זיך געכאַפּט, אַז אידיש לעבן איז אַנ־דער ווי „זייערס", אַז זייער: „ווי שיין דער דאָזיקער בוים איז" איז פאַר אונז נישט קיין לעבן, נאָר אַ לאַנגזאַמער אונטערגאַנג. ווייל די אָרגאַנישע געמיינשאַפלעכקייט פון אַ פאָלק מוז זיין באַזירט אויף תוך, אויף אינהאַלט, אַז דער „אַל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו" מוז ווידער ווערן די אידישע מאָטאָ: תוך, און נישט בלויז פאָרם. אָט דער געדאַנק האָט פאַרנומען זייערע מוחות, און זיי האָבן אָנגעהויבן ציען צוריק צום מקור — צום אַלטן קוואַל.

דער מאָדערנער אָרום באַווירקט אָבער צו שטאַרק דאָס אידישע לעבן, און לאָזט נישט גיין צוריק צו דער אַלט־אידישער ליטעראַטור, ווייל צו

טיף האָט זיך די נייע קולטור איינגעוואָרצעלט אין אונזער היינטיקן לעבן. ביז אַ סינטעז פונם „אַלטן" און „נייעם" האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאָרמירן. דער חרם אויפן „אַלטן", וואָס איז געלעגן, ווי אַ בילמע אויף די אויגן, איז שוין אַרונטערגענומען געוואָרן. מיר זיינען געפלעפט געוואָרן פון גרויסן ליכט, וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן אויף אונז. מיט פאַרזשמורעטע אויגן פונם בלענדיקן ליכט שרייען מיר אויס: יאָ, מיט אַביסעלע סיעתא דשמיא, וועלן מיר צוריק אַרויף אויפן דרך־המלך.

אַלטקייט דערשרעקט אונז נישט מער — דער איינצלנער חסיד־שוטה האַלט אונז נישט אָפּ פון צו באַוואונדערן דעם גרויסן כח פון חסידות — שטערט אונז נישט מער זיך צו באַקענען און צו געניסן פון דער גרויסער שיינקייט און עטישקייט, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון דורות לאַנג.

בזמן הזה, אין די טעג פון צער און צאָרן — ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געבראַכט דעם גרעסטן קרבן פאַר פרעמדע זינד, און דער משחית טרעט אַלץ נישט אָפּ פון דער אידישער שוועל — זאָל דאָס בוך זיין אַ קוואַל פון טרייסט און כוח און שטאַרקן גלויבן, פאַר די מידע אידישע הערצער אין יעדן אָרט און אָרט.



משה קבל תורה...

פּרק — דערציילט

אַרייַנפיר

דער פּירוש און צוגאַב צו דער משנה — די צוויי גמרות, דער תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי — זייַנען געוועזן צוגעגנגלעך בלויז צו געציילטע אידן. דער איד, דער למדן האָט זיך געקענט פאַרטיפן אינם ים־התלמוד, דער איד אָבער, וואָס האָט אין זייַן יוגנט נישט געשלייפט דעם מוח אויף די שאַרפזיניקע סברות, קשיות און תירוצים אין די הלכות, האָט זיך געמוזט באַניגענען מיטן משניות — מיט דער זאַמלונג הלכות פון די תנאים, וואָס וועגן זיי איז נישט פאַראַן קיין שום מחלוקת, קיין מייַנונג פאַרשידנקייטן.

יענער איד אָבער, פאַר וועמען די קליינע אותיל עך זייַנען פרעמד געוועזן, און האָט געמוזט אָנקומען צום „הייליקן טייטש" האָט געהאַט אַ קליינעם חלק אין משניות, האָט זיך געמוזט צופרידן שטעלן מיט איין מסכתא פונם משניות, מיט דער מסכתא אבות, אין סדר נזיקין — אַ זאַמלונג פון עטישע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען : מוסר, דרך ארץ און גוטע מידות, וואָס זייַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די אידישע פירער אין די צייטן פון די אנשי־כנסת־הגדולה ביז די לעצטע תנאים פון דער משנה.

אָט די זאַמלונג איז באַקאַנט צום ברייטן עולם אונטערן נאָמען : „פּרק", און ווערט געזאָגט פונם שבת נאָך פּסח אָן ביז ראש־השנה, מנחה־צייט.

ערשטער פּרק

די מסכתא „אָבות", דער „פּרק" הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: כּל־ישראל יש להם חלק לעולם הבא" — יעדער איד האָט אַ חלק אויף יענער וועלט.

אַרום אָט דעם מאמר איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ גרויסע ליטעראַטור. דער רמב"ם, למשל, האָט כּמעט ווי נישט געהאַלטן פון דעם גלויבן אין עולם־הבא, און אין השארת־הנפש — אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה בכלל. ער האָט אויפגעפּאַסט דעם ענין פון אומשטערבלעכקייט פילאָזאָפיש: אַז בלויז דער אויסדערוויילטער דערווערבט זיך השארת־הנפש דורך לערנען זיך צו דענקען וועגן דער געטלעכקייט. נאָר די דענקענדע נשמה וואָס אַ באַזונדערער מענטש באַזיצט איז אומשטערבליך, אָבער, די נשמה פונם פּראָסטן מענטש גייט לאיבוד, ווערט פאַרלוירן.

אויך אַנדערע מפרשים זיינען נישט פאַרביי געגאַנגען גלייכגילטיק דעם "כל ישראל", און זיי ווילן האָבן אַז יעדער איד האָט זיכער יאָ א חלק, לויטן פאַרדינסט, איינער פאַרדינט זיך די גאַנצע הונדערט פּראָצענט און אַ צווייטער אַ סך ווייניקער...

גאָר אַנדערע מפרשים זאָגן אַז „ישראל" אויף דעם אָרט איז אַ „נוטריקון" — אַ קאָמבינאַציע פון די צוויי ווערטער „ישר־אל" — רעכטפערטיק פאַר גאָט. בלויז יענער וואָס איז רעכטפערטיק פאַר גאָט האָט אַ חלק, און נישט יענער וואָס זינדיקט קעגן אים.

פאַראַן אַ למדניש גלייכווערטל אויפן „כל־ישראל". מען פרעגט: פאַר־וואָס שטייט „כל־ישראל", עס וואָלט דאָך באַדאַרפט שטיין „ישראל" — דער איד האָט אַ חלק אויף יענער וועלט? דער תירוץ איז: וואָלט געשטאַנען „ישראל" אַליין, וואָלט מען געמיינט אַז בלויז אַ „ישראל" האָט אַ חלק, אָבער אַ כהן און אַ לוי ניט. דערפאַר שטייט „כל־ישראל" — „כל" ראשי־תבות (די ערשטע אותיות פון די ווערטער) פון כהן־לוי, אַז אַ כהן און אַ לוי האָבן אויך אַ חלק אויף יענער וועלט.

אַ רמז אויף „יענער וועלט" לערנט מען אָפּ פון דעם וואָס גאָט האָט

גערופן די אידן „בני בכורי״ — מיין זון, דער בכור. אַזוי ווי אַ בכור קריגט צוויי מאָל אַזוי פיל פונם פאָטערס ירושה, אַזוי אויך ירשענען די אידן צוויי וועלטן, די וועלט און יענע וועלט.

דער „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ איז אין מסכתא אָבות נישט געווען, ער איז צוגעשטעלט געוואָרן שפּעטער, און מען זאָגט אים פאַר יעדן פּרק.

צוגעשטעלט האָט מען אים כדי צו ווייזן אַז דער איד האָט אַ טאָפּעלטן זכות. איין זכות פאַרן אָפּהיטן די תורה און די מצוות, און א צווייטן זכות, ווייל ער איז איינער פונם כלל ישראל, פון דער אומה וואָס האָט זיך געשטעלט דעם הויפּט־ציל צו פאַרשפּרייטן דעם כבוד פון גאָט אויף דער וועלט: „לא הגלה הקב״ה את ישראל בין העמים אלא כדי שיתוספו עליהם גרים״, — גאָט האָט צעשפּרייט די אידן צווישן די פעלקער, כדי זיי זאָלן מערן גרים צווישן זיך. (פּסחים, פ״ז, ע״ב) און דער איד האָט זיין שליחות דורכגעפירט. וואו נאָר דער איד האָט זיין פוס אַוועקגעשטעלט האָבן די פעלקער געלערנט פון אים דעם גלויבן אין איין גאָט. אפילו ווען זיי האָבן זיך נישט מגייר געווען, זיינען זיי פאָרט אין דער בחינה פון גרים, ווייל זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע געצן. דערפאַר שטייט טאַקע „יש להם חלק לעולם הבא״ און ניט „יש להם עולם הבא״, ווייל אַחוץ דעם עולם־הבא וואָס אַ איד פאַרדינט זיך דורך זיינע מעשים טובים, האָט ער אויך אַ שטענדיקן חלק עולם הבא אינם פאַרמעג פונם כלל ישראל.

די משנה אָבות הויבט זיך אָן מיט „משה קבל תורה מסיני״ — משה האָט מקבל געווען די תורה פון גאָט אויפן באַרג סיני.

דער מדרש זאָגט אַז משה׳ן איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג צו קריגן די תורה, ער האָט געמוזט פירן גרויסע וכוחים מיט די מלאכים, וואָס האָבן געטענהט: רבונו של עולם! תנה הודך על השמים — גיב דיין שיינקייט, די תורה, בעסער צו די באַוואוינער פונם הימל. מיר וועלן זי אָפּהיטן בקדושה ובטהרה. ווי קומט דער שטערבליכער מענטש צו אַזאַ טייערן אוצר? האָט זיך משה שטאַרק דערשראָקן פאַר זיי. האָט גאָט צו אים געזאָגט: האַלט זיך פעסט אינם כסא־הכבוד! און משה האָט זיי געענטפערט: ווי אַזוי קענט איר אָננעמען די תורה, אין איר שטייט דאָך געשריבן „לא תרצח״, „לא תגנוב״, האָט איר דען אַ יצר־הרע צו רציחה און גנבה? זענט איר דען געווען אין גלות מצרים? האָט מען דען אייערע קינדער געוואָרפן אין טייך נילוס אַריין? און

אין דער תורה שטייט דאָך: „אשר הוצאתיך מארץ מצרים״, — וואָס איך האָב דיך אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים, די תורה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר אונז, בשר־ודם!

האָבן די מלאכים געענטפערט: די אַלע זאַכן זיינען טאַקע פאַר אייך, מיר ווילן נעמען די סודות און די טעמי המצוות פון דער תורה, וואָס דאָס איז די נשמה פון איר און פאַר אייך וועט בלייבן דער גוף־התורה, די תרי״ג מצוות. האָט משה געענטפערט: תורת ה׳ תמימה — גאָט׳ס תורה איז אַ גאַנ־צע, מען קען זי נישט צוטיילן, די וואָס נעמען דעם גוף פון דער תורה, די מצוות, איז שייך צו זיי אויך די נשמה פון דער תורה, די סודות און טעמי המצוות.

און משה האָט מקבל געווען די גאַנצע תורה. דערפאַר שטייט: „משה קבל״ משה האָט זי מיט געוואַלד גענומען. און האָט די תורה איבערגעגעבן צו יהושע, און יהושע — צו די נביאים, און די נביאים — צו די אנשי־כנסת־הגדולה, צו די הונדערט און צוואַנציק פאַרשטייער פונם גייסטיקן אידישן לעבן, אין די צייטן פון בית־שני.

מיט זיבעציק יאָר פריער, נאָכן חורבן בית־ראשון דורך נבוכדנצר, דעם מלך פון בבל, האָט כורש, דער מלך פון פרס מלחמה געהאַלטן מיט בבל און זי באַזיגט, און איינגענומען מיטן לאַנד יהודה, וואָס איז געווען אונטער איר הערשאַפט. דאַן האָט כורש דערלויבט די אידן זיך אומקערן פון בבל קיין ארץ־ישראל און צו בויען דעם בית־המקדש אין ירושלים.

די ערשטע עליה, די ערשטע גרויסע אויסוואַנדערונג פון בבל קיין ארץ־ישראל איז געווען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון זרובבל, וואָס האָט געשטאַמט פון דוד המלך, און יהושע, דער זון פון יהוצדק. זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען דעם בית־המקדש און צו פאַרריכטן די ווענט אַרום ירושלים. די פרעמדע פעלקער וואָס האָבן געוואוינט אין ארץ־ישראל האָבן אָבער גע־שטערט אין דער אַרבעט, אַזוי אַז די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן ביז דער צייט ווען דריוש איז געוואָרן מלך.

די צווייטע עליה פון בבל קיין ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן מיט פופציק יאָר שפּעטער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון עזרא הסופר, וואָס האָט צוגעצויגן נחמיה׳ן פאַר דער אויפבויאונג פונם לאַנד און בית המקדש.

עזרא און נחמיה האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר די שונאים צושטע־רער, און זיינען אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט אונטער די שווערסטע אומ־

שטענדן: „די מויערער וואָס האָבן געבויט דעם מויער, און די לאַסט־טרעגער, האָבן מיט איין האַנט געטאָן די אַרבעט און מיט דער אַנדערער געהאַלטן די וואפן". (נחמיה ד׳, י״א.)

ווען עזרא הסופר האָט געזען אַז דער פּאָליטישער מצב פון די אידן איז אַ שוואַכער, און ווען קיינמאָל נישט קענען ווערן אַ צו גרויסע מאַכט, האָט ער אַנגעהויבן צו־צוגרייטן מיטלען אַז דאָס פּאָלק זאָל קאָנען עקזיסטירן אפילו אָן אַ שטאַרקער מלוכה — זיין גאַנצער כוח־הקיום זאָל קומען דורך רעליגיע, ליטעראַטור, ערלעכע געזעצן און אַ שטרענגע מאָראַל.

צוליב דעם צוועק האָט ער צונויפגערופן הונדערט און צוואַנציק גדולי־הדור פון די אידן, זיי זאָלן לערנען דאָס פּאָלק די תורה, דערקלערן אים די דינים וואָס זיינען דאָרט פאַרשריבן. אָט די לערער הייסן „אנשי כנסת־הגדולה", און לויט דער משנה „משה קבל" האָבן די נביאים די תורה צו זיי איבערגעגעבן.

זיי האָבן געזאָגט דריי זאַכן: „הוו מתונים בדין, והעמידו תלמידים הרבה, ועשו סיג לתורה" — איר זאָלט זיין געוואָרנט ביים אַרויסגעבן אַן אור־טייל, שטעלט צענויף אַ סך תלמידים און מאַכט אַ צאַם אַרום דער תורה.

אויפן „מ׳זאָל מאַכן אַ צאַם אַרום דער תורה" און אַרום זיך אַליין אויך, כדי דער גדר זאָל אָפּהאַלטן דעם מענטש פון אַן עבירה — דערציילט די גמרא (נזיר ד׳.) אַז שמעון הצדיק, וואָס איז געווען אַ כהן־גדול האָט נישט געוואָלט עסן פון אַ קרבן אָשם־נזיר. ער האָט פון די נזירים ווינציק וואָס געהאַלטן, ווייל ער האָט אין זיי געזען צביעות; אַז זיי מאַכן בלויז אַ פרומען אָנשטעל. איינמאָל, אָבער, האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם און האָט יאָ געגעסן פון אַ נזירס קרבן־אשם, ווייל ער האָט איינגעזען אַז יענעמס נזירות איז געווען לשם־שמים.

אַמאָל איז צו שמעון הצדיק געקומען אַ שיינער העלדישער בחור, ווע־מענס שוואַרצע געקרייזלטע האָר האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבער זיינע ברייטע אַקסלען, און האָט צו אים געזאָגט: זייט מיר מתיר איך זאָל מעגן אָפּשערן מיינע האָר, ווייל איך האָב אַ נדר געטאָן זיי אָפּצושערן! האָט שמעון הצדיק צו אים געזאָגט: מיין קינד, פאַרוואָס זאָלסטו אָפּשערן אַזעלכע שיינע האָר? האָט אים דער נזיר געענטפערט: איך בין אַ פּאַסטוך, און איך האָב זיך קיינמאָל נישט געזען אין אַ שפּיגל. איינמאָל בין איך צוגעקומען צו אַ לויטערן קוואַל, און האָב זיך דערזען אינם וואַסער, ווי שיין מיינע האָר זיינען. בין איך גע־וואָרן שטאָלץ מיט זיך און איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן שלעכטע מחשבות, נאָר באַלד האָב איך אויף מיר אַליין אָנגעשריגן: רשע, וואָס האַלטסטו זיך גרויס

מיט דיין שיינקייט, מיט דיין שיינעם קערפּער וואָס וועט פוילן אין דער ערד, און די ווערים וועלן אים עסן ? און מיט דיינע שיינע האָר וואָס וועלן אויסקריכן? איך שווער ביי גאָט אַז איך וועל מיינע שיינע האָר אָפּשערן.

שמעון הצדיק האָט אים געקושט אויף זיין קאָפּ און צו אים געזאָגט : אַזעלכע אמתע נזירים ווי דו ביסט מעגן זיך מערן צווישן די אידן. און ער האָט געגעסן פון זיין קרבן־אָשם.

אין דער גמרא (יומא, ס״ט) ווערט דערציילט : ווען אַלעקסאַנדער מוקדון האָט איינגענומען פּערסיע, איז ער אויך געקומען קיין ירושלים. ווען ער האָט זיך דערנעענט צו דער שטאָט מיט זיין פיל חייל, זיינען אים אַרויס אַנטקעגן די חשובסטע מענטשן פון שטאָט, בראש איז געגאַנגען שמעון הצדיק, דער כהן גדול, אָנגעטאָן אין זיינע בגדי־כהונה.

ווי נאָר אַלעקסאַנדער, דער מלך האָט דערזען דעם כהן־גדול, איז ער אַראָפּ פון זיין רייטוואָגן און האָט זיך געבוקט פאַר אים. זיינע שררות האָבן זיך געוואונדערט אויף דעם, האָט אַלעקסאַנדער זיי דערציילט, אַז אין אַלע שלאַכטן וואָס ער האָט אָנגעפירט, האָט זיך צו אים באַוויזן אַ מלאך אינם גע־שטאַלט פון דעם כהן־גדול, און האָט אים געגעבן כוח ער זאָל באַזיגן זיינע פיינט.

דאַן האָט אַלעקסאַנדער זיך געווענדעט צו שמעון הצדיק, און האָט אים פאַרזיכערט אַז די אידן וועט קיין שלעכטס נישט געשען, אַז ער וועט תמיד אַרויסווייזן צו זיי גרויס חסד.

ער האָט געהאַלטן וואָרט און האָט דערלויבט די אידן צו לעבן לויט די דינים פון דער תורה.

צוליבן גרויסן כבוד וואָס אַלעקסאַנדער מוקדון האָט אַרויסגעוויזן צום אידישן פאָלק, האָט מען יעדן אידיש קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן יענעם יאָר אין ירושלים אַ נאָמען געגעבן „אַלעקסאַנדער“.

אינם לעצטן יאָר פון שמעון הצדיקס לעבן, ווען ער איז יום־כפור אַרויסגעקומען פונם קדשי־קדשים האָט ער געזאָגט : אין דעם יאָר וועל איך שטאַרבן ! האָט מען אים געפרעגט פון וואַנען ווייסטו ? האָט ער געענטפערט : יעדן יום־כפור האָט זיך צו מיר באַוויזן אַ זקן, איינגעהילט אין ווייסן, ער איז אַריין מיט מיר אין קדשי־הקדשים און איז אַרויס מיט מיר פון דאָרט ; דאָס מאָל האָט זיך צו מיר באַוויזן אַ זקן איינגעהילט אין שוואַרצן, ער איז אַריין מיט מיר און ער איז צוריק מיט מיר נישט אַרויס.

אַזוי איז טאַקע געווען; אַ וואָך נאָך סוכות איז שמעון הצדיק געשטאָרבן (מנחות, ק״ט.)

אָט דער שמעון הצדיק איז געווען פון די „שירי־כנסת־הגדולה״ — פון די איבערגעבליבענע, דער לעצטער פון די הונדערט און צוואַנציק לערער אין די צייטן פונם בית־שני.

ער פלעגט זאָגן: „על שלשה דברים העולם עומד. על התורה, ועל העבודה ועל גמילות חסדים״ — אויף דריי זאַכן שטייט (האַלט זיך) די וועלט. אויף תורה־לערנען און זי צו האַלטן. אויף די קרבנות וואָס מען האָט מקריב געווען אין בית המקדש (צוליב וואָס מען זאָגט היינט די פּרשיות פון קרבנות) און אויף דעם, וואָס איין מענטש טוט גוטס מיטן אַנדערן.

„על התורה״ — אַז אויף דער תורה האַלט זיך די וועלט, האָט ר׳ הושיע רבה געדרשנט: „ואהיה אצלו אמון״ — האָב איך זיך דערצויגן ביי אים. (משלי, ח׳, ל׳.) זאָלסט נישט לייענען „אָמון״ נאָר „אָמן״ — אַן אַרכיטעקט. די תורה זאָגט, איך בין געווען דער ווערקצייג פון גאָט, עס פירט זיך אין דער וועלט, ווען אַ מלך בויעט זיך אַ פּאַלאַץ, בויעט ער נישט לויט זיין אייגענעם איינפאַל, נאָר לויט אַ מייסטער־אָנווייזונג, און דער מייסטער בויעט ניט גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, נאָר פּלענער און בילדער פונם פּאַלאַץ ליגן גע־שפּרייט פאַר זיינע אויגן; ער זאָל וויסן וואו צו מאַכן די צימערן, די פענסטער — אַזוי אויך האָט גאָט געקוקט אין דער תורה און האָט באַשאַפן די וועלט.

תורה־לערנען איז די גרעסטע מצוה אויף דער וועלט. גרעסער נאָך פון בויען דעם בית המקדש. גרעסער פון כבוד אָב־ואם, און גרעסער פון דער כהונה און מלכות.

רבי מאיר פלעגט זאָגן: פון וואַנען איז געדרונגען אַז אַ גוי וואָס לערנט תורה איז ער ווי אַ כהן־גדול? ווייל עס שטייט געשריבן: „אשר יעשה אותם האָדם וחי בהם״ (ויקרא, י״ח, ה.) — וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי. כהנים, לויים און ישראלים איז נישט געשריבן, נאָר „אָדם״ — דער מענטש, פון דעם לערנסטו, אַז אַ גוי אפילו אויב ער לערנט תורה איז ער ווי אַ כהן גדול.

„ועל העבודה״ — און אויף עבודה, עס שטייט (דברים, י״א, י״ג)) „לאהבה את ה׳ אלהיכם ולעבדו בכל לבבכם״ — ליב צו האָבן אייער גאָט, און אים צו דינען מיט אייער גאַנצן האַרצן. וואָס איז די עבודה פונם האַרצן? זו תפלה — דאָס איז דאָס דאַווענען.

קום און זע, ווי גרויס דער כוח פון תפלה איז.

איינמאָל האָבן די אידן עולה־רגל געוועזן קיין ירושלים, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואסער צום טרינקען. איז נקדימון בן גוריון אַוועק צו אַ רייכן שררה און ער האָט צו אים געזאָגט: אַנטליי מיר צוועלף ברונעמער וואַסער פאַר די עולי־רגל, און איך וועל זיי דיר צוריק אומקערן, און אויב ניט, גיב איך דיר צוועלף שטיקער גאָלד, און זיי האָבן באַשטימט אַ צייט.

ווען די צייט איז געקומען, און קיין רעגן איז נישט געגאַנגען, האָט דער שררה, פאַרטאָג געלאָזט וויסן נקדימונען; שיק מיר אָפּ דאָס וואַסער אָדער דאָס געלט וואָס מיר קומט פון דיר. האָט ער אים געענטפערט: איך האָב נאָך צייט אַ גאַנצן טאָג.

בייטאָג, האָט דער שררה ווידער אים געלאָזט וויסן, איינס פון די ביידע; אָדער וואַסער, אָדער געלט. האָט נקדימון אויך געענטפערט: איך האָב נאָך צייט ביז זון־פאַרגאַנג. האָט געלאַכט דער שררה און געזאָגט: קען דען זיין אַז אַ גאַנץ יאָר איז קיין רעגן נישט געגאַנגען און היינט זאָל רעגענען?

נקדימון איז אַ טרויעריקער אַריינגעגאַנגען אין בית־המקדש און האָט זיך איינגעהילט אין טלית און האָט תפלה־געטאָן; רבונו של עולם! עס איז אַנטפּלעקט און באַוואוסט צו דיר, אַז נישט צוליב מיין כבוד וועגן האָב איך דאָס געטאָן, נאָר צוליב דיין גרויסן כבוד וועגן, די עולי־רגל זאָלן האָבן וואַסער צום טרינקען. באַלד האָט זיך דער הימל אַנגענומען מיט וואָלקענס און עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, ביז די ברונעמער זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער.

ווען נקדימון איז אַרויס פון בית־המקדש, האָט דער שררה אים באַגעגענט און געזאָגט: גיב מיר מיין געלט, ווייל די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, און דער רעגן איז געגאַנגען אויף מיין צייט. האָט זיך בן גוריון אומגעקערט און איז אַריינגעגאַנגען אין בית־המקדש און האָט ווידער תפלה געטאָן: רבונו של עולם! לאָז וויסן דעם מענטשן אַז דו האָסט באַליבטע אויף דער וועלט! באַלד האָט אַ ווינט אָנגעהויבן צו בלאָזן, און צעיאָגט די וואָלקענס און די זון האָט זיך העל צושיינט.

ועל גמילות חסדים — און אויף דעם וואָס איינער העלפט דעם אַנדערן אַרויס אין אַ נויט.

אַ משל: דער בער האָט זיך באַרימט פאַרן פוקס, אַז ער איז אַ מענטשן־פריינט, און ער האָט קיינמאָל אַ טויטן מענטשן קיין שלעכטס נישט געטאָן.

האָט דער פוקס אים געענטפערט מיט אַ שמייכל: זייער פיין פון דיר וואָס דו עסט נישט קיין טויטן, איך וואָלט אָבער מער פון דיר געהאַלטן ווען דו וואָלסט אויך לעבעדיקע מענטשן נישט געגעסן.

בעסער העלף אַרויס אַ מענטשן ער זאָל נישט שטאַרבן פון הונגער, איידער מקיים זיין די מצוה פון באַגלייטן אַ מת.

שמעון הצדיקס תלמיד, אנטיגנוס איש סוכו זאָגט: „אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס, ויהיה מורא שמים עליכם" — איר זאָלט נישט זיין ווי די קנעכט וואָס דינען דעם האַר פאַר געצאָלטס, נאָר איר זאָלט זיין ווי די קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר נישט פאַר געצאָלט, און די מורא פאַר גאָט זאָל זיין אויף אייך.

אנטיגנוס זאָג איז אַן ענטפער צו די מידע הערצער, וואָס האָבן גע־פרעגט: וואָס איז דער שכר פאַר טאָן גוטס, האָט אנטיגנוס זיי געלערנט: מען דאַרף נישט דינען גאָט צוליב דעם שכר, נאָר מען דאַרף טאָן גוטס, ווייל דאָס גוטס איז גוט פאַר זיך אַליין, דאָס איז דער שכר.

אין אבות דרבי נתן ווערט דערציילט, אַז אנטיגנוס איש סוכו האָט געהאַט צוויי תלמידים, צדוק און בייתום. ווען זיי האָבן דערהערט פון זייער רבין, אַז מען דאַרף דינען גאָט נישט פאַר באַלוינונג, האָט איינער געזאָגט צום אַנדערן: אונזער רבי זאָגט בפירוש אַז דער מענטש קריגט נישט קיין שכר און קיין שטראָף. און זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פונם כלל ישראל, און יעדער פון זיי האָט געגרינדעט אַ באַזונדערע סעקטע, די צדוקים און בייתוסים. אָט די צוויי סעקטעס האָבן געהאַלטן נאָר פון די מצוות און דינים וואָס זיינען פאַראַן אין דער תורה שבכתב, און נישט געוואָלט אנערקענען די תורה שבעל־פה.

עס איז אַ סברה אַז די קאַראַאימישע סעקטע, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן אין אַכטן יאָרהונדערט דורך ענן, איז אַ פאָרטזעצונג פון די צדוקים.

נאָך אנטיגנוס רייד הויבן זיך אָן די רייד פון די „זוגות" — די פּאָרן.

יעדער גרויסער תנא פון די צייטן פונם בית־שני האָט געהאַט נאָך איינעם צו זיך צום דערקלערן דעם דין. „זוגות" האָט די פאָר געהייסן. ווי נאָר עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא אַ תנא וואָס האָט געהאַט נאָך איינעם צו זיך, באַלד פאָלגט נאָך יענעמס וואָרט, אַמאָל אין הסכם, אַמאָל דאַקעגן.

אַזעלכע אָנגעזעענע פרושים פירער פונם רעליגיעזן אידנטום, מיט זייערע „זוגות" זיינען געווען: יוסי בן יועזר — יוסי בן יוחנן; יהושע בן פרחיה

— נתן הארבלי, יהודה בן טבאי — שמעון בן שטח; שמעיה און אבטליון, הלל און שמאי.

דער וואָס ווערט דערמאָנט צום ערשטן איז אין אַלע פאַלן דער נשיא, און דער צווייטער — דער אב־בית־דין.

ווען די כנסת הגדולה האָט זיך אויפגעלייזט אין די צייטן פון שמעון הצדיק, איז זי שפּעטער צוריק־געשטעלט געוואָרן דורך שמעון דער צווייטער, אונטערן נאָמען „סנהדרין".

דער סנהדרין איז געגאַנגען אין די וועגן פון די אנשי־כנסת־הגדולה אין זייער אויסטייטשונג פון דעם פּסוק און די מצוות. און דער וואָס האָט געלייענט די תורה פאַרן פאָלק, האָט געמוזט געדיינקען אויסנווייניק די דערקלערונגען און די אויסטייטשונגען פון די אנשי־כנסת־הגדולה. און ווען דער פּירוש האָט זיך פאַרמערט, אַזוי אַז דער זכרון האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט געדיינקען, האָבן די סנהדרין — באַזונדער אויפגעזאַמעלט — דאָס געזאָגטע אויף יעדער מצוה. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די „הלכה", ביז רבי איז געקומען און האָט איינגעשטעלט די „משנה".

דער ערשטער פון די „זוגות" וואָס ווערט דערמאָנט אין פּרק, איז יוסי בן יועזר, דער נשיא פון דעם סנהדרין.

עס ווערט דערציילט וועגן אים אַז ער איז אומגעקומען אין די חשמונאים קאַמפן. ער יוסי, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון זיין שוועסטער־קינד, יקום איש צרורות, וואָס האָט פאַראַטן די אידן און איז אַריבער צו די רוימער, און האָט ביי זיי פאַרנומען אַן הויכן אַמט אין דער רעגירונג.

עס ווערט אויך דערציילט (בראשית רבה, ס"ה) אַז יקום האָט יוסין, זיין שוועסטער־קינד געוואָלט איבעררייִדן ער זאָל אויך איבערגיין צו די רוימער, פאַרראַטן די אידן און גאָטס תורה, און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען פון אַ שרעקלעכן טויט.

זע, האָט ער געטענהט מיט יוסין, זע דעם כבוד וואָס איך האָב פון די רוימער, און באַדענק זיך וואָס דיך דערוואַרטעט: שטאַרבן פאַר דער צייט! האָט יוסי אים געענטפערט: אַז גאָט גיט אַזוי פיל כבוד צו די וואָס דערצערענען אים, וויפיל כבוד וועט ער שוין געבן צו די וועלכע טוען זיין רצון? האָט יקום געזאָגט: האָט דען אַ מענטש געטאָן גאָטס רצון מער ווי דו? האָט יוסי געענטפערט: אויב גאָט שטראָפט אַזוי שטאַרק די וואָס טוען זיין רצון, ווי גרויס וועט שוין זיין די שטראָף פאַר די וועלכע דערצערענען אים? זיינען די רייד

אַריין אין יקומס האַרץ, ווי די גיפט פון אַ שלאַנג, און ער האָט דורכגעפירט איבער זיך די פיר מיתות בית־דין...

עס ווערט געבראַכט אין נאָמען פון יוסי: „יהיה ביתך בית־ועד לחכמים, והוה מתאבק בעפר רגליהם, והוה שותה בצמא את דבריהם“ — דיין הויז זאָל זיין אַ פאַרזאַמלונגס־אָרט פון געלערנטע, זאָלסט זיך וואַלגערן אינם שטויב פון זייערע פיס, און זאָלסט טרינקען מיט דורשט זייערע רייד.

יוסי׳ס ווערטער באַציִען זיך אויף דעם וואָס אין זיינע טעג האָבן די צדוקים געוואָלט דערווייטערן דאָס פאָלק פון דער תורה, און יוסי האָט מיט דעם געוואָלט אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון די צדוקים און דערמוטיקן תורה און פלפול.

יוסי׳ס רייד ווערן גלייך באַגלייט פון זיין „זוג“ יוסי בן יוחנן איש ירושלים. ער זאָגט: „יהיה ביתך פתוח לרוחה, ויהי עניים בני־ביתך, ואל תרבה שיחה עם האשה“ — די טירן פון דיין הויז זאָלן זיין ברייט אָפן, אָרע־מעלייט זאָלן זיין די אַריינגייער אין דיין הויז און זאָלסט נישט מערן קיין רייד מיט קיין פרוי.

„זאָלן די טירן פון דיין הויז זיין ברייט אָפן“ ווי אַזוי? ווי ביי איובן, וואָס האָט געמאַכט פיר טירן צו זיין הויז: קיין דרום, קיין מזרח, קיין צפון און מערב, כדי אָרעמעלייט זאָלן זיך נישט דאַרפן מיען אַרומרינגלען דאָס הויז, נאָר דער וואָס קומט פון צפון, זאָל קאָנען אַריינקומען באַלד, און אַזוי אין אַלע זייטן.

„און אָרעמעלייט זאָלן זיין דיינע בני־בית“ נישט דיינע בני־בית ממש, נאָר די אָרעמעלייט זאָלן רעדן און דערציילן וואָס זיי עסן און טרינקען ביי דיר. ווי די אָרעמעלייט פלעגן דערציילן וואָס זיי האָבן געגעסן און געטרינ־קען אין איובס הויז. און ווען אַן אָרעמאַן האָט באַגעגנט אַן אַנדערן, האָט ער אים געפרעגט; פון וואַנען קומסטו? פון איוב׳ס הויז! און וואוהין גייסטו? צו איוב׳ס הויז!

עס ווערט דערציילט: אַז ווען די גרויסע שטראָף איז געקומען אויף איובן, האָט ער געטענהט פאַר גאָט: רבונו של עולם! האָב איך דען נישט געזעטיקט הונגעריקע און אָנגעטרונקען דאָרשטיקע און באַקליידעט נאַקעטע? האָט הקדוש ברוך הוא אים געענטפערט: איוב, האָסט נאָך נישט דערגרייכט צו אַיין אַלבן שעור פון אברהמ׳ן. דו זיצסט און וואַרטסט אין דיין הויז, און אורחים קומען אַריין צו דיר; אברהם אָבער, האָט אַזוי נישט געטאָן, נאָר איז

אַרומגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט, און אַז ער האָט געפינען אורחים האָט ער זיי אַריינגעבראַכט צו זיך אין שטוב. דו פלעגסט געבן פלייש צו דעם וואָס איז געוואוינט געווען צו עסן פלייש, און אָנטרינקען מיט ווייַן דעם וואָס איז געוואוינט געווען צו טרינקען וויין; אברהם אָבער, פלעגט אַזוי טאָן: דעם, וואָס איז נישט געוואוינט געווען צו עסן ווייצן ברויט, האָט ער אים געגעבן ווייצן ברויט, דעם וואָס איז נישט געוואוינט געווען צו עסן פלייש, האָט ער אים דערלאַנגט פלייש, און דעם וואָס איז נישט געוואוינט געווען צו טרינקען וויין, האָט ער אים דערלאַנגט וויין. און נישט נאָר דאָס אַליין, נאָר ער האָט אויך אויסגעבויט גרויסע פּאַלאַצן אויף די שיידוועגן, און האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט עסנוואַרג און געטראַנקען, און ווער עס איז אַריינגעקומען האָט גענומען און געגעסן און געדאַנקט גאָט.

הכנסת אורחים איז אויך איינע פון די גרעסטע מצוות! האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אַז רב האָט געזאָגט: הכנסת אורחים איז גרעסער נאָך ווי פון מקבל זיין די שכינה. ווען אברהם אבינו האָט דערזען די אורחים, האָט ער זיך געבעטן ביי גאָט ער זאָל אים צווואַרטן ביז ער וועט אַריינברייגען די אורחים אין שטוב. ווי עס איז געשריבן: „און ער האָט געזאָגט: מיין האַר! אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, זאָלסטו נישט אַוועקגיין פון דיין קנעכט״.

און נישט נאָר דאַרף מען געבן עסן און טרינקען אָרעמעלייט, נאָר מען דאַרף אַליין זיי באַדינען:

רבי אליעזר און רבי יהושע און רבי צדוק זיינען געזעסן אין הויז פון רבן גמליאל׳ס זון און געגעסן און געטרונקען. איז רבי גמליאל געשטאַנען איבער זיי און זיי באַדינט. האָט ער געגעבן אַ כוס מיט וויין צו רבי אליעזר, און ער האָט אים נישט גענומען. האָט ער אים געגעבן צו רבי יהושע, און יענער האָט אים יאָ גענומען. האָט אים רבי אליעזר געזאָגט: וואָס איז דאָס, יהושע, מיר זיצן און גמליאל, אונזער רבי שטייט און באַדינט אונז? האָט ער אים געזאָגט: מיר ווייסן אַז אַ גרעסערער פון אים האָט באַדינט. אברהם איז געווען דער גרעסטער פון זיין דור, און עס שטייט געשריבן: „והוא עמד עליהם״ — און ער איז געשטאַנען איבער זיי, און זיי באַדינט. טאָמער וועסטו זאָגן: אַז ווי מלאכים האָבן זיי זיך אויסגעוויזן צו אים? האָבן זיי זיך אויסגעוויזן צו אים ווי — אַראַבער, און מיר — זאָל רבן גמליאל נישט שטיין איבער אונז?

האָט זיי רבי צדוק געזאָגט: ביז וואַנען וועט איר איבערלאָזן דעם כבוד

פון גאָט און זיך אָפּגעבן מיטן כבוד פון מענטשן? הקב״ה מאַכט בלאָזן די ווינטן, און הויבט וואָלקענס, און מאַכט נידערן רעגן און שפּראָצן די ערד, און גרייט אָן אַ טיש פאַר יעדן איינעם; און מיר — זאָל רבן גמליאל אונז נישט באַדינען?

ווי גרויס איז די מצוה פון צדקה און הכנסת אורחים ווייזט דאָס דאָזיקע מעשהלע, דער מדרש דערציילט: רבי עקיבא האָט געהאַט אַ טאָכטער, האָבן די שטערן־זעער געזאָגט: אַז אין דעם טאָג פון איר חופּה וועט איר אַ שלאַנג אַ ביס טאָן און זי וועט שטאַרבן.

אינם טאָג פון איר חופּה האָט זי גענומען אַ האָר־שפּילקע און אַרייַנגעשטעקט אין דער וואַנט. אויף מאָרגן, ווען זי האָט אַרויסגעצויגן די שפּילקע האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ טויטער שלאַנג. האָט איר פּאָטער איר געפרעגט: וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן וואָס דו ביסט ניצול געוואָרן פונם טויט? האָט זי אים געענטפערט: נעכטן ביינאַכט איז אַרייַנגעקומען אַן אָרימאַן, און אַזוי ווי אַלע זיינען געווען פאַרנומען מיט דער סעודה, האָב איך גענומען אַ מתנה וואָס מ׳האָט מיר געשיינקט און האָב עס אים אָוועקגעגעבן. האָט רבי עקיבא איר געזאָגט: טאָכטער מיינע! די מצוה וואָס דו האָסט געטאָן האָט דיך מציל געווען דאָס לעבן. ווייל אַזוי שטייט געשריבן: „צדקה ראַטעוועט פון טויט״.

אויף יוסי בן יוחנן׳ס זאָג „זאָלסט נישט מערן קיין רייד מיט קיין אשה״ ברייַנגט דער מדרש אַ מעשה:

דער תנא רבי מתיא בן חרש איז געזעסן אין בית־המדרש און האָט געלערנט תורה מיט גרויס קדושה ובטהרה. זיין פּנים האָט געשיינט ווי די זון, און זיין בליק איז געווען ווי דאָס פייער פון הימל.

ויהי היום, האָט זיך דער שטן אין אים מתקנא געווען און געזאָגט: קאָן דען זיין אַז אַ ילוד־אשה זאָל זיין אַזוי אָפּגעהיט? און האָט געפרעגט ביי גאָט: רבש״ע, ווי איז ביי דיר אָנגענומען מתיא בן חרש? ענטפערט אים השי״ת: ער איז אַ גרויסער צדיק. זאָגט דער שטן: גיב מיר רשות, וועל איך אים איבערעדן צו אַן עבירה. זאָגט השי״ת: גיי און פּרוּוו, נאָר דו וועסט אים געוויס נישט איבערעדן.

דער שטן האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פרוי, וואָס האָט געלויכטן מיט איר שיינקייט, און האָט זיך געשטעלט פאַר רבי מתיא. האָט דער תנא אָפּגעקערט זיין פּנים פון איר, האָט זי זיך געשטעלט קעגן אים אין דער צווייטער זייט, און אַזוי כסדר.

האָט דער תנא גערופן דעם תלמיד — וואָס האָט אים יענעם טאָג באַדינט און אים געהייסן ברייגנען אן אָנגעגליטן אייזן, מיט וועלכן ער האָט זיך אַליין אויסגעברענט די אויגן.

ווי דער שטן האָט דאָס דערזען, איז ער פאַרציטערט געוואָרן פון שרעק. עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין הימל. האָט גאָט געשיקט דעם מלאָך רפאל ער זאָל דעם תנא אויסהיילן די אויגן.

ווי דער מלאָך רפאל איז געקומען אים היילן, פרעגט אים דער תנא, ווער ביסטו? זאָגט ער אים: איך בין דער מלאָך רפאל, גאָט האָט מיך געשיקט היילן דיר די אויגן. זאָגט אים דער תנא: איך וויל נישט, זאָל זיין אַזוי ווי עס איז.

ווי דער מלאָך איז געקומען מיט דער תשובה צוריק אויפן הימל, האָט אים גאָט געשיקט צום צווייטן מאָל, ער זאָל אים זאָגן אין זיין נאָמען, אַז דער בורא איז אים מבטיח, אַז דער שטן וועט אויף אים נישט האָבן קיין שליטה זיין גאַנץ לעבן.

דער מלאָך רפאל האָט אים אויסגעהיילט, און זיינע אויגן האָבן ווידער געשיינט אין דער הייליקער תורה.

די צווייטע „זוג" אין פרקי אָבות (דער נשיא און דער אָב־בית־דין) זיינען יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי.

יהושע בן פרחיה איז געווען דער נשיא פון די סנהדרין אין דער צייט פון מלך אַלכסנדר ינאי. אין אָבות „א" ווערט געבראַכט יהושע'ס זאָג: „עשה לך רב, וקנה לך חבר, והוה דן את כל אָדם לכף־זכות". שאַף זיך איין אַ רבי, קויף זיך אַ פריינט, און אורטייל יעדן מענטש צום גוטן.

אויפן „וקנה לך חבר" — קויף דיר אַ פריינט, ברייגגט דער מדרש: איינער פון די גרויסע תנאים האָט מתפלל געווען צו גאָט, און געפאַסט תעניתים מען זאָל אים וויזן מן השמים ווער עס איז זיין שכן אין גן־עדן. כדי ער זאָל וויסן אין וועלכער מדרגה ער איז. האָט מען אים מגלה געווען אין חלום אַז איינער, אַ קצב וועט זיין זיין שכן אויף יענער וועלט.

האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דערשראָקן פונם חלום, און האָט ווידער אָנגעהויבן צו פאַסטן און מתפלל זיין מ'זאָל בטל מאַכן דעם באַשלוס, ווייל ער האָט גערעכנט פאַר אַן אומכבוד צו זיצן לעבן אַזאַ פּראָסטן מענטשן.

האָט מען אים געענטפערט אין חלום: מען האָט דיר שוין איין מאָל מודיע געווען אַז דער קצב איז דיין שכן, און עס קען אַנדערש נישט זיין.

האָט דער תנא אויפן צווייטן חלום נאָך מער געוויינט און געקלאָגט, און ווידער געפאַסט און תפלה־געטאָן. האָט מען אים דאָן געזאָגט מן השמים אַ דריטן מאָל: ווען דו וואָלסט נישט געווען אַ גרויסער חסיד, צדיק און בעל מעשים טובים, וואָלט מען דיך דן געווען למיתה ח״ו. למאַי ווילסטו נישט ליידן אַז יענער קצב זאָל זיין דיין שכן? ווייסטו דען וואָס יענער מענטש האָט אַזוינס אויפגעטאָן אין זיין לעבן? עס איז אַ גרויסע זכיה פאַר דיר צו זיצן לעבן אים אין גן־עדן!

אויף מאָרגן אַז דער תנא אַריין צום קצב אין קראָם און אים געפרעגט: זאָג מיר דעם אמת, וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן וואָס דו ביסט אַזוי חשוב ביים רבש״ע? ענטפערט דער קצב: זעסט דאָך מיין שווערע אַרבעט, און וואָס איך פאַרדין גיב איך האַלב פון דעם אויף צדקה, און מיט דעם איבעריקן שפּייז איך זיך מיט מיין ווייב און קינדער. זאָגט דער תנא: דאָס איז אפילו אַ גרויסע מצוה, נאָר ווי איך פאַרשטיי, האָסטו געטאָן נאָך אַ גרעסערע זאַך, וואָס נישט אַלע קענען דאָס טאָן. האָט דער קצב זיך געקווינקעלט, נאָר ווייל דער תנא האָט אים שטאַרק געבעטן האָט ער אים דערציילט:

מיט יאָרן צוריק בין איך געגאַנגען אין גאַס, האָב איך געזען ווי אַ מחנה רוימישע זעלנער פירן געפאַנגענע, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ יונגע מיידל וואָס האָט שטאַרק געוויינט. האָב איך געפרעגט ביי איר: ליב קינד, וואָס וויינסטו? ענטפערט זי: איך בין פון ירושלים, פון אַן אַלטער אידישער משפּחה פון גרויסן יחוס, איצט בין איך אַ געפאַנגענע ביי די רוימער, און זיי קענען מיך נאָך מטמא זיין און צווינגען מיך אַז איך זאָל אויסבייטן מיין גלויבן, ווי זאָל איך נישט וויינען? געפינט זיך נישט אַ גוטער מענטש וואָס זאָל מיך אַרויסנעמען פון די הענט פון די אכזרים?

ווי איך האָב דאָס דערהערט האָב איך זי באַרואיקט און בין באַלד אַוועק צום עלטסטן פון די רוימער, און בין מיט אים דורכגעקומען פאַר אַ גרויסער סומע געלט, וואָס איז אפילו געווען ניט נאָך מיינע מיטלען, און ער האָט זי מיר אַרויסגעגעבן. אַזוי אַרום האָב איך מקיים געווען די מצוה פון פדיון שבויים.

איך האָב דאָס מיידל געהאַלטן ביי זיך ווי אַן אייגן קינד. איך האָב זי דערצויגן אינם אידישן וועג, און ווען זי איז געוואָרן עלטער, האָב איך זי

פאַרקנסט מיט מיין זון. געקויפט איר שיינע קליידער, פיינע תכשיטים (ציר־רונג) און זיך געגרייט צו דער חתונה.

צו דער חתונה האָב איך פאַרבעטן אַלע שטאָט־בעלי־בתים און אויך אָרעמעלייט זיי זאָלן קומען צו דער סעודה, פאַר וועלכער איך האָב אַלעס צו־געגרייט פונם שענסטן און בעסטן, אויפן רייכן שטייגער.

בעת איך האָב אָכטונג געגעבן אַז די געסט זאָלן עסן און טרינקען און הנאה האָבן, דערזע איך אַ יונגער מאַן זיצט און וויינט, און פאַרשטערט מיר די שמחה. איך האָב אים פאַרבעטן אין אַ זייטיקן חדר און אים געפרעגט וואָס איז די סיבה וואָס ער וויינט? האָט ער מיר דערציילט: אַז די כלה איז אַ פאַר־קנסטע צו אים, און ער אַליין שטאַמט אויך פון די באָרימטע אידישע משפחות. אַז נאָך דעם ווי די רוימער האָבן זיין כלה געפאַנגען איז ער געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, ביז ער האָט זי דאָ געפינען, נאָך פאַר דער חופה.

איך האָב אים געבעטן אַז ער זאָל מיר ווייזן די תנאים, האָט ער זיי מיר געוויזן. איך האָב דאַן אַרויסגערופן מיין זון און האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשה, און געזאָגט צו אים: מיין טייערער זון! דו זאָלסט טאָן מיין רצון און זיך אָפזאָגן פונם שידוך.

מיין זון האָט באַלד געטאָן מיין רצון, און איך האָב גענומען אַלע מל־בושים און די צירונג וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר מיין זון און דער כלה, און אָוועקגעגעבן צום בחור און זיין כלה, און די חתונה איז געווען פאַר זיי.

נאָך דעם האָב איך געהאַלטן דאָס פאַרפאַלק אויף קעסט ביז זיי זיינען אָוועקגעפאָרן צו זייערע עלטערן.

ווי דער תנא האָט דאָס אויסגעהערט זאָגט ער צום קצב: געלויבט זאָלסטו זיין צו גאָט, וואָס האָסט מיך באַרואיקט און דערפרייט מיין האַרץ, גליקליך בין איך וואָס דו וועסט זיין מיין שכן אויף יענער וועלט.

נאָך יהושע בן פרחיה קומט נתאי הארבלי, זיין פאַר. ער זאָגט: „הרחק משכן רע, ואל תתחבר לרשע" — דערווייטער זיך פון אַ שלעכטן מענטשן, און זאָלסט זיך נישט חברן מיט אַ רשע.

די כוונה איז מ'זאָל זיך דערווייטערן פון די צדוקים, וואָס האָבן געליי־קענט אין דער תורה שבעל־פה, נאָר מען זאָל גיין אין די וועגן פון די פרושים, וואָס גלויבן אין דער מסורה.

פֿאַר אַ ביישפּיל האָט ער אָנגעוויזן אויף יוחנן, דעם כהן־גדול, וואָס הגם יענער האָט געהאַלטן מיט די פּרושים, האָט ער פונדעסטוועגן זיך אויך נישט דערוויטערט פון די צדוקים; און זיך געחברט מיט זיי. דער סוף איז געווען, אַז אויף דער עלטער האָט ער אינגאַנצן איבערגעריסן מיט די פּרושים, זיי דער־ווייטערט פונם סנהדרין, און באַשטימט אויף זייער אָרט לויטער צדוקים.

אַ משל: צוויי טעפּ, איינער אַ ערדישער און דער אַנדערער אַ קופּער־נער זיינען געטראָגן געוואָרן פונם שטראָם אין טייך אַריין. דער קופּערנער טאָפּ האָט געבעטן זיין פריינט ער זאָל זיך האַלטן לעבן זיין זייט, וועט ער קענען אויפפּאַסן אַז עס זאָל אים קיין שלעכטס נישט געשיין.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, פאַר דיין גוט האַרץ — האָט געענטפערט דער ערדענער טאָפּ— אָבער טאַקע פאַר דעם האָב איך מורא. אויב דו ווילסט מיר טאָן אַ טובה, האַלט זיך פון מיר אַ ביסל פון דערווייטענס, וועל איך אַרונ־טערשווימען בשלום, נאָר טאָמער קומען מיר זיך צונויף צוזאַמען, בין איך זיכער אַז איך וועל זיין דער געליטענער.

אויך זאָגט ער: „ואל תתיאש מן הפורעניות" — מאַך ביי זיך נישט אָפּ אַז מען קריגט נישט באַשטראָפט פאַר די זינד.

אַ משל: אַ מוק, וואָס האָט קיינעם נישט געלאָזט צורו, און דאָרט ווי זי האָט נאָר געקענט, האָט זי געטאָן אַ ביס, אַבי צו מוטשען — האָט איינמאָל, בייסענדיק אַ נאָז, גענומען רעדן מיט גרויס שטאָלץ: פון טיטוס צייטן אָן איז אונזער מלאכה פון אַלע אַנדערע די קרוין, און דעם שכר וואָס מיר קריגן פאַר אונזער בייסן, איז מער ווי עס קריגן אַלע פליגן, וואָס בייסן מכלומרשט כדי יוצא זיין. אַחוץ דעם, איז גלאַט אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי יענער רייבט זיך די נאָז און טרייבט און קען אונז נישט פאַריאָגן. נו, רייס איך טאַקע און פליק, שטעך און זויג, און בין צווישן שטעכערס אַ גדול!

נאָר דער מוק האָט פאַרגעסן אַז ערגעץ זיינען דאָ צען פינגער, פון וועל־כע איינער איז גענוג אים צו ממיתן. און פלוצלים טאַקע איז אַרונטער אַ פּאַטש, אַ שטאַרקער — און געבליבן איז בלויז אַ שוואַרצער פלעק...[1]

די דריטע פּאָר פון די „זוגות" זיינען יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח.

יהודה בן טבאי איז געווען דער נשיא פונם סנהדרין אין דער צייט פונם צווייטן בית־המקדש. אין אבות „א" זאָגט ער: „אַל תעש עצמיך כעורכי הדינין" — דו זאָלסט נישט זיין ווי די וואָס גרייטן צו די טענות צו די בעלי־

דינים וואָס דאַרפן זיך לאָדן, און ווען די וואָס לאָדן זיך שטייען פאַר דיר, זאָלן זיי ביי דיר זיין פאַררעכנט פאַר שולדיקע, און ווען זיי גייען אַוועק פון דיר זאָלן זיי ביידע זיין אין דיינע אויגן ווי זיי זיינען גערעכט, אויב זיי האָבן אויף זיך מקבל געווען דעם משפט.

יהודה׳ס „זוג״ איז שמעון בן שטח. ער איז געווען דער ברודער פון שלומית, דאָס ווייב פון מלך אַלכסנדר ינאי. און ווייל ינאי איז געווען אַ צדוקי, האָבן די צדוקים פאַרכאַפּט דעם סנהדרין, און געוואָרן דאָרט די מערהייט. די פּרושים האָבן דאַן געמוזט מבטל זיין זייער מיינונג פאַר דער מערהייט פון די צדוקים.

האָבן די פּרושים אינגאַנצן פאַרלאָזט דעם סנהדרין, חוץ איין פּרושי וואָס האָט געהאַט גרויס גלויבן אַז דאָס טראַדיציאָנעלע אידישקייט וועט דאָך זיגן. אָט דער פּרושי איז געווען שמעון בן שטח. ער איז געזעסן מיט די סנהדרין און נישט דערלאָזט די צדוקים טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. ער איז געשטאַנען קעגן זיי מיט שכל און מיט ראיות, און האָט זיי אַלע מאָל באַזיגט.

איינמאָל האָבן די צדוקים געמשפּט אַ באַשולדיקטן און נישט אָנגעוויזן דעם דין אין דער תורה, האָט שמעון בן שטח צו זיי געזאָגט: איר משפּט אַ מענטשן און ווייזט נישט אָן דאָס אָרט פונם דין אין דער תורה, שעמט אייך! האָט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער פון זיי און ער האָט געזאָגט: גיב מיר איין טאָג צייט נאָכצוזוכן דעם דין. האָט ער געזוכט אין דער תורה און האָט דעם דין נישט געפונען; האָט ער זיך פאַרשעמט און איז אויף מאָרגן נישט געקומען. האָט שמעון געזאָגט: איינער פון די סנהדרין פעלט, און מיר טאָרן נישט משפּטן ביז די צאָל פון זיבעציק און איינס וועט זיין פול. האָט ר׳ שמעון באַשטימט איינעם פון זיינע תלמידים, אַ פּרושי, אויפן אָרט פון דעם צדוקי וואָס האָט אויסגעפעלט. אַזוי האָט ער געטאָן טאָג איין און טאָג אויס, ביז ער האָט דערוויטערט אַלע צדוקים. שמעון האָט געפראַוועט אַ יום־טוב, דעם אַכט און צוואַנציקסטן טאָג אין חודש טבת, ווייל דעמאָלט איז דער סנהדרין געוואָרן פריי פון די צדוקים (קידושין, ס״ו).

פון דאַן אָן האָט דער מלך ינאי שלום געמאַכט מיט די פּרושים, און דאָס האָט נאָך מער דערוועקט אין שמעונען ער זאָל זיך שטעלן שטאַרקער קעגן די צדוקים; און אַלץ וואָס ער האָט געלערנט, און אַלע תקנות וואָס ער האָט געמאַכט, זיינען געווען קעגן די געדאַנקען פון די צדוקים.

ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגן אַ פראַגע פון גערעכטיקייט האָט שמעון בן שטח נישט מורא געהאַט אפילו פאַרן קעניג ינאי אַליין.

איינמאָל האָט ינאי׳ס אַ קנעכט געהרגעט אַ מענטשן! האָט שמעון גע־שיקט אַ שליח צו ינאי: דיין קנעכט האָט געהרגעט אַ מענטשן! האָט ינאי גע־שיקט דעם קנעכט צום בית־דין מ׳זאָל אים משפטן. אָבער שמעון האָט אים צוריקגעשיקט, ווייל דער בעל־הבית פונם קנעכט איז מחויב אַליין צו קומען צום בית־דין, לויטן דין.

איז ינאי געקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַרן סנהדרין, האָט שמעון געזאָגט צו אים: מלך ינאי, שטעל זיך אויף און גיב אָפּ כבוד דער תורה, ווי עס איז געשריבן אין איר: „ועמדו שני האנשים" — עס זאָלן זיך אויפשטעלן ביידע מענטשן וואָס האָבן אַ דין־תורה. האָט ינאי אים געענט־פערט: נישט ווי דו אַליין זאָגסט, אַז איך דאַרף זיך אויפשטעלן, וועט בלייבן, נאָר ווי דיינע חברים וועלן זאָגן אַזוי וועט זיין!

אָבער, זיינע חברים, אויס מורא פאַרן מלך, האָבן געשוויגן. האָט שמעון צו זיי געזאָגט: איר זענט מענטשן מיט אונטערגעדאַנקען, זאָל קומען דער וואָס פאַרשטייט אייערע געדאַנקען און זאָל אייך משפטן! (סנהדרין, י"ט).

שמעון בן שטח האָט מתקן געווען אַ סך תקנות. איינע פון זיי איז: אַז אויף יעדן איד ליגט דער חוב ער זאָל שיקן זיין קינד אין חדר. (כתובות, פ"ח)

אין אבות „א" זאָגט ער: הוי מרבה לחקור את העדים, והוי זהיר בדבריך, שמא מתוכם ילמדו לשקר" — זאָלסט גוט אויספאָרשן די עדות, און זאָלסט זיך היטן מיט דיינע רייד, טאָמער וועלן זיי פון דיינע רייד זיך לערנען ליגן זאָגן.

די פערטע „זוג" איז שמעיה און אבטליון. זיי האָבן געשטאַמט פון גרים, קינדס־קינדער פון סנחרב. (גיטן, נ"ז)

זייער רבי איז געווען שמעון בן שטח, פון אים האָבן זיי געלערנט תורה. אין איין פונקט זיינען זיי מיט אים נישט געווען איינשטימיק. שמעון האָט זיך צופיל געמישט אין דער פירונג פון דער רעגירונג אַליין. שמעיה און אבטליון האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך בעסער אָפּגעבן צו באַפעסטיקן דעם דת־ישראל, איידער זיך צו מישן אין דער רעגירונג. פאַר דעם צוועק האָבן זיי מקדיש געווען אַלע זייערע כוחות.

דאָס איז דער געדאַנק פון שמעיה׳ס זאָג אין פרק „א". „אהב את המלאכה

ושנא את הרבנות, ואל תתודע לרשות" — האָב ליב די אַרבעט און האָב פיינט הערשאַפט, און זאָלסט זיך נישט לאָזן דערקענען צו דער הערשענדער מאַכט. (נישט זוכן קיין פּאָליטישע קאַריערע).

די שפּעטערע חכמים טייטשן אַנדערש דעם „ואל תתודע לרשות", זיי זאָגן: האָב ליב די אַרבעט וועסטו דערוויטערן פון זיך די אָרעמקייט. „רשות" שטאַמט פון וואָרט „ריש", (אָרעמקייט).

שמיה'ס „זוג", אבטליון איז געווען דער גרעסטער דרשן פון זיין צייט, אַ גרינטלעכער דערקלערער פון אידישקייט. אין פּרק זאָגט ער: „חכמים הזהרו בדבריכם" — חכמים זייט געוואָרנט מיט אייערע רייד, ווייל די תלמידים קע־נען זיי נאָך שלעכט אויסטייטשן און דער נאָמען פון גאָט וועט ווערן פאַר־שוועכט.

די פינפטע פּאָר זיינען הלל און שמאי. הלל איז באַקאַנט אַלס הלל־הזקן.

עס ווערט דערציילט (סוטה, כ"ה) אַז הלל האָט געהאַט אַ ברודער, אַ רייכן סוחר, שבנא האָט ער געהייסן. איין מאָל האָט שבנא געזאָגט צו הללן: לאָמיר מאַכן שותפות אין מסחר און זיך טיילן מיטן רווח. איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: ווען אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן זיין גאַנץ רייכטום וועט מען זיך פון אים ניט אויסלאַכן? ווען הלל האָט דערהערט די רייד, האָט ער זיך אָפּ־געזאָגט פונם שותפות מיטן ברודער, און איז אַוועק קיין ירושלים, צו שמעיה און אבטליון לערנען תורה.

הללס התמדה צו לערנען תורה איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון דעם ווייניקן וואָס ער האָט פאַרדינט פלעגט ער האַלב פון דעם אָפּגעבן דעם שומר פון בית־המדרש, יענער זאָל אים אַריינלאָזן אַלע טאָג הערן דעם שיעור.

איין טאָג האָט הלל גאָרנישט פאַרדינט און האָט נישט געהאַט וואָס צו געבן דעם שומר, האָט יענער אים נישט אַריינגעלאָזט אין בית־המדרש. הלל האָט אָבער געוואָלט הערן ווי שמעיה און אבטליון לערנען, איז ער אַרויף אויפן דאַך פונם בית־המדרש און האָט זיך געלייגט איבער דעם דאַך־פענסטער און צוגעהערט ווי זיי לערנען.

דאָס איז געווען אין חודש טבת, ווען דער טאָג איז קורץ. שמעיה און אבטליון האָבן געהאַט געלערנט די גאַנצע נאַכט און עס איז שוין געווען אַ שטיק אין טאָג אַריין, און עס איז נאָך אַלץ פינסטער געווען. האָבן זיי זיך

געוואונדערט. נאָר זיי האָבן געמיינט אַז עס איז אַ וואָלקענדיקער טאָג, און האָבן ווייטער געלערנט.

עס איז אַוועק נאָך צייט און עס איז נאָך אַלץ פינסטער געווען, איז זיי געוואָרן אויפפאַלענד די זאַך, האָבן זיי אַ קוק־געטאָן צום דאַך־פענסטער און דערזען אַ מענטשלעך געשטאַלט דאָרטן ליגן. זיי זיינען אַרויף אויפן דאַך און דערזען הללן ליגן, און אויף אים איז איבער נאַכט אָנגעפאַלן שניי דריי איילן הויך. זיי האָבן אים אַראָפּגענומען אין בית־המדרש און אים אָנגעוואָרעמט. דעם שומר האָט מען פאַרזאָגט, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער הללן אַריינלאָזן אין בית־המדרש.

הלל האָט דאַן געלערנט טאָג און נאַכט און איז געוואָרן אַ גדול־הדור.

איינמאָל איז אויסגעפאַלן שבת פערצן טאָג אין ניסן. און די „בני־בתירא״, וואָס זיינען געווען די עלטסטע פון דעם סנהדרין האָבן נישט גע־דענקט דעם דין, צי פסח איז דוחה שבת, צי ניט. האָבן זיי אויסגערופן: גע־פינט זיך דאָ אַ מענטש וואָס ווייסט צי פסח איז דוחה שבת צי נישט? האָט מען זיי געזאָגט: פאַראַן דאָ אַ איד, וואָס איז געקומען פון בבל, הלל הבבלי רופט מען אים, ער ווייסט געוויס דעם דין. האָט מען הללן גערופן און אים געפרעגט דעם דין. האָט ער זיי געזאָגט: יאָ, פסח איז דוחה שבת! מאי דאָך? „תמיד״ פאַרוואָס עס קומט נישט קיין כרת איז דוחה שבת, היינט פסח, וואָס עס קומט יאָ כרת זאָל נישט דוחה זיין שבת? (פסחים, ס״ו).

אַז די בני־בתירא האָבן דערזען הללס גרויסקייט אין תורה, און אַז ער שטייט פיל העכער פון זיי, האָבן זיי אים געמאַכט פאַרן נשיא אין ארץ־ישראל. אויך דער קעניג הורדוס האָט אים שיין אויפגענומען. און אַכציק פון די גרעס־טע תנאים פון זיין דור זיינען געקומען צו אים לערנען תורה, און האָבן זיך גערופן זיינע תלמידים.

ווען הלל־הזקן האָט געזען אַז די רייכע ווילן נישט לייען קיין געלט צו אָרעמע לייט צוליב דער מורא פאַרן יאָר פון שמיטה, האָט ער מתקן געווען אַ „פרוזבול״ — אַ תקנה: דער מלוה ברענגט זיין שטר צום בית־דין און ער שרייבט אָן: דיינים, איך גיב אָן יעדן חוב וואָס מען קומט מיר, איך זאָל אים קאָנען איינמאָנען ווען איך וויל. די דיינים שרייבן זיך אונטער, און דער חוב גייט אַרויס פונם מלוה׳ס רשות צום רשות פונם בית־דין. און ווייל דער בית־דין איז נישט קיין יחיד, איז נישט חל אויף אים דער חוב פון מצות שמיטה,

און ער קען אויפמאָנען דעם חוב אויך נאָך שמיטה־יאָר. אַזוי האָט הלל פאַר־גרינגערט פאַר די אָרעמעלייט צו קריגן הלוואות.

הלל האָט געהאַט גרויס בטחון אין גאָט, ער פלעגט זאָגן: „ברוך ה׳ יום יום״.

די שייכות צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל האָט ער אויסגעדריקט אויפן אינטימסטן שטייגער; צום ארט, וואָס מיין הארץ האָט ליב, אַהין פירן מיך מיינע פיס. אויב דו וועסט קומען צו מיר, אין מיין הויז, וועל איך קומען צו דיר, אין דיין הויז. אויב דו וועסט נישט קומען צו מיר, וועל איך צו דיר אויך נישט קומען. (סוכה,נ״ג)

דער יסוד פון דער גאַנצער תורה — זאָגט הלל — איז: „דעלך סני לחבריך לא תעביד״ — וואָס דו האָסט נישט ליב מען זאָל טון צו דיר, זאָלסטו נישט טאָן צו אַ צווייטן. דאָס איבעריקע אין דער תורה איז אַ פירוש צו דעם דאָזיקן הויפט־פונקט.

אין פרק „א״ זאָגט ער: הוה מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות, ומקרבן לתורה״. — דו זאָלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן־הכהן, האָב ליב עס זאָל זיין שלום צווישן מענטשן, און יאָג זיך שלום צו מאַכן צווישן מענטשן, האָב ליב אַלע מענטשן און מאַך זיי זיך דערנענטערן צו דער תורה.

נאָך זאָגט ער: „נגיד שמא אבד שמא, ודלא מוסיף יסף, ודלא יליף קטלא חיב, ודאשתמש בתגא חלף״. — ווער עס גרויסט זיך מיט זיין גרויסן נאָמען, ווערט זיין נאָמען פאַרלוירן, ווער עס לערנט נישט איבער פיל מאָל וואָס ער האָט געלערנט, ווערט זיין לערנען פאַרגעסן. דער וואָס לערנט גאָר־נישט איז אַליין שולדיק אין זיין נישט־וויסן. און ווער עס האָט פערזענלעכע נוצן פון דער קרוין פון דער תורה, וועט ער פאַרשניטן ווערן פון דער וועלט.

נגיד שמא אבד שמא — ווער עס גרויסט זיך מיט זיין גוטן נאָמען, דער פאַרלירט זיין נאָמען.

אַ משל: אַ קעניג האָט געוואָלט וויסן וואָס זיינע מענטשן דענקען וועגן אים, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רייזענדן, און אַרומפאָרענדיק איבער דער מדינה איז ער איינמאָל אַריין צו אַ סקולפּטאָר און אים אויסגעפרעגט אויף די פרייזן פון געוויסע סטאַטועס. אַנווייזנדיק אויף אַ סטאַטוע פון אַ געוויסן פּי־לאָזאָף, האָט ער געפרעגט וויפיל ער וויל פאַר דעם. אַ דראַכמע, — האָט

געזאָגט דער סקולפּטאָר. דער קעניג האָט געפרעגט נאָך אויף אַ סטאַטוע פון אַ באַוואוסטן געלערנטן, האָט דער סקולפּטאָר געוואָלט נאָך אַ העכערן פּרייז. דער קעניג האָט דערזען זיינס אַן אייגענע סטאַטוע, און ער האָט אים געפרעגט: וויפיל האָט די ווערט די סטאַטוע? פאַר דער — האָט געזאָגט דער סקולפּטאָר — אויב דו וועסט מיר באַצאָלן דעם פּרייז פאַר די אַנדערע צוויי, וועל איך דיר די צוגעבן אומזיסט. [2])

נאָך פלעגט ער זאָגן: „אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני, ואם לא עכשיו אימתי״? — ווען איך וועל מיר אַליין נישט העלפן, ווער וועט מיר העלפן? ווען איך העלף מיר, נאָר איך האַלט דאָס לערנען בלויז פאַר זיך, און לערן נישט אַ צווייטן — וואָס בין איך? און אַז איך וועל היינט נישט לערנען — טאָ ווען דען?

אַ משל: אויף אַ פעלד, וואו דער קאָרן איז שוין רייף געווען האָבן זיך אויפגעהאַלטן א סך יונגע פייגעלעך, און זייער מוטער, פלעגט יעדן טאָג, איידער זי איז אַוועקגעפלויגן קלויבן ווערעמלעך — אָנזאָגן אירע קינדערלעך, זיי זאָלן איר איבערגעבן אַלע נייעסן וואָס עס וועט טרעפן דורכן טאָג.

איין מאָל, ווען די מוטער איז געווען ווייט אַוועק, איז דער באַלעבאָס פון פעלד געקומען אַ קוק־טאָן אויפן קאָרן.

ס׳איז שוין צייט — האָט ער געזאָגט צו זיין זון — צונויפרופן אַלע מיינע גוטע שכנים און אַרונטערנעמען דעם קאָרן.

ווען די מוטער איז געקומען אַהיים, האָבן די פייגעלעך איר דערציילט וואָס זיי האָבן געהערט, און געבעטן איר זי זאָל זיי צונעמען פון דאַנען.

מיר האָבן נאָך צייט — האָט די מוטער געזאָגט — אויב ער פאַרלאָזט זיך אויף שכנים, וועט ער דאַרפן גענוג וואַרטן מיטן שניידן.

אויף מאָרגן איז דער פאַרמער ווידער געקומען און ער האָט דערזען, אַז די זון איז שטאַרק און דער קאָרן איז רייף, און עס איז גאַרנישט געטאָן געוואָרן. מען טאָר מער קיין מינוט נישט פאַרלירן — האָט ער געזאָגט צום זון — מיר קענען זיך נישט פאַרלאָזן אויף שכנים. מיר דאַרפן רופן אונזערע פעטערס און פלימעניקעס, גיי און זע אַז זיי זאָלן אָנהויבן מאָרגן צו שניידן.

אין גרויס שרעק האָבן די יונגע פייגעלעך איבערגעגעבן זייער מוטער דעם פאַרמערס רייד.

אויב דאָס איז אַלץ — האָט די מוטער געזאָגט — טאָ זייט נישט דער־שראָקן, ווייל די קרובים האָבן זייערע אייגענע פעלדער צו באַזאָרגן.

אויף מאָרגן איז דער פּאַרמער ווידער געקומען מיטן זון, און דערזען ווי די קערנער פאַלן צו דער ערד פון רייפקייט, און קיינער האָט גאָרנישט געטאָן. האָט ער געזאָגט צום זון: מיר טאָרן מער נישט וואַרטן פאַר אונזערע שכנים און קרובים. מאָרגן גאַנץ פרי וועלן מיר זיך אַליין נעמען צו דער אַרבעט.

ווען די יונגע פייגעלעך האָבן דערציילט זייער מוטער וואָס זיי האָבן היינט געהערט, האָט זי געזאָגט: אויב אַזוי, אַז שוין צייט זיך אָפּצוטראָגן פון דאַנען, ווייל ווען אַ מענטש נעמט די זאַך אין זיינע אייגענע הענט, אנשטאָט זיך צו פאַרלאָזן אויף פרעמדע, מעגט איר זיין זיכער, אַז ער וועט מאָרגן זיך נע־מען צו דער אַרבעט. [3]

הללס „זוג" איז שמאי, דער אב בית־דין.

שמאי האָט געהאָט אַן אייגענע ישיבה און תלמידים, די בית־שמאי. זיי זיינען געווען די „מחמירים" די שטרייגנגע אויסטייטשער פון דין, און זיינען אין פיל הלכות געווען אין מחלוקה מיט בית־הלל, וואָס האָבן געפּסקענט די הלכה „לקולא" — גרינגער.

שמאי איז אין אופן פון לערנען געווען דער היפוך פון הלל. הללס וועג איז געווען דער וועג פון דערקלערונג און קריטישן אַנאַליז, און שמאי׳ס וועג איז געווען דער וועג פון פּלפּול און שאַרפער שכל.

דריי יאָר האָבן די בית־הלל און די בית־שמאי זיך אַרומגעקריגט. די האָבן געזאָגט, די הלכה איז ווי מיר זאָגן, און די האָבן געזאָגט, די הלכה איז ווי מיר זאָגן. איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: איר האָט ביידע רעכט, נאָר די הלכה בלייבט ווי די בית־הלל. (עירובין, י"ג).

דאָך האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן באַהאַנדעלט מיט כבוד און חברשאַפט, און אין אַלע תקנות וואָס הלל האָט מתקן געווען האָט אויך שמאי געהאַט אַ חלק אין זיי. (שבת, י"ד).

יאָזעפוס פלאַוויוס, דער באַרימטער אידישער היסטאָריקער פון דער צייט פון חורבן בית־שני דערציילט, אַז ווען מלך הורדוס איז געווען דער מי־ליטערישער קאָמאַנדיר פון גליל, האָט ער אַן אַ משפט געטויט די גליל קנאים, חזקיה און זיינע חברים, וואָס האָבן געוואָלט באַפרייען דאָס לאַנד פון די רוי־

מער — האָט שמאי דאַן געשטראָפּט די סנהדרין פאַר חנפ׳ענען הורדוסן, און ער האָט אויף זיי געווירקט זיי זאָלן הורדוסן פאַרמשפּטן צום טויט. הורדוס איז דאַן אַנטלאָפן קיין סיריע.

אין אָבות „א" איז פאַראַן שמאי׳ס אַ מאמר וואָס שטימט נישט מיט זיין כאַראַקטער, ער זאָגט: „והוי מקבל את כל אָדם בסבר פנים יפות" — נעם אויף יעדן מענטש מיט אַ פריינטלעך פּנים. און אין דער גמרא ווערט שמאי באַצייכנט אַלס קפדן, אַ כעס׳ניק מיט וועמען עס איז שווער אויסצוקומען (שבת, ל"א).

מיט הלל און שמאי שליסן זיך די „זוגות". דער ערשטער זעלבסט־שטענדיקער תנא נאָך די זוגות איז רבן גמליאל, באַקאַנט אַלס גמליאל הזקן, דער ערשטער מיטן טיטול „רבן".

די גמרא (שבת, קט"ו) דערציילט, אַז רבן גמליאל איז געווען קעגן איבערזעצן הייליקע ספרים אין דער אַראַמייאישער שפּראַך. ער האָט געהייסן די איבערזעצונגען „גונז" זיין, באַהאַלטן זיי, און נישט געלאָזט פאַרשפּרייטן אַ תרגום פון איוב. ער האָט מורא געהאַט אַז מען וועט פון דער איבערזעצונג מיט דער צייט מאַכן אַן עיקר, און מען וועט מיינען, אַז דער תרגום איז אַזוי הייליק ווי דער אָריגינאַל.

שפּעטער האָבן די חכמים מתיר געווען „תרגומים", און עס איז געוואָרן אַ מצוה צו לערנען תורה מיט אַ תרגום.

רבן גמליאל זאָגט אין פּרק: „עשה לך רב והסתלק מן הספק, ואל תרבה לעשרות אמדות" — קריג זיך אַ רבי, זאָלסט האָבן מיט וועמען זיך אַן עצה האַלטן, וועסטו אויסגעהיט ווערן פון ספקות, און זאָלסט נישט גיבן דיין מעשר לויט אָפּשאַצונג, נאָר איבערמעסטן און גיבן די ריכטיקע מאָס.

ביי מעשר שטייט: „עשר תעשר" צוויי מאָל, וואָס דו וועסט מעשרן, לערנט מען „עשר בשביל שתתעשר" — זאָלסט מעשרן כדי זאָלסט רייך ווערן.

עס ווערט דערציילט, אַז איינער וואָס האָט געגעבן מעשר לויטן דין האָט געהאַט אַ פעלד וואָס האָט אַרויסגעגעבן טויזנט מאָס ווייץ, פלעגט ער אַרונטערנעמען הונדערט מאָס פאַר מעשר. פאַר זיין פּטירה האָט ער צוגערופן זיין זון און ער האָט געזאָגט: מיין זון, אַזוי פיל און אַזוי פיל מאָס ווייץ גיט אַרויס דאָס פעלד, און אַזוי פיל מאָס פלעג איך געבן מעשר.

האָט דער זון פאַרזייט דאָס פעלד דאָס ערשטע יאָר און עס האָט אַרויס־

געגעבן טויזנט מאָס ווייץ, האָט ער אַרונטערגענומען פון דעם הונדערט מאָס פאַר מעשר. דאָס צווייטע יאָר האָט דאָס פעלד ווידער אַרויסגעגעבן טויזנט מאָס, האָט ער געגעבן ווייניקער מיט צען מאָס מעשר. אויפן דריטן יאָר האָט דאָס פעלד שוין געגעבן ווייניקער מיט הונדערט מאָס, אַזוי דאָס פערטע יאָר, און אַזוי ווייטער, ביז ער איז פאַראָרעמט געוואָרן.

ווען זיינע קרובים האָבן זיך פון דעם דערוואוסט, האָבן זיי זיך אָנ־געטאָן אין ווייסן און זיי זיינען געקומען צו אים. האָט ער צו זיי געזאָגט: איר זענט זיך געקומען פרייען מיט מיין אומגליק, האָבן זיי געזאָגט: חס ושלום! מיר זיינען געקומען אָפּגעבן דיר כבוד. פריער ביסטו געווען דער בעל־הבית, און גאָט דער כהן, היינט ביסטו דער כהן, קריגסטו צען פּראָצענט פונם פעלד, און גאָט איז דער באַלעבאָס...

נאָך רבן גמליאל קומט שמעון, זיין זון באַקאַנט אין דער גמרא אַלס שמעון בן גמליאל דער ערשטער. ער איז געווען נשיא פונם סנהדרין אין דער צייט פון חורבן פון בית־שני. ער האָט זיך באַטייליקט אינם אויפשטאַנד קעגן די רוימער, און איז אומגעקומען אין קאַמף. ער ווערט פאַררעכנט פאַרן ערשטן פון די „עשרה הרוגי מלכות“.

ער זאָגט אין פּרק „א“ „כל ימי גדלתי בין החכמים, ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה, ולא המדרש עיקר אלא המעשה, וכל המרבה דברים מביא חטא“ — אַלע מיינע יאָרן בין איך געוואַקסן צווישן חכמים און האָב נישט געפונען אַ בעסערע זאַך פאַרן גוף ווי שווייגן. און נישט דאָס שיינע רעדן איז דער עיקר, נאָר דאָס טאָן, און דער וואָס רעדט פיל ברייגנט צו זינד.

אויף דעם זאָג „איך האָב נישט געפונען אַ בעסערע זאַך פאַרן גוף ווי שווייגן“ דערציילן די אַלטע ספרים אַ שיין מעשהלע פון שלמה המלך און די דריי ברידער:

דריי ברידער האָבן געלעבט אין אַ שטאָט ווייט פון ירושלים. ווי יעדער איינער אינם קעניגרייך פון ישראל, האָבן זיי געהערט פון שלמה המלך׳ס גרויסער חכמה. איין טאָג האָבן זיי באַשלאָסן אַז זיי מוזן דעם גרויסן אידישן קעניג זען מיט זייערע אייגענע אויגן.

נאָך אַ לאַנגער נסיעה זיינען זיי אָנגעקומען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און האָבן געבעטן די באַדינער, מען זאָל זיי מעלדן צום קעניג. ווען זיי האָבן זיך געשטעלט פאַרן קעניג, האָבן זיי געזאָגט צו אים: מיר האָבן געהערט

פון דיין גרויסער חכמה, אונזער קעניג! און מיר זיינען געקומען פון אַ ווייטן וועג צו הערן חכמה פון דיין מויל. און מיר האָפן צו הערן חכמה פון דיינע ליפּן אַזוי, אַז מיר זאָלן אויך ווערן קלוגע מענטשן.

„אייער בקשה וועל איך דערפילן" האָט שלמה געענטפערט, נאָר מיט איין תנאי: איר זאָלט דאָ בלייבן און מיך באַדינען דריי יאָר. די ברידער האָבן צוגעשטימט, און זיי זיינען פאַרבליבן דריי לאַנגע יאָר אין ירושלים אַלס דעם קעניגס באַדינער. צום סוף פון די דריי יאָר זיינען זיי ווידער געקומען צום קעניג און געזאָגט: אונזער קעניג! ווי לאַנג נאָך זאָלן מיר דאָ פאַרבלייבן? דריי יאָר זיינען אַוועק און מיר האָבן גאָרנישט געלערנט; לאָז אונז זיך אומקערן צו אונזערע היימען, צו אונזערע ווייבער און צו אונזער אַרבעט, ווייל בלייבן דאָ לענגער איז אַרויסגעוואָרפענע צייט.

שלמה האָט דאַן געהייסן זיין שאַצמייסטער ער זאָל אַריינברענגען דריי הונדערט גאָלד־שטיקער, און שלמה האָט זיי צעטיילט אין דריי חלקים און געזאָגט צו זיי: יעדער איינער פון אייך קאָן זיך אויסקלויבן איינס פון די צוויי זאַכן. יעדער איינער פון אייך קען קריגן הונדערט שטיקער גאָלד, אָדער קריגן פון מיר עטלעכע גוטע עצות. עס איז געווענדט אין אייך, און וואָס איר וועט אויסקלויבן, דאָס וועט זיין אייער באַצאָלט פאַר אייער באַדינען מיך.

די ברידער האָבן לאַנג נישט געטראַכט און האָבן אויסגעקליבן דאָס גאָלד. שלמה האָט יעדן איינעם געגעבן הונדערט שטיקער גאָלד און מיט זיינע ברכות האָט ער זיי אַהיים געשיקט. ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ, האָט זיך דער יונגערער ברודער אָנגערופן: מיינע ברידער, מיר האָבן זיך באַנאַרישט, זיינען מיר דען צוליבן גאָלד געקומען פון אַזוי ווייט צו שלמה המלך? און לאַנגע דריי יאָר אים געדינט פאַר די עטלעכע מטבעות? לאָמיר אומקערן אונזערע חלקים גאָלד צום קעניג און נעמען בעסער די קלוגע רייד וואָס ער האָט אונז פאַרגעשלאָגן.

די אַנדערע צוויי ברידער האָבן זיך צעלאַכט און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, יעדער מיט זיין בייטל גאָלד אין האַנט. דער יונגער האָט אַ מינוט נישט געטראַכט און האָט זיך אומגעקערט צום פּאַלאַץ און זיך געמאָלדן פאַרן קעניג. ער האָט אים געבעטן ער זאָל נעמען דאָס גאָלד צוריק און זאָל אים זאָגן אַ פּאָר קלוגע עצות.

האָט שלמה געזאָגט צו אים: דיין בקשה איז דערפילט געוואָרן. איך עצה דיר זאָלסט טאָן די דריי זאַכן: איידער די זון גייט אונטער זאָלסטו גע־

פינען זיך אַן אָרט צום איבערנעכטיקן. ווען אַ טייך פליסט אַריבער זיינע ברעגן, זאָלסטו נישט װעלן אים אַריבערגיין, און דערציילן נישט דיינע סודות צו קיינעם, אפילו נישט צו דיין ווייב.

דער יונגער ברודער האָט באַלד פאַרלאָזט דעם פּלאַץ און אין אַ קורצער וויַל האָט ער דעריאָגט זיינע ברידער, און זיי האָבן צוזאַמען פאַרגעזעצט דאָס גיין. אין עטלעכע שעה אַרום, ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן, האָבן די דריי ברידער זיך געפונען אויף אַ שיינער לאָנקע. האָט דער יונגער ברודער געזאָגט: דאָ איז אַ פיין פּלאַץ צום איבערנעכטיקן די נאַכט, עס זיינען דאָ פאַראַן בוימער, גראָז און וואַסער. לאָמיר דאָ איבערנעכטיקן די נאַכט און פאַרטאָג וועלן מיר זיך לאָזן ווייטער אין וועג.

די ברידער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו פאָלגן. מיר קענען מאַכן נאַכט־לעגער שפּעטער, האָבן זיי געזאָגט, עס זיינען נאָך דאָ דריי שעה צו זון־פאַר־גאַנג. אויב דו ווילסט דווקא פאָלגן שלמה׳ן, קענסטו דאָ בלייבן, מיר ווילן קיין צייט נישט פאַרלירן.

די ברידער זיינען אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזט דעם יונגן ברודער אַליין אין פעלד. ער האָט זיך געמאַכט באַקוועם, האָט אָפּגעגעסן זיין אָונט־ברויט און איז באַלד אנשלאָפן געוואָרן. פאַרטאָג, ווען די זון האָט זיך צעשיינט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אָנגעזאָטעלט זיין פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

נאָך עטלעכע שעה פאָרן האָט ער דערגרייכט דעם שפּיץ פון אַ באַרג באַדעקט מיט שניי. אין דעם שניי האָט ער געפונען די פאַרפרוירענע קער־פּערס פון זיינע צוויי ברידער. דער יונגער ברודער האָט געקלאָגט און געוויינט. ער האָט אויסגעגראָבן אַ קבר און האָט באַגראָבן זיינע ברידער. האָט מיט־גענומען זייער גאָלד און אַ טרויעריקער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַרונטערגייענדיק דעם באַרג האָט ער דערזען פון ווייטענס אַ טייך אין טאָל. דערווייל האָט די זון דערגרייכט דעם מיטן הימל און דער שניי האָט זיך אָנגעהויבן צולאָזן, און שטראָמען וואַסער האָבן געיאָגט אין טייך אַריין. דאָס קליינע טייכל איז באַלד אַריבער זיינע ברעגן און עס איז אוממעגלעך געוואָרן דעם טייך אַריבערגיין.

ער איז געזעסן אויפן פערד, ביים ברעג פון טייך און נישט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן. פּלוצלים האָט ער דערזען ווי צוויי מענטשן, אויף אייזלען פירן גרויסע קאַסטענס מיט גאָלד, און טרייבן זייערע אייזלען אין

וואַסער אַריין. האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען צו זיי: גייט נישט אַריין אין טייך, ס׳איז סכנות׳דיק, גייט צוריק! נאָר זיי האָבן אים נישט געהערט, און ווען זיי האָבן דערגרייכט אין מיטן טייך האָט דער שטראָם זיי אַ צי געטאָן, די אייזלען האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות און זיי זיינען אַלע דערטרונקען געוואָרן.

דריי טעג האָט ער געוואַרט ביז די וואַסערן פון טייך זיינען קלענער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן זוכן די דערטרונקענע. ווען ער האָט זיי געפונען האָט ער אויסגעגראָבן אַ גרוב און האָט זיי באַגראָבן. זייערע קאַסטענס מיט גאָלד האָט ער אָנגעלאָדן אויף זיין פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז ער בשלום געקומען אַהיים.

באַלד זיינען זיינע צוויי שוויגערינס געקומען צו אים אויסגעפונען וואו זייערע מענער זיינען? ער האָט נישט געוואָלט זיי אָנזאָגן די שלעכטע בשורה, האָט ער זיי געזאָגט: עס איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן שלמה׳ס חכמה האָבן זיי באַשלאָסן צו בלייבן נאָך אַ ביסל צייט אין שלמה׳ס פּאַלאַץ.

פאַרן גאָלד וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט האָט ער זיך איינגעהאַנ־דעלט אַ פעלד, האָט פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן און זיך אויסגעבויט אַ שיינע הויז. זיין ווייב איז געווען זייער צופרידן מיט זיין קומען, און מיטן רייכטום וואָס ער האָט געבראַכט. נאָר זי האָט געוואָלט וויסן וואו ער האָט גענומען אַזוי פיל גאָלד. איר מאַן אָבער האָט געשוויגן. ער האָט גוט געדיינקט שלמה המלך׳ס עצה, און האָט דער ווייב גאָרנישט דערציילט.

די ווייב אָבער האָט אים נישט צורו געלאָזט. יעדן טאָג האָט זי ווי־דערהאָלט די זעלבע פראַגע, און ווען ער האָט נישט געענטפערט איז זי אין כעס געוואָרן אויף אים. סוף־כל־סוף איז איר מאַן מיד געוואָרן פון אירע פראַ־געס און ער האָט איר דערציילט דעם סוד פון זיינע אומגעקומענע ברידער, און פון די צוויי פרעמדע מענטשן וועלכע זיינען דערטרונקען געוואָרן.

די שטראָף איז גיך געקומען. איין מאָל האָבן זיך מאַן און ווייב צעקריגט, און אין איר כעס האָט זיין ווייב אויסגעשריגן: נישט גענוג דיר וואָס דו האָסט געהרגעט דיינע צוויי ברידער, ווילסטו מיך אויך הרגענען?

די רייד האָט מען באַלד אָפּגעטראָגן צו די צוויי אַלמנות פון זיינע ברי־דער, און זיי זיינען אַוועק צו שלמה המלך און געפאָדערט גערעכטיקייט. ווען זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר שלמה׳ן, האָט דער יונגער ברודער דערציילט די גאַנצע מעשה. דער מלך האָט אים דערקענט און האָט געוואוסט דעם אמת.

און ער האָט געזאָגט: גיי בשלום אַהיים! כאָטש דו האָסט נישט געפאָלגט מיין עצה, ביסט אָבער אומשולדיק. איך טרויער אויף די געשטאָרבענע, איך בין אָבער אויך צופרידן וואָס מיינע רייד האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת, און האָבן געהאָלפן כאָטש איינעם פון די דריי, און אים געראַטעוועט פון טויט. קער זיך אום אַהיים און געדיינק, אַז חכמה האָט מער ווערט ווי רייכטום, און שווייגן איז טייערער פון גאָלד.

און „נישט דאָס שיינע רעדן איז דער עיקר, נאָר דאָס טאָן". אַ משל: אַן אויסגעפּאַשעט פערד, וואָס שלעפּט דעם פאַיעטאָן, האָט זיך צערעדט מיט אַ פערד וואָס שלעפּט דעם וואָגן: מיין פריינט! איך וויל דיר עפּעס פאָרטרויען. ווען דו ווייסט מיין ערגערניש, שטייען טאָג און נאַכט איבער אַ פולן זשאָלוב, עסן דעם גאָלדענעם אָבער, און טרינקען די פרישע וואַסער, און גאָרנישט טאָן.

דערלעב איך זיך שוין אַז מען זאָל מיך איינשפּאַנען אין אַ פאַיעטאָן, לויף איך אָפּ אַ פערטל שעה, און אָט בין איך שוין ווידער ביים פולן זשאָלוב.

בעט איך דיך, מיין פריינט, אַז באַלד, טאַקע די מינוט, זאָלסטו דערציילן דיין באַלעבאָס פון מיין ערגערניש, און זאָל ער מיך אָפּקויפן פון מיין באַלע־באָס. איך וויל אויך נוצלעך זיין, און שלעפּן דעם וואָגן ווי דו. געדיינק, איך וויל מיין עסן כשר פאַרדינען.

דער באַלעבאָס האָט גראָדע דאַן געשמירט די רעדער פון וואָגן און צו־געהערט דעם שמועס. האָט ער זיך אָנגערופן צום אויסגעפּאַשעטן פערד: איך דאַרף דיך נישט אָפּקויפן, דו באַלאַנגסט צו מיר, און עס איז טאַקע נישט שיין פון מיין זייט, דיך אַזוי באַהאַנדלען.

איך קלויב זיך איצט אָפּפירן צוואַנציק זעק מעל אין שטאָט אַריין, וועל איך טאַקע גלייך דיך איינשפּאַנען אין וואָגן, און דערווייל וועט דיין פריינט זיך אויסרוען אַביסל די ביינער. און ער האָט אָנגענומען דאָס פערד ביים צוים.

נאָר יענער האָט זיך איינגעגראָבן מיט די פיר פיס אין דער ערד, און רירט זיך נישט פון אָרט.

ווייסט, באַלעבאָס לעבן — האָט דאָס פערד דערשראָקן געזאָגט — איך האָב זיך פאַררעדט, און גאָר פאַרגעסן אַז כ'האָב צום האָבער זיך נאָך נישט צוגערירט. והשנית, האָב איך זיך נעכטן אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פוס, טוט ער מיר נאָך וויי. און וואָס עפּעס אַזוי גיך? איך דאַרף זיך נאָך מיישב זיין, צי זאָל איך אַריינקריכן אין די האָלאָבלעס, איך האָב נאָך צייט!

אַזוי, — האָט דער באַלעבאָס זיך צעשריגן — אַזעלכע לייט ווי דו דאַרף מען גוט אָנלערנען! און ער האָט אים דערלאַנגט מיט דער בייטש. [4]

נאָך שמעון בן גמליאל דער ערשטער קומט רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער. אין דער צייט פון בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד האָט ער צוזאַמענגערופן אַ סך חכמים קיין אושה, וואָס איז אין גליל, דאָרט האָט ער מתקן געווען ביין תקנות. אייניקע פון זיי זיינען, אַז אַ פאָטער מוז מפרנס זיין זיינע קליינע קינדער, אַז איינער שרייבט איבער זיינע גיטער צו זיין ווייב, זאָל ער און זיינע קינדער זיך שפּייזן פון זיי זייער גאַנץ לעבן.

די גמרא זאָגט (שבועות, פרק ה׳), אַז רבן גמליאל איז געווען בקי אין נאַטור־לערע, אין אַגראָנאָמיע און אין רפואות. ער האָט אויך געקענט גריכיש.

אין אָבות „א״ זאָגט ער: „על שלשה דברים העולם קיים, על האמת, ועל הדין, ועל השלום״ — אויף דריי זאַכן האַלט זיך די וועלט, אויף אמת, גערעכטיקייט און שלום.

אַז אויף אמת שטייט די וועלט ברייננגט די גמרא אַ מעשה:

רבא האָט איין מאָל געזאָגט אַז עס איז נישטאָ קיין אמת. האָט אים רבי טביומי געענטפערט: ווען מען זאָל מיר געבן אַלע אוצרות פון דער וועלט וואָלט איך קיין ליגן נישט געזאָגט.

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַז רבי טביומי איז געקומען אין שטאָט קושטא, דער טייטש פון „קושטאָ״ איז אמת. און דערפאַר הייסט די שטאָט „קושטא״, ווייל ליגנערס זיינען דאָרט נישטאָ, און צוליב דעם טרעפט נישט אין דער שטאָט אַז אַ מענטש זאָל שטאַרבן פאַר דער צייט).

ער האָט אין דער שטאָט גענומען אַ ווייב און מיט איר געהאַט צוויי קינדער. איינמאָל איז זיין ווייב געזעסן אין איר צימער און צורעכט געמאַכט אירע האָר. קומט אַ שכנה און האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. עס איז דאָך אָבער נישט שיין אַריינצולאָזן אַ פרעמדן מענטשן אין הויז ווען די ווייב גייט מיטן בלויזן קאָפּ, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז די ווייב איז נישטאָ אין דער היים. פאַר דעם קליינעם ליגן זיינען געשטאָרבן זיינעביידע קינדער.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין שטאָט פון זייער שטאַרבן, האָבן זיך די שטאָט־לייט צוזאַמענגעקליבן צו אים, ווייל ביי זיי איז דאָס געווען אַ נייעס

אַז קינדער זאָלן שטאַרבן. האָט ער זיי דערציילט אַז צוליב דעם קליינעם ליגן איז דער אומגליק געשען.

זאָגן זיי צו אים: מיר בעטן דיך אַז דו זאָלסט זיך אַרויסקלויבן פון שטאָט, כדי דו זאָלסט אויף אונז נישט ברענגען דעם טויט פאַר דער צייט. דאָס זאָגט רבן גמליאל דער צווייטער. „אויף אמת האַלט זיך די וועלט״ ווייל דער חותם פון גאָט איז אמת.

נאָכן ערשטן פרק פון אָבות, ווי נאָך אַלע פרקים זאָגט מען רבי חנינא בן עקשיא׳ס זאָג „רצה הקדוש ברוך הוא, לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות״ — גאָט האָט געוואָלט מזכה זיין די אידן האָט ער זיי געגעבן אַ גרויסע תורה מיט פיל מצוות.

די מפרשים פרעגן: דוכט זיך פאַרקערט, ווען גאָט וואָלט אונז געגעבן ווייניקער מצוות וואָלט געווען גרינגער זיי צו האַלטן? ענטפערט דער „אהל יעקב״: ווי דער מענטש קומט אויף דער וועלט, דערזעט ער פאַר זיך אַלערליי תאוות עולם־הזה, און ווען ער זאָל זיך צולאָזן צו זיי איז ער אַ פאַרלוירענער. ווייל איין עבירה שלעפּט נאָך די אַנדערע. דאַרום האָט גאָט געגעבן אַ סך מצוות, דער מענטש זאָל נישט האָבן קיין ליידיקע צייט צו זוכן תאוות, וועט אים זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט...

רבי חנניה בן עקשיא׳ס זאָג איז נישט פון דער ברייתא, און מען איז זיך נוהג צו זאָגן צום סוף פון די פרקים ווייל מען זאָגט נישט קדיש נאָך אַ משנה, נאָר אויף אַן אגדה (סוטה, מ״ט).

צווייטער פרק

דער צווייטער פרק הויבט זיך אָן מיט איינעם פון די גרעסטע פּער־זענלעכקייטן ביי אידן, מיט רבי יהודה הנשיא, באַקאַנט אויך מיט די נעמען רבנו־הקדוש און סתם רבי.

ער איז געווען דער מסדר פון דער משנה. ביז רבי׳ן איז די תורה שבעל־פה געווען טאַקע בוכשטעבליך בעל־פה.

ווען רבי האָט איינגעזען אַז די אידן ווערן צעזייט און צעשפּרייט אין ווייטע ערטער, און די ישיבות ווערן וואָס אַמאָל וויניקער, און די לומדים ווערן קלענער אין צאָל, און מען וועט נישט קאָנען ריכטיק איינער דעם אַנדערן אי־בערגעבן די תורה אויף אויסווייניק — האָט ער צוגויפגערופן צו זיך קיין בית־שערים די סנהדרין הגדולה און מען האָט געפונען פאַר נויטיק אויפצושרייבן די תורה שבעל־פה. מיט דעם סמך אויפן פּסוק „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״ (תהלים, קי״ט), — כדי די תורה צו דערהאַלטן זאָל מען זי מעגן אויפשרייבן.

רבי האָט דאַן פאַרשריבן אַלע הלכות, דינים און חוקים, תקנות און גזירות, וואָס זיי האָבן איבערגענומען בעל־פה פון די אנשי־כנסת־הגדולה, ביז די לעצטע חכמים פון סנהדרין. ער האָט אויסגעגליכט די מחלוקות און האָט זיי אויסגעשטעלט מיט אַ סדר, אין אַ ריינעם לשון־קודש, און זיי צעטיילט אויף זעקס סדרים, מסכתות פּרקים און משנות.

אין דער גמרא ווערט דערציילט אַז יהודה הנשיא איז געווען אַ פּער־זענלעכער פריינט פונם רוימישן קיסר אַנטונינוס, וועמען ער האָט געגעבן עצות אין מלוכה־פירונג.

עס ווערט אויך געבראַכט אין דער גמרא אַז ער איז געווען זייער רייך, און ער פלעגט אויסגעבן אַ סך געלט אויף זיינע תלמידים און זיין ישיבה אין צפּורי. און אין אַ הונגער יאָר האָט ער אויפגעעפנט זיינע אוצרות און גע־שפּייזט אָרעמעלייט (ב״ב, א׳).

רבי יהודה הנשיא האָט זייער ליב געהאַט לשון קודש, און ער האָט פאַרזאָגט זיינע בני־בית, און אפילו זיינע באַדינער זיי זאָלן רעדן אַ ריינעם לשון־קודש (ראש השנה, כ״ו).

ער פלעגט זאָגן: יעדער איד וואָס באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל און רעדט אויף לשון קודש, איז אים פאַרזיכערט אַז ער איז אַ בן עולם־הבא.

דער מדרש דערציילט: ווען פרעה האָט געזאָגט צו יוסף׳ן „חוץ דיר זאָל קיין מענטש נישט אויפהויבן זיין האַנט און זיין פוס״, האָבן זיינע שטערן־זעער צו אים געזאָגט: אַ קנעכט וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַר צוואַנציק שטיקער זילבער וועסטו מאַכן געוועלטיקן איבער אונז? האָט פרעה צו זיי געזאָגט: איך זע אין אים סמנים פון אַ מלך. האָבן זיי געענטפערט: אויב אַזוי, דאַרף ער דאָך קענען די זיבעציק לשונות. האָט ער צו זיי געזאָגט: מאָרגן וועל איך אים אויספּרוואוון.

ביינאַכט איז געקומען דער מלאך גבריאל און האָט אויסגעלערנט יוסף׳ן די זיבעציק לשונות. אינדערפרי, האָט יוסף געענטפערט אויף יעדער שפּראַך וואָס פרעה האָט גערעדט צו אים. צום סוף האָט יוסף אָנגעהויבן צו רעדן אויף לשון־הקודש, האָט פרעה נישט געוואוסט וואָס ער רעדט. האָט פרעה צו אים געזאָגט: לערן מיך אויס די שפּראַך. האָט יוסף אים געלערנט און פרעה האָט זיך נישט אויסגעלערנט. האָט פרעה צו אים געזאָגט: שווער מיר אַז דו וועסט דאָס קיינעם נישט דערציילן, האָט יוסף אים געשוואוירן.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען יוסף האָט געזאָגט צו פרעה׳ן: מיין פאָטער האָט מיר באַשוואוירן אַזוי צו זאָגן: „איך גיי שטאַרבן. אין מיין קבר וואָס איך האָב פאַר זיך געגראָבן אין לאַנד כנען, דאָרט זאָלסטו מיך באַגראָבן. האָט פרעה צו אים געזאָגט: גיי און זיי זיך מתיר דיין שבועה. האָט יוסף צו אים געזאָגט: אויב אַזוי וועל איך זיך מתיר זיין אויך אויף דער שבועה, וואָס איך האָב צו דיר געשוואוירן. האָט פרעה געזאָגט צו יוסף׳ן: גיי, גיי, און זיי מקבר דיין פאָטער, ווי ער האָט דיך באַשוואוירן.

רבונו הקדוש האָט געליטן גרויסע יסורים, און זיי זיינען געקומען אויף אים איבער זיין אייגענער שולד.

איין מאָל האָט מען געפירט אַ קעלבל צו דער שחיטה, איז דאָס קעלבל אַנטלאָפן און האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ הינטער רבנו הקדוש׳ס בגד, און האָט געמעקעט מיט געבעט, ווי עס וואָלט געזאָגט, ראַטעווע מיך! האָט רבי געזאָגט צו דעם: גיי אַוועק! צוליב דעם ביסטו באַשאַפן געוואָרן. האָט מען פון אויבן אויסגערופן: דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט דערבאַרעמט אויף דעם, זאָלן קומען אויף אים יסורים! און איבער אַן אַנדער מעשה זיינען די יסורים פון אים אַוועק.

איין מאָל האָט רביס דינסט גערייניקט די שטוב, זיינען דאָרט קליינע קעצעלעך געלעגן, האָט זי זיי אויסגעקערט. האָט רבי צו איר געזאָגט: לאָז זיי צורו! האָט מען פון אויבן אויסגערופן: דערפאַר וואָס ער האָט זיך דער־באַרימט וועלן מיר זיך אויף אים אויך דערבאַרעמען.

מיט אָט דער גרויסער פערזענלעכקייט הויבט זיך אָן דער צווייטער פרק אין „אָבות“. רבי אומר — רבי זאָגט: „איזו היא דרך ישרה שיבחור לו האדם“ — וועלכער איז דער גלייכער וועג וואָס אַ מענטש זאָל זיך אויסקלויבן? דאָס וואָס איז שיין פאַרן מענטשן וואָס טוט עס, און אויך די אַרומיקע מענטשן האַלטן דאָס פאַר שיין.

אויפן זאָג „וואָס איז דער גלייכער וועג וועלכן דער מענטש זאָל זיך אויסקלויבן? ברייננגט דער מדרש אַ מעשה:

רבי שמעון בן שטח האָט געקויפט אַן אייזל ביי אַן אַראַבער, האָבן זיינע תלמידים דערזען ביים אייזל אויפן האַלז אַ טייערן דימענט. זיינען זיי אַראָפּ־געלאָפן צו רבי שמעון מיט גרויס פרייד און געזאָגט צו אים: רבי, ברכת ה׳ תעשיר (משלי, י׳) — די ברכה פון גאָט מאַכט אַ מענטשן רייך: האָט ער גע־זאָגט צו זיי: פרייט זיך נישט, דאָס איז נישט מיינס. איך האָב געקויפט בלויז דאָס אייזל און נישט קיין דימענט. רופט צוריק דעם אַראַבער און גיט אים דעם דימענט אָפּ. זיי האָבן גערופן דעם אַראַבער צוריק. ווי רבי שמעון גיט אים אָפּ דעם דימענט האָט ער אויסגערופן: געלויבט איז שמעון בן שטח, און גע־לויבט איז דער גאָט פון ישראל וואָס ער האָט אים געגעבן אַזאַ שיינע תורה.

אַ משל: אַן אַראַבער, אַנלאָדענדיק זיין קעמל, האָט ער אים געפרעגט צו ער וויל בעסער גיין מיטן באַרג אַרויף, צי מיטן באַרג אַרונטער.

זאָג מיר, מיין האַר — האָט דער קעמעל געענטפערט — וואָס־זשע, מען האָט דעם גלייכן וועג אָפּגעצוימט? [5]

אויך זאָגט ער: הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. דע מה למעלה ממך, עין רואה, ואזן שומעת, וכל מעשיך בספר נכתבים“ — באַ־טראַכט די דריי זאַכן וועסטו נישט קומען צו אַן עבירה: ווייס וואָס אויבן טוט זיך. אַן אויג זעט, און איין אויער הערט, און אַלץ וואָס דו טוסט ווערט פאַרשריבן אין אַ בוך.

אַ משל: דאָס איז געשען צווישן טאָג און נאַכט. די טויערן פון הימל

האָבן זיך לאַנגזאַם געשלאָסן, און איינגעשלונגען די לעצטע שטראַלן פון דער זון.

אַ דיכטער, וואָס האָט דאָס געטליכע בילד צוגעזען, האָט זיך טרויעריק צוזונגען:

די טויערן געשלאָסן, די זון אויסגעלאָשן; געשרפט, געברענט, און דאָס איז די ענד. און מיט דער זון, די טעג, פאַלן אָפּ פון לעבנס־וועג...

מען וועט, בחור, פון דיר לאַכן — האָט אַ בלינדער בעטלער, וואָס האָט געהערט דעם דיכטער זינגען, זיך אָנגערופן צו אים. נישטאָ אַזעלכע זאַכן. נישטאָ קיין זון, און גאָרנישט האָט זיך אויסגעלאָשן. איך ווייס שוין דיינע פּשט׳לעך, דו וועסט זאָגן אַז עס רעדט זיך נאָר אַזוי, פּונקט ווי דו זאָגסט: עס „טאָגט". צי וואָס אויסטראַכטן די אַלע זאַכן? דאָס פּאַסט זיך פאַר אַ קינד!

איך טראַכט זיי שוין גאָרנישט אויס — האָט דער דיכטער געענטפערט — זיי זיינען שוין גאָר דאָ, די אַלע זאַכן. די זון, די פרימאָרגנס און די פאַר־נאַכטן. זאָלסט מיר מוחל זיין, איך מיין דיר נישט ווי צו טאָן. דאָס ווייזט נאָר אַז דו ביזט נעביך בלינד... [6]

נאָך רבי יהודה הנשיא קומט זיין זון רבן גמליאל דער דריטער. נשיא פונם סנהדרין, זיין ברודער שמעון איז געוועזן אַב־בין־דין.

רבן גמליאל דער דריטער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט זיין פאָלק, און ווייל ער איז געוועזן אַ קרוב צו דער רוימישער מלוכה, האָט ער אַלע מאָל געוואוסט וואָס זיי טראַכטן וועגן אידן און האָט זיי פאַרהיט פון שלעכטע גזירות.

פופציק יאָר האָט ער אָנגעהאַלטן דעם אַמט אַלס נשיא. אין דער צייט האָט דער רוימישער קיסר קאַרקאַלה, און שפּעטער זיין זון הליניובלוס אַרויפ־געלייגט גרויסע שטייערן אויף די אידן. אפילו אין אַ יאָר פון שמיטה האָבן די אידן געמוזט צאָלן דעם זעלבן שטייער. האָבן רבן גמליאלס תלמידים נישט געקאָנט מער איבערטראָגן דעם יאָך פון מלכות, און זיינען זיך צעלאָפן אין אַנדערע לענדער. אייניקע האָבן געגרינדעט ישיבות פאַר זיך, און אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט קיין בבל. אַזוי איז צעריסן געוואָרן די קייט פון תורה.

דער גוטער גמליאל האָט נישט געהאַט קיין כח דעם ריס צו פאַרמיידן. ער האָט נישט געקאָנט דאָס וואָס זיין פאָטער האָט אים ג׳עצה׳ט פאַר זיין טויט: פיר דיין נשיא׳שאַפט מיט אַ שטאַרקער האַנט, און וואַרף אַן אַ מורא אויף דיינע תלמידים!

אין פּרק „ב“ זאָגט ער: „יפה תלמוד תורה עם דרך־ארץ“ עס איז גוט צו לערנען תורה, און אויך באַשעפטיקן זיך מיט אַ פּרנסה, ווייל דאָס מידקייט פון ביידע זאַכן, מאַכט פאַרגעסן צו זינדיקן. און דער וואָס לערנט תורה און האָט נישט קיין באַשעפטיקונג איז דער סוף, ער וועט מוזן אויפגעבן דאָס לער־נען.

אַז צו תורה דאַרף מען אויך וויסן וועלט־זאַכן וועלן מיר ברייננען אַ משל:

אַן אַסטראָנאָם פלעגט יעדע נאַכט אַרויסגיין אין דרויסן פאָרשן די שטערן. איין נאַכט, ווען ער האָט געוואַנדערט אויסער דער שטאָט, און זיינע געדאַנקען זיינען געווען אין הימל, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ברונעם. ער האָט געשריגן אַזוי לאַנג, ביז איינער האָט דערהערט זיינע געשרייען און איז צוגעלאָפן צו אים. ווען ער האָט דערהערט די געשיכטע פונם אַסטראָנאָם, האָט ער געזאָגט צו אים: מיין טייערער אַסטראָנאָם! ווען דו האָסט געוואָלט אַריינקריכן אין די געהיימנישן פונם הימל, האָסטו פאַרגעסן די ערד אונטער דיינע פיס...[7]

ער זאָגט אויך: די אַלע וואָס זיינען זיך עוסק פון רבים וועגן, זאָלן זיך עוסק זיין פון גאָטס וועגן, דען דער זכות אָבות פון רבים העלפט זיי. און טו גאָטס ווילן, כדי גאָט זאָל טאָן דיין ווילן.

די גמרא אין מסכתא תענית דערציילט: אַמאָל איז אין ארץ־ישראל דעם גאַנצן ווינטער קיין רעגן נישט געגאַנגען. חודש אדר, וועלכער איז דער לעצטער חודש פון פאַרזיי איז שוין געווען פאַרביי און קיין רעגן איז אַלץ נישט געווען, האָבן די צום טויט־דערשראָקענע מענטשן געבעטן דעם תנא חוני המעגל, וועלכער איז געווען דער גרעסטער בעל־מופת אין זיין צייט, ער זאָל מתפלל זיין צו גאָט אויף רעגן. ער האָט מתפלל געווען און עס האָט נישט געהאָלפן. האָט ער געמאַכט אַ גרויסן קרייז אַרום זיך און האָט געזאָגט: רבש״ע, דיינע קינדער האָבן מיך געמאַכט פאַר זייער שליח, איך זאָל מתפלל זיין פאַר זיי, ווייל זיי האַלטן מיך פאַר אַ בן־בית ביי דיר. אָב רחום! שווער איך ביי דיין הייליקן נאָמען, אַז איך וועל פון דעם קרייז נישט אַרויסגיין ביז דו וועסט רחמנות האָבן אויף זיי און וועסט גיבן רעגן.

האָט באַלד אָנגעהויבן צו רעגענען, אָבער טראָפּנווייז. האָבן די תלמי־דים געזאָגט צו אים: רבי, מיר זעען דיך אין אַזאַ גרויסער מדרגה, דיינע

תפלות ווערן אָנגענומען אין הימל, און צוליב דיר גייט דער רעגן, נאָר עס איז אָן נוצן, זיי מתפלל אויף אַ גרויסן רעגן.

האָט חוני המעגל זיי געענטפערט: זייט רואיק! איר וועט נישט שטאַרבן פון הונגער. ער האָט ווידער מתפלל געווען און געזאָגט: רבש"ע! נישט אויף אַזאַ רעגן האָב איך געבעטן. איך וויל האָבן אַ רעגן וואָס פון אים זאָלן פול ווערן אַלע גריבער מיט וואַסער. האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ גרויסער רעגן. האָבן די תלמידים געזאָגט צו אים: רבי, דער רעגן קען חרוב מאַכן די וועלט. האָט ער זיי באַרואיקט און האָט ווידער מתפלל געווען, האָט אָנגעהויבן רעגענען ווי מען באַדאַרף. דער רעגן איז אָבער געגאַנגען אַזוי לאַנג, אַז די תלמידים האָבן אים געבעטן ער זאָל מתפלל זיין אַז דער רעגן זאָל שוין אויפהערן.

האָט ער זיי געענטפערט: איך האָב בקבלה פון מיינע עלטערן אַז בעטן עס זאָל אויפהערן אַ טובה בעט מען נישט. ברייננגט אַ קרבן תודה, צו דאַנקען גאָט פאַר זיינע טובות און גבורות. ער האָט ווידער מתפלל געווען: רבש"ע! דיין פאָלק ישראל, וואָס דו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים, איז נישט אימשטאַנד צו נעמען די פּרעוניות וואָס דו שיקסט אויף זיי אָן, אויך נישט צופיל טובות, זאָל דיין הייליקער ווילן זיין אַז דער רעגן זאָל שוין אויפהערן!

באַלד נאָך דער תפלה האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ ווינט, וועלכער האָט צעטראָגן די וואָלקענס. די זון האָט זיך צעשיינט, און די באַוואוינער פון ירושלים האָבן געזען ווי פונם רעגן איז דער הר־הבית פאַרוואַקסן געוואָרן מיט שוואָמען.

אין יענער צייט איז געווען דער גייסטיקער פירער פון ירושלים, דער תנא רבי שמעון בן שטח, ווי ער האָט זיך דערוואוסט פון דער מעשה, האָט ער געשיקט זאָגן חוני המעגל: דו זאָלסט וויסן זיין אַז ווען דו וואָלסט נישט געווען אַזוי אָנגענומען ביים בורא עולם, וואָלט איך דיך אַריינגעלייגט אין חרם, דערפאַר וואָס דו ביסט אים מטריח. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז דו ביסט טייער ביי גאָט ווי אַ קליין קינד ביי זיינע עלטערן, וועלכע געבן אים אַלץ נאָך. דער בורא איז ממלא אַלע דיינע בקשות. אויף דיר זאָגט שלמה המלך: „עס פרייען זיך מיט דיר דיין פאָטער און מוטער". ווייל דו ביסט ממלא גאָטס רצון, איז ער ממלא דיינעם אויך.

נאָך זאָגט ער: הוו זהירים ברשות, שאין מקרבין לו לאדם, אלא לצורך

עצמו — זייט געוואָרנט מיט דער הערשנדער מאַכט, ווייל זי דערנעענטערט נישט קיין מענטשן, נאָר צוליב איר אייגענער נוץ.

אַ משל: אַ האָלץ־העקער איז געקומען אין וואַלד און געבעטן ביי די בוימער זיי זאָלן אים געבן אַ הענטל פאַר זיין האַק. עס האָט אויסגעקוקט אַזאַ קליינע בקשה, אַז אַלע בוימער האָבן צוגעשטימט צו דעם, און האָבן אָפּגע־מאַכט צווישן זיך, אַז דאָס קליינע נאַקעטע בוימעלע זאָל צושטעלן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

באַלד האָט דער האָלץ־העקער צוגעמאַכט פונם האָלץ אַ הענטל צו דער האַק, און האָט אָנגעהויבן אומצוואַרפן די שטאַלצע בוימער פון וואַלד. דער דעמב, באַגרייפנדיק אַז ס'איז שוין צו שפּעט, האָט געזאָגט צום צעדער־בוים: די ערשטע נאָכגעבונג איז געווען אונזער מפּלה. ווען מיר וואָלטן נישט מקריב געווען אונזער אָרים בוימעלע, וואָלטן מיר געשטאַנען דורות־לאַנג [8].

נאָך רבן גמליאל נעמט נאָך אַמאָל דאָס וואָרט דער אַלטער הלל און זאָגט: „אַל תפרוש מן הצבור" — זאָלסט זיך נישט אָפּשיידן פון קהל (אין אַ נויט), זאָלסט זיך נישט איינרעדן איך האָב נישט מורא פאַרן יצר־הרע, ביזן טאָג פון דעם שטאַרבן. און זאָלסט נישט דן זיין דיין חבר, ביז דו ביסט אויך אַליין געקומען אויף זיין נסיון און ביסט אים בייגעקומען. און זאָלסט נישט זאָגן אַז ווען איך וועל צייט האָבן וועל איך לערנען, טאָמער וועסטו קיין צייט נישט האָבן.

אויפן פסוק „ואל תאמין בעצמך עד יום מותך" — זאָלסט אין זיך נישט זיין איינגעגלויבט ביזן טאָג פון דיין שטאַרבן, דערציילט די גמרא (מסכתא שבת) אַז אַ גרויסער חסיד איז געזעסן און האָט געלערנט יומם ולילה. ווען ער איז געקומען צום זאָג „זאָלסט זיך נישט גלויבן ביזן טאָג פון דיין שטאַרבן", האָט ער געלערנט „ביזן טאָג פון דיין עלטער". ווייל ער האָט גע־גלויבט אַז אויף דער עלטער איז מען שוין זיכער אַז מען וועט נישט זינדיקן.

דעם שטן האָט פאַרדראָסן וואָס דער תנא איז ביי זיך אַזוי תקיף, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שיינער פרוי און איז עטלעכע מאָל אים פאַרביי־געגאַנגען, ביז דער שטן האָט דעם תנא טובע געווען צו אַן עבירה. ווי נאָר ער האָט זיך געוואָלט צורירן צו איר, האָט ער באַלד חרטה געהאַט און האָט זייער פיל געוויינט אויפן שלעכטן געדאַנק. האָט דער שטן געזאָגט צו אים: איך בין נישט קיין אשה, איך בין דער שטן. איך בין נאָר געקומען וויזן דיר אַז דו

זאָלסט נישט לערנען אַנדערש ווי די חכמים. זיי לערנען אין דער משנה „ביז דיין טויט" און נישט ווי דו לערנסט „ביז דיין עלטער". אויף דער עלטער קען מען אויך נישט זיכער זיין.

נאָך הללס זאָג נעמט דאָס וואָרט דער אָב לחכמה ואָב לדורות, דער באַ־רימטסטער תנא אין ירושלים אין דער צייט פון צווייטן חורבן — רבן יוחנן בן זכאי! אַדאַנק אים עקזיסטירט נאָך דאָס אידישע פאָלק ביז היינט, און אַדאַנק אים איז דאָס אידישע פאָלק נאָך אַלץ דער עם־הספר.

ווען די רוימער האָבן באַלאַגערט ירושלים, און רבן יוחנן בן זכאי האָט געזען ווי מענטשן קאָכן שטרוי און טרינקן דאָס וואסער צו שטילן דעם הונ־גער, האָט ער זיך געטראַכט, ווי קענען מענטשן, וואָס נערן זיך מיט וואסער, זיך שטעלן אַנטקעגן דער מאַכט פון אספסינוס? נישטאָ קיין אַנדער מיטל, סיידן אַרויסגיין פון שטאָט און בעטן שלום.

האָט רבן יוחנן געשיקט אַ שליח צו זיין שוועסטער־קינד אבא־סיקרא, דער אָנפירער פון די בריוני פון ירושלים: קום צו מיר פאַרשטעלט! איז ער געקומען. האָט צו אים רבן יוחנן געזאָגט: פאַרוואָס לאָזט איר אויסגיין אַ פאָלק פון הונגער? האָט אבא־סיקרא געענטפערט: וואָס זאָל איך טאָן? אויב איך וועל עפּעס זאָגן צו מיינע חברים וועלן זיי מיך טויטן. האָט ר' יוחנן גע־זאָגט: געפין מיר אַ וועג איך זאָל קענען אַרויס פון דאַנען, אפשר וועל איך קענען עפּעס אָפּראַטעווען.

— מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קיינער זאָל פון דאַנען נישט אַרויסגיין, האָט אבא־סיקרא געענטפערט, סיידן דער וואָס איז געשטאָרבן.

— פיר מיך אַרויס אַלס אַ טויטן!

— דו מאַך זיך שלאָף, וועט מען קומען דיך מבקר־חולה זיין, און זאָל מען אַרויסלאָזן אַ קלאַנג אַז דו ביסט געשטאָרבן, און זאָלן דיינע תלמידים דיין ארון טראָגן.

האָט רבן יוחנן אַזוי געטאָן. זיינען געקומען זיינע תלמידים און האָבן גענומען דעם ארון, רבי אליעזר צוקאָפּנס, רבי יהושע צופיסנס, און זיי האָבן אים געטראָגן ביז זיי זיינען געקומען צו די טויערן פון ירושלים.

האָבן די וועכטער געפרעגט: וועמען טראָגט איר? האָבן די תלמידים געענטפערט: אַ מת. ווייסט איר דען נישט אַז מען לאָזט אַ מת ניט איבערנעכטיקן אין ירושלים? האָבן די וועכטער געוואָלט דורכשטעכן דעם מת מיט זייערע

שפּיזן. האָט זיי אבא־סיקרא געזאָגט: מען וועט זאָגן די אידן האָבן דערשטאָכן זייער רבן. האָבן זיי געוואָלט אים אַ שטופּ טאָן, האָט ער זיי ווידער געזאָגט: מען וועט זאָגן זיי האָבן זייער רבין געטרייסלט. האָבן די וועכטער געעפנט דעם טויער, און זיי זיינען אַרויס פון ירושלים.

די תלמידים האָבן זייער רבין געטראָגן ביז זיי זיינען געקומען צו אַס־פּסינוסן. דאַן האָבן זיי דעם ארון געעפנט, און רבי יוחנן האָט זיך געשטעלט פאַר אספּסינוסן און אים באַגריסט: שלום צו דיר מלך! האָט אספּסינוס אים געענטפערט: עס קומט דיר צוויי מאָל דער טויט, איינס וואָס דו רופסט מיך מלך, און איך בין נישט קיין מלך; און דאָס צווייטע, אויב איך בין יאָ אַ מלך, פאַרוואָס ביסטו ביז איצט צו מיר נישט געקומען?

האָט אים רבן יוחנן געענטפערט: דאָס וואָס דו זאָגסט אַז דו ביזט נישט קיין מלך — אין אמת'ן ביסטו יאָ אַ מלך, וואָלסטו קיין מלך נישט זיין, וואָלט ירושלים נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין דיינע הענט. און דאָס וואָס דו זאָגסט פאַרוואָס איך בין נישט געקומען צו דיר ביז איצט? מ'האָט מיך נישט געלאָזט.

האָט אספּסינוס געזאָגט: אַז אַרום אַ פאַס האָניק איז אַרומגעוויקעלט אַ שלאַנג, צעברעכט מען נישט די פאַס צוליב דעם שלאַנג? האָט רבן יוחנן געשוויגן.

ווי מען רעדט קומט אַ שליח פון רוים און זאָגט צו אספּסינוסן: דער קיסר איז געשטאָרבן, און די עלטסטע פון רוים האָבן דיך אויסגעקליבן פאַר מלך. דאַן האָט אספּסינוס גראדע געהאַט אָנגעטאָן איין שוך, און אין דעם צווייטן שוך האָט דער פוס נישט געוואָלט אַריין, האָט רבן יוחנן געזאָגט: ער־גער זיך נישט! דאָס איז געקומען פון דער גוטער בשורה וואָס דו האָסט ערשט געהערט. ווי עס איז געשריבן „אַ גוטה בשורה מאַכט פעט דעם ביין".

וואָס קען איך טאָן? האָט אספּסינוס געפרעגט. האָט רבן יוחנן גע־ענטפערט: זאָל מען דורכפירן דיינעם אַ שונא פאַרביי דיר, ווי עס שטייט גע־שריבן „אַ שלעכט געמיט טריקענט אויס דעם ביין". האָט מען אַזוי געטאָן און דער פוס איז אַריין אין שוך. האָט אספּסינוס געזאָגט: אַז דו ביזט אַזאַ חכם פאַרוואָס־זשע ביסטו ביז איצט צו מיר נישט געקומען? האָט רבן יוחנן גע־ענטפערט: האָב איך דיר דען נישט געזאָגט?...

האָט אספּסינוס געזאָגט: איך גיי פאַרלאָזן די טויערן פון ירושלים, און אַ צווייטער וועט קומען אויף מיין אָרט, בעט ביי מיר עפּעס און איך וועל דאָס

דיר טאָן. האָט רבן יוחנן געענטפערט: גיב מיר יבנה מיט אירע חכמים. און אספסינוס האָט אים באַוויליקט די בקשה (גיטין, נ״ו).

אספסינוס האָט נישט געוואוסט אַז אַזאַ קליינינקייט ווי יבנה און אירע חכמים וועט געבן אייביקן לעבן דעם אידישן פאָלק אויף דער ערד. און עס וועט קומען אַ טאָג און רוים וועט אונטערגיין און דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן און שאַפן, ווייל זיין אויפהאַלט איז די תורה.

און באַלד נאָכן חורבן האָט רבי יוחנן איינגעשטעלט אַ ישיבה אין יבנה, וועלכע האָט זיך צעבליט, און דאָס ליכט פון דער תורה האָט געלויכטן פאַר אַלע אידן אין פאַרשידענע לענדער. ווייל נישט דער פּאָליטישער מצב שפּילט ביי אידן אַ ראָל, נאָר די תורת־משה, דאָס איז דער כוח וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם קיום פונם אידישן פאָלק אויף אייביק.

אויך די סנהדרין האָט רבי יוחנן אַריבערגעפירט קיין יבנה און האָט באַשטימט רבן גמליאל דעם צווייטן פאַר נשיא און רבי הושע בן חנניה פאַר אַב־בית־דין. ער אַליין האָט קיין שום אַמט נישט פאַרנומען.

מען האָט געזאָגט אויף רבן יוחנן בן זכאי, אַז ער האָט אויף זיין לעבן נישט גערעדט קיין פוסטע רייד. ער איז נישט געגאַנגען פיר איילן אָן תורה־רייד. קיין מענטש איז נישט געקומען פאַר אים אין בית־המדרש, און ער איז אַוועק דער לעצטער. קיין מענטש האָט אים נישט געטראָפן זיצן ליידיק, ער האָט תמיד געלערנט. ער האָט אַליין געעפנט די טיר פאַר זיינע תלמידים. ער האָט נישט געזאָגט אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געהערט פון זיין רבין. ער האָט יעדן געטראָגן דעם „גוט־מאָרגן״ אַנטקעגן, אפילו אַ גוי אין מאַרק האָט ער באַגריסט (ברכות, י״ז).

נאָך האָט מען אויף רבן יוחנן געזאָגט: ער האָט נישט דורכגעלאָזט מקרא, משנה, תלמוד, די הלכות און אגדות, דקדוק תורה און דקדוקי סופרים, קלות און חמורות. אַז ער האָט פאַרשטאַנען די רייד פון די מלאכים, און גע־וואוסט אַלע משלי שועלים (סוכה, כ״ח).

אין פרק זאָגט ער: „אם למדת תורה הרבה אַל תחזיק טובה לעצמך, כי לכך נוצרת״ — ווען דו האָסט געלערנט אַ סך תורה זאָלסטו זיך נישט האַלטן גרויס, ווייל צוליב דעם לערנען ביסטו דאָך באַשאַפן געוואָרן.

פינף אָנגעזייענע תלמידים האָט רבן יוחנן בן זכאי געהאַט, פון וועמען

ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן: רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי יהושע בן חנניה, רבי יוסי הכהן, רבי שמעון בן נתנאל און רבי אלעזר בן ערך.

אין פּרק רעכענט רבן יוחנן בן זכאי אויס זייער שבח: אליעזר בן הורקנוס — אַ געקאַלעכטער גרוב, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. יהושע בן חנניה — וואויל איז זיין געבוירערין. יוסי הכהן — אַ פרומער. שמעון בן נתנאל — האָט מורא פאַר גאָט. אלעזר בן ערך — ווי אַ קוואַל וואָס מעכטיקט זיך.

אָט די פינף תלמידים זיינען האָבן געהאָלפן זייער רבין צו פאַרשטאַקן די תורה נאָך דעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן און געבראַכט צו דעם סוף פון דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט.

צוויי און צוואַנציק יאָר איז רבי אליעזר בן הורקנוס אַלט געווען און האָט נאָך ניט געהאט געלערנט קיין תורה. זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער גערטנער און ער האָט געוואָלט אַז זיין זון זאָל זיך אויך אָפּגעבן מיט גערטנעריי. דעם זונס האַרץ אָבער האָט געצויגן צו דער תורה. איז ער אַנטלאָפן קיין יבנה און איז אַריין אין דער ישיבה פון רבי יוחנן לערנען תורה. אין פאַרלויף פון דריי יאָר צייט איז ער געוואָרן איינער פון רבי יוחנן׳ס בעסטע תלמידים.

זיינע ברידער האָבן געזאָגט צו זייער פאָטער: זע, וואָס דיין זון האָט דיר אָפּגעטאָן. האָט דיך פאַרלאָזט אויף דער עלטער און איז אַוועק קיין יבנה. זיי אים מעביר־נחלה. האָט זיך הורקנוס, זיין פאָטער אַוועקגעלאָזט קיין יבנה, געזעצליך מעביר־נחלה זיין דעם זון אליעזר.

ווען ער איז געקומען קיין יבנה האָט ער זיך דערוואוסט אַז זיין זון איז געוואָרן אַ תלמיד־חכם. איז ער געקומען אין דער ישיבה, און האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק און האָט אויסגעזאָגט: רבותי! איך בין געקומען אַהער מעביר־נחלה זיין מיין זון. איצט גיב איך מיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועק צו מיין זון אליעזר, און זיינע ברידער לאָז איך קיין פּרוטה נישט.

האָט אליעזר אים געענטפערט: ווען איך וואָלט געבעטן ביי גאָט פעלדער און גערטנער וואָלט ער זיי מיר געוויס געגעבן, וואָלט איך געבעטן גאָלד און זילבער וואָלט ער מיר זיי אויך געגעבן; איך האָב געבעטן ביי גאָט בלויז תורה אַליין (בראשית רבה פ׳ מ״ב).

דריי הונדערט הלכות וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבין רבי יוחנן האָט רבי אליעזר אונז איבערגעלאָזט.

ווען ער האָט דערציילט אַן אגדה פלעגט ער ליב האָבן צו דרשהנען אויף איר אַ „נוטריקון" — אויפן ערשטן אות פונם וואָרט, למשל: „נחית כצאן עמיך" פלעגט רבי אליעזר זאָגן: נסים עשית להם, חיים נתת להם, ים קרעת להם, תורה נתת להם (במדבר רבה, פרק כ"ג).

אין הלכה זאכן האָט ער געהאַלטן מיט די בית־שמאי, און האָט זיך געשטעלט קעגן דער ישיבה פון רבן גמליאל. האָבן די חכמים אים אַריינגע־לייגט אין חרם. פאַר זיין טויט האָבן די תנאים אַראָפּגענומען פון אים דעם חרם. און ווען ער איז געשטאָרבן האָבן זיי אים מספּיד געווען.

אויף אים זאָגט זיין רבי, רבי יוחנן דעם שבח: רבי אליעזר בן הורקנוס איז ווי אַ גרוב וואָס איז גוט אויסגעקאַלעכט, ער פאַרלירט נישט אַ טראָפּן פונם וואַסער; אַזוי אויך רבי אליעזר פאַרגעסט נישט אַ וואָרט פון דעם וואָס ער האָט געלערנט

נאָך זאָגט רבי יוחנן אויף זיין בעסטן תלמיד: ווען אַלע תלמידי־חכמים פון ישראל וואָלטן זיין אויף איין וואָגשאָל, און רבי אליעזר וואָלט זיין אויף דער אַנדערער וואָגשאָל, וואָלט די שאָל וואָס רבי אליעזר איז אויף איר, אַרי־בער געוואויגן אַלע תלמידי־חכמים.

דער צווייטער תלמיד פון רבי יוחנן איז רבי יהושע בן חנניה. אַ שווע־רער אַרבעטער איז רבי יהושע געווען. ער האָט זיך מפרנס געווען פון שמי־דעריי. ער איז געווען אַ לוי און האָט געזונגען אין בית־המקדש. ער איז אויך געווען אַ בקי אין אַסטראָנאָמיע און האָט געפירט וכוחים מיט די „סבי דבי אתונא" — מיט די געלערנטע פון אַטען, און האָט זיי כסדר מנצח געווען. ווען מען האָט זיין רבין, רבי יוחנן בן זכאי אַרויסגעפירט פון דעם באַלאַגערטן ירו־שולים, איז ער געווען איינער פון די וואָס האָבן דעם ארון געטראָגן.

רבי יהושע איז געווען ווייט פון צו זיין אַ שיינער... איין מאָל האָט דעם קיסר'ס טאָכטער צו אים געזאָגט: ווי צו דער שיינער חכמה וואָס גע־פינט זיך אין אַזאַ מיאוסער כלי. האָט רבי יהושע געזאָגט: טאָכטער, אין וואָס האַלט דיין טאַטע, דער מלך, זיין וויין? האָט זי געענטפערט: אין ערדישע כלים! האָט ער איר געזאָגט: די גאַנצע וועלט האַלט וויין אין ערדישע כלים — און דיין טאַטע, אַ מלך אויך אין ערדישע כלים? האָט זי געזאָגט: אין וואָס דען זאָל

ער האַלטן דעם ווײַן? האָט רבי יהושע געענטפערט: וואָס הייסט? אַ קיסר דאַרף האַלטן דעם ווײַן אין זילבערנע און אין גאָלדענע כלים. איז זי אַוועק אַהיים און האָט דאָס דערציילט איר טאַטן, דעם מלך. און מען האָט אַריבער־געגאָסן דעם גאַנצן ווײַן אין זילבערנע און גאָלדענע כלים. מיט דער צייט איז דער ווײַן זויער געוואָרן.

האָט דער מלך גערופן רבי יהושע און אים געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו מײַן טאָכטער אַזוי געזאָגט? האָט רבי יהושע געענטפערט: אַזוי ווי זי האָט מיר געזאָגט, אַזוי האָב איך איר געזאָגט (תענית, ז״י.

אויף אים זאָגט זײַן רבי, רבי יוחנן: „אשרי יולדתו״ — ווײַל איז דער מוטער וואָס האָט אים געבוירן.

דער דריטער ליבלינג־תלמיד פון רבי יוחנן איז רבי יוסי הכהן. אויף אים זאָגט זײַן רבי אין וואָרט „חסיד״ אַ פרומער, ער טוט תמיד לפנים משורת הדין. מען זאָגט אויף אים אַז ער איז געווען בקי אין דרוש און אין מעשה מרכבה (ירושלמי חגיגה), דער באַגריף פון חסיד, דער וואָרט „חסיד״ איז אַמאָל געווען דער העכסטער אויסדרוק פון פרומקייט, וואָס נאָר געציילטע טיפּן מענטשן האָט מען געקענט אָנרופן חסיד. גאָט אַליין זאָגט אויף זיך „כי חסיד אני״ — וואָרום איך בין אַ חסיד.

דער תנא, רבי פּנחס בן יאיר, געלעבט אינם צווייטן העלפט פון צווייטן יאָרהונדערט זאָגט אַז חסידות איז די העכסטע מדרגה צו וואָס אַ איד קאָן דערגרייכן און ער מוז דורכגיין אַ סך טרעפּ ביז ער קומט צו דער מדה פון חסידות. און ער רעכענט זיי אויס: דאָס ערשטע קומט די תורה. תורה־לער־נען ברענגט צו זהירות — געוואָרנטקייט. זהירות צו זריזות — פלייסיקייט, זריזות צו נקיות — ריינקייט, נקיות צו פּרישות — אָפּגעשיידקייט, פּרישות צו טהרה — רעליגיעזע ריינקייט, טהרה צו ענווה — באַשיידנקייט, ענווה צו יראת־חטא — מורא פאַר זינד, יראת חטא צו רוח־הקודש — צו אַנטפּלעקונג פון הייליקן גייסט, רוח־הקודש צו חסידות — צו צדקות.

דער פירטער תלמיד איז רבי שמעון בן נתנאל, אויף אים זאָגט זײַן רבי, אַז ער איז אַן „ירא־שמים״ — אַ גאָטס־פאַרכטיקער.

דער פינפטער תלמיד איז רבי אלעזר בן ערך. אויף אים זאָגט ער, אַז ער איז אַ קוואַל וואָס מעכטיקט זיך.

אָט צו די פינף תלמידים האָט רבן יוחנן געזאָגט: גייט און זעט וועל־כער איז דער גלייכער וועג וואָס דער מענטש זאָל זיך באַהעפטן אין אים, און זאָל זיך אַזוי פירן?

רבי אליעזר זאָגט „עין טובה" — אַ גוט אויג, דער מענטש זאָל נישט מקנא זיין זיין חבר.

רבי יהושע זאָגט „חבר טוב" — אַ גוטן פריינט. רבי יוסי הכהן זאָגט: „שכן טוב" — אַ גוטער שכן. רבי שמעון זאָגט: „הרואה את הנולד" — דער וואָס באַטראַכט פריער וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דער זאַך וואָס ער טוט. רבי אלעזר זאָגט: „לב טוב" — מען זאָל האָבן אַ גוט האַרץ.

האָט רבי יוחנן געזאָגט: עס געפעלן מיר די רייד פון אלעזר בן ערך בעסער פון אייערע רייד, ווייל אינם כלל פון זיינע רייד זיינען פאַראַן אויך אייערע רייד. אַז מען האָט אַ גוט האַרץ האָט מען אויך אַלע אייערע אויסגע־רעכענטע מעלות.

די פינף תלמידים פלעגן אָפט זאָגן די דריי זאַכן: רבי אליעזר זאָגט: עס זאָל זיין דער כבוד פון דיין חבר דיר ליב אַזוי ווי דיין אייגענער כבוד. און זאָלסט נישט זיין גרינג זיך צו בייזערן, און קער זיך אום צו גאָט איין טאָג פאַר דיין טויט.

אין מסכתא שבת געפינען מיר, אַז די תלמידים פון רבי אליעזר האָבן אים געפרעגט: ווי קאָן אַ מענטש וויסן ווען ער וועט שטאַרבן, ער זאָל תשובה טאָן מיט אַ טאָג פריער? האָט ער זיי געענטפערט: די כונה איז, ווייל דער מענטש ווייסט טאַקע נישט ווען ער וועט שטאַרבן, דאַרף ער תמיד זיין גרייט. ווי שלמה המלך זאָגט: „בכל עת יהיו בגדים לבנים" — צו יעדער צייט זאָלן דיינע קליידער זיין ריין. זאָלסט שטענדיק עוסק זיין אין מצוות און מעשים טובים.

רבן יוחנן בן זכאי זאָגט אויף דעם אַ משל:

אַ קעניג האָט געלאָזט וויסן זיינע הויפלייט אַז ער וועט מאַכן אַ באַל פאַר זיי, נאָר ער האָט נאָך נישט באַשטימט דעם טאָג ווען דער באַל וועט פאַר־קומען.

די קלוגע הויפלייט האָבן באַלד צורעכט געמאַכט זייערע קליידער, אַז צו יעדער צייט, ווען דער באַל וועט פאַרקומען זאָלן זיי קומען אין קייזערלעכן הויף ווי עס פאַסט פאַרן כבוד פונם מלך. ווייל זיי האָבן זיך געטראַכט: מען קאָן אונז דאָך יעדע מינוט מעלדן אַז היינט וועט דער באַל פאַרקומען.

די נאַרישע הויפּלייט אָבער האָבן זיך געטראַכט: עס איז נאָך דאָ גענוג צייט, און האָבן זיך דערווייל אָפּגעגעבן מיט זייערע אַרבייטן, און האָבן נישט געמאַכט קיינע פּאַרבערייטונגען צום באַל.

פּלוצים האָט מען פון קעניגס הויף געלאָזט וויסן אַז דער באַל וועט מאָרגן פּאַרקומען. זיינען די קלוגע געקומען צום באַל געקליידעט ווי עס פּאַסט פאַרן מלך, און דער קעניג האָט זיי שיין אויפגענומען. די נאַרישע אָבער האָבן שוין קיין צייט נישט געהאַט זייערע קליידער אין אָרדנונג צו ברענגען, זיינען זיי געקומען צום באַל אין אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער.

דער קעניג איז געוואָרן אויף זיי שטאַרק אין כעס, און האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז די וואָס זיינען געקומען גוט געקליידעט זאָלן זיצן ביים טיש, עסן און טרינקען און זיך לאָזן וואוילגיין. און די וועלכע האָבן זיך נישט געגרייט און זיינען געקומען צום באַל נישט ווי עס פּאַסט, זיי זאָל מען נישט צולאָזן צום קעניגליכן טיש, זיי זאָלן שטיין פון ווייטענס.

דער נמשל איז: די קלוגע מענטשן גרייטן זיך אַלע טאָג צו מיט מצוות און מעשים טובים, כדי ווען מען וועט זיי רופן לעולם העליון זאָלן זיי נישט פאַרשעמט ווערן, און וועלן זוכה זיין צו זען דאָס אייביקע ליכט פון גן־עדן.

די נאַרישע מענטשן אָבער, וואָס זיינען איינגעטונקען אין עבירות, זיי, אַז מען וועט פּלוצים רופן אויף דער אמתער וועלט, וועלן זיי ליידן חרפּה און בושה, און האָבן גרויסע שטראָף.

נאָך זאָגט רבי אליעזר: זאָלסט זיך וואַרעמען קעגן דעם ליכט פון די חכמים, זיי אָבער געוואָרענט פון זייערע הייסע קוילן, דו זאָלסט זיך נישט אָפּבריען (פּאָלג אויס זייערע קלוגע רייד).

אַ משל: פון פרייען פעלד איז אַ פוקס געקומען, און אָנגעהויבן איינצוטענה'ן מיט דעם פערד און קו: דו פערד, שלעפּסט דעם וואָגן, אַקערסט די ערד, און וואָס איז דיין לוין? אַ שמיץ מיט דער בייטש! גיב נאָר אַ קוק אַ פּנים פון אַ שטאַל. אַ פּאָר ברעטלעך און רוף דאָס דאַך. און איינגעפאַלענע ווענט, אַלץ הייסט אַ שטאַל!

און דו, כשרה בהמה'לע! גיסט דיין באַלעבאָס פולע העמערס מילך, און וואָס קריגסטו דערפאַר? אַ פאַרמישעכץ דאָרט און שוין. ס'איז נישט יושרדיק, איך קאָן אַזאַ זאַך נישט פאַרטראָגן. איז מיין עצה: דו סוס, אַקער מער

נישט די ערד, און שלעפּ מער נישט דעם וואָגן. און דו, קועלע, לאָז צו זיך נישט צו.

הערט וואָס מיר ווילן: אַ שטאַל מיט אַ גוטן דאַך און שטאַרקע ווענט, און האָבער גענוג, און טאָקע אַ טאָג אָדער צוויי רו, אַ וואָך. נאָר אַזוי ווי איר זיינט נעביך שטומעלעלעס, און ווייסט אויך נישט ווי צו רעדן אויפן וואונק, וועל איך פאַר אייך רעדן צום באַלעבאָס. איר דאַרפט נאָר צושאָקלען מיטן קאָפּ אויף אַלץ וואָס איך וועל זאָגן.

שטילער, רעד נישט אַזוי הויך! — האָט דאָס פערד געגומען זיך בעטן — עס דרייען זיך מיר שוין די קישקעס אין בויך פאַר שרעק. גיי זיך פון וואַנען דו ביסט געקומען! אָט האָב איך שוין נישט דעם קאָפּ וואו אַוועקצו־לייגן, נו, ביסטו שוין צופרידן?

און ער האָט אַ ציפּ־געטאָן אַ גרעזל פון דער ערד. און די קו האָט צו־געשאָקעלט מיט קאָפּ...

אומזיסט איז אייער שרעק — האָט דער פוקס געזאָגט — איך טראָג זיך באַלד אָפּ, נאָר הערט מיינע לעצטע ווערטער: דו פערדעלע שלעפּ ווייטער דעם וואָגן, האָסט בעסערס נישט די ווערט, און דו, מעלקענדיקע קועלע, ביסט אַ בהמה געווען און וועסט אַ בהמה פאַרבלייבן... [9]

רבי יהושע זאָגט: „אַ שלעכט אויג, און שלעכטע געדאַנקען און אומ־זיסטע שנאָה נעמען אַוועק דעם מענטש פון דער וועלט".

רבי יוסי זאָגט: „עס זאָל זיין דיין חברס געלט ביי דיר אַזוי טייער ווי דיין אייגענס, און זאָלסט זיך צוגרייטן צו לערנען תורה, ווייל די תורה איז נישט אַ ירושה, וואָס עס קומט דיר אָן אָן טרחה, און אַלץ וואָס דו טוסט זאָל זיין פון גאָטס וועגן.

רבי שמעון זאָגט: דו זאָלסט זיין געוואָרנט צו לייענען קריאת־שמע און צו דאַוונען.

רבי אלעזר זאָגט: זאָלסט דיך איילן צו לערנען תורה און גאָט וועט דיר באַצאָלן דיין לוין פאַר דיין אַרבעט".

נאָך דריי ליבלינג־תלמידים האָט רבן יוחנן געהאַט, וועלכע ווערן נישט דערמאָנט אין פרק: רבי נחוניה בן הקנה, נחמיה בן העמסוני, און נחום איש גם־זו. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער הייליקער אַרבעט צונויפצונעמען אַלע

הלכות פון דער תורה שבעל־פה, אויך די תקנות און גזירות און די מנהגים פון די פריערדיקע דורות וואָס זיינען געווען פאַר זיי.

רבי נחוניה בן הקנה האָט געדרשענט די גאַנצע תורה מיטן „כלל ופרט". (שבועות, כ"ו).

נחמיה העמסוני האָט געדרשענט דעם „את" וואָס געפינט זיך אין דער תורה (פסחים, כ"ב).

און נחום איש גם־זו האָט געדרשענט די גאַנצע תורה „ברבוי ומיעוט". (שבועות, כ"ו).

נחום איש גם־זו האָט אויך געשמט פאַר אַ גרויסן בעל־נס.

איין מאָל האָבן די אידן געוואָלט שיקן אַ מתנה דעם קיסר, האָבן זיי געשיקט די מתנה דורך נחום איש גם־זו. זיי האָבן אים מיטגעגעבן אַ קעסטעלע מיט דימענטן און פערל.

אין וועג האָט נחום איבערגענעכטיקט אין איין איינפאָר־הויז. ביינאַכט האָט דער באַלעבאָס אויפגעעפנט דאָס קעסטעלע און האָט אַרויסגענומען די דימענטן און די פערל, און האָט דאָס אָנגעפילט מיט ערד.

אויף צו מאָרגן, ווען נחום האָט דערזען וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן — האָט ער געזאָגט: „גם זו לטובה" — דאָס איז אויך צום גוטן.

ווען ער איז געקומען צום קיסר, און מען האָט געעפנט דאָס קעסטעלע און דערזען אַז עס איז פול מיט ערד, האָט דער קיסר געזאָגט: די אידן שפּעטן פון מיר! האָט נחום געזאָגט: גם זו לטובה.

איז געקומען אליהו הנביא, פאַרשטעלט פאַר אַ זייעריקן און ער האָט געזאָגט צום קיסר: אפשר איז די ערד, פון דער ערד פון אברהם אָבינו, ווען ער האָט געוואָרפן די ערד איז געוואָרן פון איר שווערדן און פיילן.

דאַן האָט גראַדע דער מלך געפירט אַ מלחמה מיט אַ מדינה און ער האָט נישט געקענט זי באַזיגן. האָט מען אויספּרובירט די ערד און עס איז טאַקע אַזוי געווען. האָט דער קיסר געגעבן נחום'ן אַ סך טייערע שטיינער און פערל, און אים אַרויסבאַגלייט מיט גרויס כבוד.

ווען ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין דעם זעלבן איינפאָרהויז האָט דער בעל־הבית אים געפרעגט: וואָס האָסטו אַזוינס געבראַכט דעם מלך, וואָס מען האָט דיר אַזוי פיל כבוד אָנגעטאָן? האָט נחום געענטפערט: וואָס איך האָב דאָ גענומען האָב איך געבראַכט אַהין. האָט דער בעל־הבית געבראַכט

אַ סך ערד צום מלך און ער האָט צו אים געזאָגט: די ערד וואָס נחום האָט געב־ראַכט איז פון מיין ערד. האָט מען אונטערזוכט די ערד און מען האָט אויסגעפונען אַז זי איז פּראָסטע ערד. האָט מען דעם בעל־הבית געהרגעט (תענית, כ״א).

עס ווערט אויך דערציילט אַז נחום איש גם־זו איז געוואָרן בלינד אויף ביידע אויגן, ביידע הענט און פיס האָט מען אים אַרונטערגענומען, און זיין גאַנצער גוף איז געווען אויסגעשלאָגן מיט קרעץ. און ער איז געלעגן אין אַ צעבראָכן בעט, די פיסלעך פון בעט זיינען געווען אַריינגעשטעלט אין שעפּעלעך וואַסער, די מוראַשקעס זאָלן אויף אים נישט אַרויפקריכן.

איין מאָל האָבן זיינע תלמידים געוואָלט אויסריינּיקן זיין בעט, און דערנאָך אויסריינּיקן די איבעריקע שטוב־זאַכן. האָט ער צו זיי געזאָגט: מיינע קינדער, ריינּיקט אויס פריער די שטוב־זאַכן און דערנאָך וועט איר ריינּיקן מיין בעט. איך פאַרזיכער אייך, אַז כל זמן איך בין אין הויז, וועט דאָס הויז נישט איינפאַלן. האָבן זיי אויסגערייניקט די שטוב און דערנאָך אַרויסגעטראָגן זיין בעט — און דאָס הויז איז איינגעפאַלן.

האָבן זיינע תלמידים צו אים געזאָגט: רבי, אַז דו ביסט אַזאַ צדיק, פאַרוואָס איז אויף דיר אַזוינס געקומען? האָט ער געענטפערט: מיינע קינדער, איך האָב זיך דאָס אַליין גורם געווען.

איין מאָל בין איך געגאַנגען אין וועג, צו מיין שווער, און איך האָב מיט זיך געפירט דריי אייזלען אָנגעלאָדן מיט עסנוואַרג און געטראַנקען. האָט זיך אָן אָרימאַן מיר אָוועקגעשטעלט אין מיטן וועג און ער האָט מיר געזאָגט: רבי, גיב מיר עפּעס עסן. האָב איך אים געענטפערט וואַרט צו ביז איך וועל אַרונטער פונם אייזל. איידער איך בין אַראָפּ פונם אייזל איז ער אויסגעגאַנגען.

בין איך געפאַלן אויף מיין פּנים צו דער ערד און געזאָגט: מיינע אויגן וואָס האָבן נישט רחמנות געהאט אויף זיינע אויגן זאָלן בלינד ווערן. מיינע הענט וואָס האָבן נישט רחמנות געהאט אויף זיינע הענט זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן. און איך האָב זיך נישט באַרואיקט ביז איך האָב געזאָגט: און מיין גאַנצער גוף זאָל ווערן באַדעקט מיט קרעץ.

האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט: ווי, וואָס מיר זעען דיך אַזוי! האָט ער צו זיי געזאָגט: ווי וואָלט מיר געווען ווען איר וואָלט מיך אַזוי נישט געזען.

דער סוף פונם צווייטן פּרק שליסט זיך מיט רבי טרפון. ער איז געווען

אַ כהן, און האָט געדינט אין בית־המקדש פאַרן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא. עס ווערט געבראַכט אַז ער איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות.

רבי טרפון איז געווען רבי ישמעאלס אַ תלמיד. פון די „תנא דבי ישמעאל” און ער מיט זיינע חברים — רבי שמעון שזורי, רבי יוחנן בן ברוקי, רבי אלעזר בן חסמא, שמעון בן עזאי, שמעון בן זומא, שמעון התימי און רבי חלפתא האָבן פאַרגרעסערט הללס זיבן „מדות” ווי צו דרשענען די תורה — אויף דרייצן.

ער, רבי טרפון זאָגט: „היום קצר והמלאכה מרובה” — דער טאָג פונם מענטש איז קורץ און די מלאכה, (דאָס תורה לערנען) איז אַ סך, און די אַרביי־טער וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו דינען גאָט און לערנען זיין תורה — זיינען פויל. און דער שכר איז פיל, און גאָט, וואָס איז דער בעל־הבית פון דער וועלט יאָגט צו, מען זאָל אַרבייטן, ווי אין דער תורה שטייט: „זאָלסט לערנען תורה טאָג און נאַכט”.

רבי טרפון האָט זיך וויזט אויס אַליין דערשראָקן פאַרן אַרויפלייגן אַזאַ עול אויפן מענטשן, כאַפּט ער באַלד צוריק און זאָגט: נישט אויף דיר איז דער חוב אַז דו זאָלסט די מלאכה פון דער תורה גומר זיין, ווי אַן אַרבייטער וואָס מען באַצאָלט אים נישט ביז וואַנען ער מאַכט פאַרטיק די אַרבעט. ביי דער תורה איז נישט אַזוי, אָבער דו ביסט נישט פריי פון דעם, אַז דו זאָלסט מבטל זיין פון דער תורה און מצוות”.

„ווען דו האָסט געלערנט פיל תורה גיט מען דיר פיל שכר. און דער בעל־הבית וואָס דו אַרבייטסט פאַר אים איז באַגלויבט אַז ער וועט דיר צאָלן דעם שכר פון דיין אַרבייט. און דו זאָלסט וויסן אַז דאָס געצאָלט פון די צדי־קים וועט זיין נאָך תחית־המתים, ווען די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן.

„היום קצר והמלאכה מרובה” — דער טאָג איז קורץ און די אַרבייט איז פיל. דערציילט אַן אַלטער ספר אויף דעם אַ מעשהלע:

אַ רייכער מאַן, אַ גוט־האַרציקער האָט געוואָלט טאָן גוטס מיט איינעם פון זיינע קנעכט, וועלכער האָט געפינען חן אין זיינע אויגן. האָט ער דעם קנעכט באַפרייט און האָט פאַר אים געקויפט אַ שיף און אָנגעפילט זי מיט טייערע סחורות און ער האָט צום קנעכט געזאָגט: פאָר אַוועק מיט דער שיף איבער דער וועלט און פאַרקויף די סחורה, און דאָס געלט וואָס דו וועסט אָפּלייזן וועט דיינס זיין. האָט דער קנעכט געטאָן ווי זיין האַר האָט אים געהייסן.

ווי די שיף איז אַריין אין מיטן ים איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעם, די כוואַליעס האָבן זיך צעברומט ווי די לייבן און האָבן פאַרוואָרפן די שיף אויף אַ גרויסן פעלז און זי האָט זיך צעבראָכן. אַלע מענטשן זיינען דער־טרונקען געוואָרן, נאָר ער אַליין האָט זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג.

הונגעריק, נאַקעט און באָרוועס איז ער אַרומגעגאַנגען און האָט גע־וויינט. ווי ער גייט אַזוי דערזעט פון ווייטנס אַ גרויסע שטאָט און מענער און פרויען גייען אים אַנטקעגן מיט געזאַנג און זיי שרייען: זאָל לעבן אונזער האַר, דער קעניג! זיי זיינען צוגעגאַנגען צו אים, און האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף אַ טייערן רייטוואָגן און האָבן אים געבראַכט אין זייער הויפּט־שטאָט. האָבן אים אָנגעטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, און אים געזאַלבט פאַר זייער מלך.

אין אָנהויב האָט דער קנעכט זיך געטראַכט, ווען ער האָט געזען די גדולה וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן, אַז מען מאַכט אַ שפּאַס פון אים. ווען ער האָט אָבער דערזען אַז עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג און עס איז שוין גאָרנישט קיין שפּאַס, האָט ער זיך געוואונדערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט גענומען אַ פרעמדן מענטשן, אָרעם און נאַקעט און אים געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך, נישט געפרעגט אים ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און פון וואָסער פאָלק ער איז?

ווי ער שטייט אַזוי און וואונדערט זיך, קומט אַריין איינער פון די מי־ניסטאָרן און שטעלט זיך פאַר אים פאַר מיט גרויס אָפּשיי. האָט דער מלך נישט געקאָנט זיך מער איינהאַלטן און ער האָט צום מיניסטער געזאָגט: איך וויל דיך עפּעס פרעגן. זאָג מיר נאָר, וואָס האָט איר אין מיר אַזעלכעס דער־זען, וואָס איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך, איר קענט מיך דאָך נישט. און ווער האָט אייך געזאָגט פאָראויס אַז איך וועל קומען צו אייך, וואָס איר האָט מיך באַגעגענט? און איך בין דאָך דורך אַ צופאַל געקומען אַהער!

האָט געענטפערט דער מיניסטער און האָט געזאָגט: זיי ווייסן מיין האַר, און מלך, אַז דאָס דאָזיקע אינזל, וואָס איז דיין קעניגרייך אַצינד, באַלאַנגט נישט צו קיין מענטשן, נאָר גייסטער פון הימל וואוינען דאָ. פאַרצייטענס, באַלד ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָבן די גייסטער געבעטן ביי גאָט ער זאָל זיי שיקן יעדעס יאָר צו דער באַשטימטער צייט אַ מענטשן־קינד ער זאָל זיין זייער מלך. האָט גאָט דערהערט זייער געבעט, און יאָר איין און יאָר אויס, צו דער באַשטימטער צייט טרעפט זיך צו זיי אַ מענטש ווי זיי האָבן גע־וואָלט און זיי זאַלבן אים פאַר אַ מלך איבער זיך.

אָבער נישט לאַנג האלט אָן זיין טראָן. ער הערשט נאָר איין יאָר, און אַז דאָס יאָר ענדיקט זיך, זעצט מען אים אַראָפּ פון טראָן, מען טוט אים אויס די בגדי־מלכות, און מען פאַרשיקט אים אָרעם און נאַקעט, אויף אַ וויסט אינזל. דאָרט פאַרברייננגט ער זיינע יאָרן אין הונגער און נויט, אויב ער האָט זיך נישט פאַרזאָרגט אין זיינע גוטע טעג פאַר די שלעכטע טעג וואָס קומען אויף אים.

האָט דער קעניג געפרעגט דעם גייסט: האָבן די מלכים וואָס האָבן גע־קעניגט פאַר מיר געוואוסט אַז עס רוקט זיך אויף זיי אַזאַ שוואַרצער טאָג ווען דאָס יאָר וועט זיך אויסלאָזן? האָט דער מיניסטער געענטפערט: זיי האָבן געוואוסט, נאָר זיי האָבן נישט געטראַכט פונם סוף. זיי זיינען געגאַנגען נאָך זייער האַרץ נאָך און זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע פאַרגעניגענס, און האָבן נישט פאַרמיידט זייער האַרץ פון קיין פרייד. פויק און פייפל, וויין און סעודות, אין דעם סוף האָבן זיי פאַרגעסן. ביז זייער טאָג איז געקומען, און זיי האָבן חרטה געהאַט אויף זייער נאַרישקייט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

אַ שרעק איז באַפאַלן דעם מלך ווען ער האָט דערהערט די רייד פון מיניסטער. גאָט אין הימל! האָט אויסגעשריגן דער מלך. אַ שלעכטע בשורה איז מיר געזאָגט געוואָרן, לערן מיך וואָס איך זאָל טאָן עס זאָל מיך אויך נישט טרעפן וואָס עס האָט געטראָפן מיט די מלכים פאַר מיר, וועלכע האָבן געלעבט אָן שכל. האָט געזאָגט דער מיניסטער: מענטשן־קינד! וואָס עס איז גוזר גע־וואָרן אויף דיר קאָן אַנדערש נישט זיין, נאַקעט ביסטו געקומען אַהער, און נאַקעט וועסטו זיך אומקערן פון דאַנען. עס איז אָבער געווענדט אין דיר, זאָלסט פאַרוואַנדלען דאָס וויסטע אינזל, וואָס מען וועט דיך אַהין פאַרשיקן, אין אַ בליענדיקן גאָרטן.

אויף דיין באַפעל וועלן דיינע קנעכט וואָס ביקן זיך צו דיר, נידערן אַהין און זיי וועלן דאָרט אויסבויען שטעט. פלאַנצן גערטנער און גראָבן ברו־נעמער. אויב דעם מלך זיינען געפעלן מיינע רייד, זאָל ער שיקן אַהין קנעכט און זיי זאָלן טאָן ווי איך עצה אים. און ווען דאָס יאָר וועט פאַריבער, און מען וועט דיך פאַרטרייבן אַהין, וועסטו קומען אין אַ רייך לאַנד, פול מיט גאָטס ברכה, און דו וועסט דאָרט פאַרזעצן דיין ממשלה. אָבער אייל זיך צו, זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן, געדיינק, דיינע טעג זיינען געציילטע.

האָט דער מלך געשיקט אַהין בעלי־מלאכות, בויערער און העקער, האָלץ

אַרבייטער און אייזן־אַרבעטער, ערד־אַרבייטער און גערטנער. טרעגער און קנעכט און המון־רב, און זיי האָבן געטאָן וואָס דער מלך האָט זיי געהייסן.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָבן אויסגעוואַקסן גרויסע שטעט, און דער מלך האָט נישט גערוט, און האָט געהאלטן אין איין שיקן מענטשן אַהין און האָט זיי דאָרט באַזעצט.

דערווייל האָבן זיך די סוף טעג פון זיין קעניגען דערנענטערט, נאָר ער האָט זיך נישט געשראָקן. פאַרקערט, ער האָט געוואוסט אַז דער טאָג וואָס מען וועט אים אַראָפּזעצן פון זיין טראָן, וועט זיך ערשט אָנהויבן זיין אמתער קעניגטום.

דער לעצטער טאָג איז געקומען. זיינע קנעכט האָבן אים אויסגעטאָן די בגדי מלכות, און האָבן אים אָװעקגעפירט אויפן אינזל. ווי נאָר ער איז געקומען צום ברעג פונם אינזל איז דאָס גאַנצע פאָלק פון גרויס ביז קליין, אַרויס אים אַנטקעגן, מיט פרייד און געזאַנג און האָבן אים געזאַלבט פאַר אַ מלך אויף אייביק.

דער גוטער האַר דאָס איז דער אויבערשטער. דער קנעכט, מיט וועמען זיין האַר האָט געטאָן פיל גוטס, דאָס איז דער מענטש. דאָס אינזל איז די וועלט. דער מיניסטער איז די חכמה וואָס דער מענטש באַזיצט. דאָס יאָר וואָס ער האָט רעגירט, איז דעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד. דאָס אינזל וואוהין ער איז פאַרטריבן געוואָרן איז יענע־וועלט, וואו קלוגע מענטשן גרייטן זיך צו אָן אייביק וואוינונג, דורך מעשים טובים. די פריערדיקע מלכים וועלכע האָבן נישט געטראַכט און געלעבט אָן אַ רעכענונג זיינען דער רב־עם וואָס גייט נאָך זייער האַרץ נאָך און טראַכטן נישט פונם סוף.

דריטער פרק

דער דריטער פרק פון אבות הויבט זיך אָן מיט עקביא בן מהללאל. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון הלל און שמאי. נאָך שמאי'ס טויט האָט דער סנהדרין אים געוואָלט מאַכן פאַרן אָב־בית־דין אויף שמאי'ס אָרט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד.

אַ פּאַסירונג וואָס ווערט דערמאָנט אין דער משנה (עדיות, פ"ה), וואַרפט אַ ליכט אויף זיין אָפּזאָגן זיך פון אָנגענעמען דעם אַמט.

עס ווערט דאָ דערציילט אַז עקביא בן מהללאל האָט אין פיר הלכות נישט איינגעשטימט מיט זיינע חברים. האָבן זיי צו אים געזאָגט: עקביא, ציי זיך צוריק אין די פיר הלכות, וואָס דו האָסט אַרויסגעזאָגט וועלן מיר דיך מאַכן פאַרן אָב־בית־דין. האָט ער געענטפערט: איך בין בעסער צופרידן מען זאָל מיך רופן שוטה מיין גאַנץ לעבן, איידער איך זאָל זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט איין שעה, מ'זאָל נישט זאָגן, צוליב אַ הויכן אַמט האָב איך געביטן מיין מיינונג.

פאַר זיין טויט האָט זיין זון צו אים געזאָגט: טאַטע, דערמאָן מיך צום גוטן פאַר דיינע חברים. האָט ער אים געענטפערט: איך וועל דיך דערמאָנען! האָט דער זון געפרעגט: טאָמער האָסטו אויסגעפונען אַז איך בין נישט פּאַסיק? האָט ער געענטפערט דעם זון: ניין, דיינע גוטע מעשים וועלן דיך צו זיי דער־נענטערן, און דיינע שלעכטע מעשים וועלן דיך פון זיי דערווייטערן.

אין פרק זאָגט ער: „הסתכל בשלשה דברים" — קוק זיך צו און באַ־טראַכט די דריי זאַכן וועסטו נישט קומען צו אַן עבירה: ווייס פון וואַנען דו ביסט געקומען אויף דער וועלט, און וואוהין איז דיין גאַנג, ווען דו גייסט אַוועק פון דער וועלט. און פאַר וועמען וועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון אויף דיינע מעשים? און ער דערקלערט: פון וואַנען ביסטו געקומען? פון אַ טוכלע טראָפּן, און וואוהין גייסטו? אין קבר אַריין, צווישן ווערים. און פאַר וועמען וועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון? פאַר גאָט, וואָס ער איז דער מלך איבער אַלע מלכים.

אויפן זאָג „פאַר וועמען דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן חשבון"? דערציילט די גמרא אין מסכתא ברכות, אַז ווען דער תנא רבן יוחנן בן זכאי איז קראַנק

געוואָרן און זיינע תלמידים זיינען געקומען אים מבקר־חולה זיין האָט ער אָנגע־הויבן צו וויינען. האָבן די תלמידים אים געפרעגט: הייליקער רבי, וואָס וויינ־סטו? האָט ער געענטפערט: ליבע קינדער, ווי זאָל איך נישט וויינען? ווען מען וואָלט מיך געפירט דן זיין פאַר אַ שר, אַ בשר־ודם, וואָס זיין כעס איז ניט קיין אייביקער, און זיין שטראָף אויך נישט קיין אייביקע, און ווען ער זאָל מיך דן זיין אפילו למיתה, איז דאָס נישט קיין אייביקער טויט, ווייל דאָס קאָן נאָר באַרירן מיין קערפּער, אָבער נישט מיין נשמה, פונדעסטוועגן ווען מען וואָלט מיך געפירט צו אים וואָלט איך געוויס שטאַרק געוויינט; היינט אַז איך ווייס אַז מען פירט מיך פאַר גאָט, וואָס ער איז אייביק, און זיין כעס איז אייביק; זאָל איך נישט וויינען?

עס זיינען פאַראַן צוויי וועגן וועלכע פירן צום גן־עדן. איין וועג פירט גלייך אין גן־עדן, דער צווייטער פירט דורך דעם גיהנם. ווען מען זאָל מיך פירן דורך דעם גיהנם אין גן־עדן אַריין זיינען שוין אויך גענוג גרויס די יסורים צוצוזען ווי די זינדיקע מענטשן ווערן דאָרט געפייניקט. און ווער קען דאָס זאָגן אַז זיין נשמה איז אַזוי ריין, אַז ער דאַרף גאָרנישט מורא האָבן פאַר דעם אויבערשטענס משפּט. נו זאָל איך נישט וויינען?

דער צווייטער תנא נאָך עקביאן איז רבי חנינא סגן־הכהנים — דער געהילף פונם כהן־גדול אין צווייטן בית־המקדש. ער זאָגט: זאָלסט בעטן ביי גאָט פאַרן מלך וואָס מען לעבט אין זיין מדינה, אַז זיין קעניגין זאָל זיין בשלוה. ווען עס וואָלט נישט געווען די מורא פאַרן מלך, וואָלט איינער דעם אַנדערן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט.

אַז „ווען נישט די מורא פאַרן מלך וואָלט איינער דעם אַנדערן איינ־געשלונגען לעבעדיקערהייט", וועלן מיר ברייגנען אַ משל:

מיט צעשפּרייטע פלוסטערלעך, און מיט אַ הערצעלע פול מיט פרייד, איז אין ים אַרומגעשוואומען אַ גאָלדן פישעלע.

שטיי! — האָט אַ שלייען אַ געשריי־געטאָן — זע נאָר ווי דאָס ברענט אַ וועלט! ווער וואָלט זיך גאָר אַזוינס אויף אַזאַ קליין פישעלע געריכט. גוט וואָס איך בין פאַרביי געשוואומען, אַניט וואָלט פון די שיינע וואַסער ליליעס קיין סימן נישט פאַרבליבן, און דער שלייען האָט געעפנט אַ מויל דאָס פישעלע איינצושלינגען.

אָוועק, דו פאַסקודנער שלייען — האָט אַ העכט זיך צעשריגען אויפן

קול: ווען איך וואָלט מיט מיינע אייגענע אויגן דאָס נישט צוגעזען, וואָלט איך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אין אונזער וועלט זאָלן אַזעלכע רשעותן פאָר־קומען, נאָר ווערסט דיינס שוין נישט דורפירן!

צו שפעט! — האָט אַ וואָלפיש איבערגעהאַקט דעם העכט די רייד — אַ שיינער ביישפיל ביסטו פאַר דער וועלט! אַ העכט זאָל זיין אַזוי געמיין, און זיך רייצן מיטן אומשולדיקן קרבן. און טאָמער איז דאָס אים נאָך נישט גענוג, טיילט ער נאָך גערעכטיקייט אויס. פאַר דער איינער זינד אַליין, קומט דיר טויט שטראָף. היינט מען זאָל נאָך צורעכענען דיינע אַלע זינד, כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל. דו ווייסט שוין אַז ווי איז צו דיין געביין. און דערפאַר וואָס דו ביסט אַזוי פאַרדאָרבן, נעם איך אויך צו דיין ביסן. און ווייל דער שלייען איז אויך אַ גוטער פרעסער, נעם איך אויך צו זיין חלק. [10]

דער דריטער תנא איז רבי חנינא בן תרדיון, איינער פון די צען וואָס זיינען געטויט געוואָרן דורך די רוימער פאַר עובר זיין אויפן פאַרבאָט צו לער־נען תורה.

ווען די רוימישע שוטרים האָבן געכאַפּט רבי חנינא'ן בן תרדיון לער־נען תורה, האָבן זיי אים איינגעוויקלט אין אַ ספר־תורה און אַרויפגעלייגט טרוקענע צווייגן און אים אונטערגעצונדן, און איינגעטונקען שוואָמען אין וואַ־סער און זיי געלייגט אויף זיין האַרצן, ער זאָל וואָס מער ליידן דעם ווייטאָק.

זיין טאָכטער האָט דאַן געזאָגט צו אים: טאַטע, אויף וואָס דו ביסט אי־בערגעקומען? האָט ער געענטפערט: ווען איך וואָלט אַליין פאַרברענט געוואָרן וואָלט דאָס געווען אַ גרויסע שטראָף, אָבער אַז איך ווער פאַרברענט מיט אַ ספר־תורה — איז ווער עס וועט מאָנען פאַרן בזיון פון דער תורה, דער וועט מאָנען אויך פאַר מיין בזיון.

האָבן זיינע תלמידים אים געפרעגט: רבי, וואָס זעסטו? האָט ער גע־ענטפערט: פּילאָנטן ברענען און אותיות פליען. האָבן זיי אים געזאָגט: עפן דיין מויל וועט דאָס פייער גיכער אַריין אין דיר. האָט ער זיי געענטפערט: עס איז בעסער אַז מיין נשמה זאָל נעמען דער וואָס האָט זי מיר געגעבן, איידער איך זאָל זי אַליין אָפּגעבן.

האָט אים דער הענקער געפרעגט: רבי, אויב איך וועל מאַכן דאָס פייער גרעסער, און וועל אַראָפּנעמען די נאַסע שוואָמען פון דיין האַרצן, זאָלסט

קענען גיכער שטאַרבן, ווערסטו מיר צוזאָגן עולם־הבא? האָט רבי חנינא צו־געשאָקעלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

האָט ער אים פאַרמערט דאָס פייער און האָט אַראָפּגענומען די נאַסע שוואָמען פון זיין האַרצן און רבי חנינא איז באַלד געשטאָרבן. און אַ בת־קול איז אַרויס און האָט געזאָגט: רבי חנינא בן תרדיון און זיין הענקער זיינען בני עולם־הבא.

ער זאָגט: ווען צוויי זיצן אינאיינעם און רעדן נישט קיין דברי־תורה, זיינען זיי אָפּשפּעטער. אָבער ווען צוויי זיצן און רעדן יאָ דברי־תורה, רוט די שכינה צווישן זיי.

נאָך רבי חנינא קומט רבי שמעון און זאָגט: ווען דריי האָבן געגעסן ביי איין טיש און זיי האָבן נישט גערעדט קיין דברי־תורה, איז גלייך ווי זיי האָבן געגעסן פונם פלייש וואָס מען האָט געקוילעט צו עבודת אלילים.

נאָך שמעונען קומט רבי חנינא בן חכנאי, ער איז געווען איינער פון די עשרה־הרוגי־מלכות. אים האָבן די רוימישע זעלנער געכאַפּט ערב־שבת, האָט ער אָנגעהויבן מקבל שבת זיין פון „ויכלו" ביז „ויקדש" מען האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן און מען האָט אים געטויט. איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: וואויל איז דיר, רבי חנינא, ביזט געווען, אַ הייליקער און דיין נשמה איז אויסגעגאַנגען אין קדושה.

ער זאָגט: „ווער עס איז וואַך ביינאַכט, און ווער עס איז איינער אַליין אונטערוועגס, און ער קערט זיין האַרץ צו פוסטע זאַכן, און האָט נישט אין זינען די תורה, שטעלט איין זיין נפש אין סכנה.

ער איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה, וואָס ער האָט פאַרמאָגט האָט ער אַוועקגעגעבן צו אָרעמע לייט. און וואָס מער צדקה ער האָט געגעבן, האָט אים גאָט אָפּגעגעבן צוויי מאָל אַזוי פיל.

עס ווערט דערציילט: אַז די גבאי־צדקה פלעגן גיין זאַמלען געלט פאַר די אָרעמעלייט פלעגן זיי זיך פון אים אויסבאַהאַלטן, ער זאָל אַזוי פיל נישט דאַרפן געבן.

איין מאָל ווען ער האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, האָט ער זיך געלאָזן אין שטאָט אַריין מיט אַ גרויסער סומע געלט איינצוקויפן קליידער און צירונג.

אין וועג האָט ער דערזען פון ווייטענס די גבאי־צדקה, האָט ער זיי אָנ־געיאָגט און געזאָגט צו זיי: איך פאַרלאַנג פון אייך איר זאָלט מיר זאָגן פאַר וועמען איר קלייבט צונויף נדבות. האָבן זיי אים געזאָגט: אויף הכנסת־כלה, דער חתן און די כלה זיינען יתומים.

האָט רבי חנינא אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט און עס זיי אַוועקגעגעבן. — די אָרימע יתומים זיינען מיר ביליכער ווי מיין טאָכטער, האָט ער געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

איבערגעבליבן איז אים בלויז איין גילדן, האָט ער פאַר אים געקויפט תבואה, געבראַכט אַהיים און אַריינגעשאָטן אין שפייכלער, און איז אַוועק אין בית־המדרש לערנען תורה.

ווען זיין טאָכטער איז אַריין אין שפייכלער זעט זי דער גאַנצער שפייכ־לער איז פול מיט תבואה. אויף דעם באַציט זיך דער זאָג „תן לו משלו" — גיב צו גאָט פון זיינס, וועט ער דיר אָפּגעבן כפל־כפלים.

רבי חנינא בן דוסא אומר, כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו — ווער עס פירט זיך אַזוי אַז מענטשן זיינען פון אים צופרידן, איז אויך גאָט פון אים צופרידן.

עס ווערט דערציילט אין דער גמרא אַז רבי חנינא בן דוסא איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. און אַז פון הימל גייט יעדן טאָג אַרויס אַ בת־קול און זאָגט: אַז די גאַנצע וועלט ווערט געשפייזט אין זכות פון חנינא מיין זון, און חנינא אַליין האָט גענוג אַ טאָפּ באָקסערן פון איין ערב־שבת צום צווייטן.

רבי דוסא בן הרכינס זאָגט: „שינה של שחרית" — דאָס שלאָפן שפּעט, פאַרשלאָפן די צייט פון קריאת־שמע און דאַווענען, דער ווין וואָס מען טרינקט מיטאָג־צייט, די נאַרישע רייד פון די יונגעלייט, דאָס זיצן צווישן עמי־הארצים, און רעדן דברים בטלים, פאַרקירצן דעם מענטשן די יאָרן.

דער תנא דבי אליהו ברענגט אַ מעשהלע אויפן „ושיחת הילדים" — די נאַרישע רייד וואָס מען רעדט מיט די קינדער.

עס איז געווען אַ כהן אַ גרויסער ירא־שמים, וואָס האָט געטאָן פיל מצוות און מעשים טובים בסתר, אַלץ געטאָן שטילערהייט קיין מענטש זאָל נישט וויסן, נאָר לשם שמים. האָט אים גאָט געבענטשט מיט צען קינדער, זעקס אינגלעך און פיר מיידלעך. ער האָט תמיד מתפלל געווען צו גאָט, אַז

זיינע קינדער זאָלן נישט געשטרויכעלט ווערן אין אַ עבירה, און זאָלן זיין גוט צו גאָט און צו לייט.

ווען עזרא הסופר האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פיל אידן פון בבל קיין ארץ־ישראל, האָט ער דעם כהן אויך מיטגענומען קיין בבל. און האָט זיינע קינדער באַשטימט פאַר יונגע כהנים אין בית־המקדש. ווייל דער פאָטער האָט האָט מיט זיינע קינדער נישט גערעדט קיין דברים בטלים, נאָר זיי גוט מדריך געווען און פאַרפלאַנצט אין זיי תורה אין דער יוגנט זיי זאָלן ווערט זיין צו זיין כהנים אין בית־המקדש.

רבי אלעזר המודעי אומר, המחלל את הקדשים, והמבזה את המודעות, והמלבין פני חברו ברבים, והמפיר בריתו של אברהם אבינו, והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה, אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים, אין לו חלק לעולם הבא — רבי אלעזר המודעי זאָגט: ווער עס פאַרשוועכט די קדשים (די קרבנות) און ווער עס איז מבזה חול המועד, און דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר צווישן מענטשן, און ווער עס פאַרשטערט דעם ברית פון אברהם אבינו (איז נישט מל זיינע זין) און דער וואָס טייטשט די תורה נישט ווי דער דין איז, הגם ער קאָן לערנען און טוט גוטע מעשים, וועט ער קיין חלק אויף יענער וועלט נישט האָבן.

אלעזר המודעי איז געווען דער פעטער פון בר־כוכבא. ווען די רוימער האָבן געשטורעמט די פעסטונג פון ביתר, האָט רבי אלעזר תפלה געטאָן צו גאָט און די רוימער האָבן געהאט אַ נידערלאַגע.

עס ווערט דערציילט אין דער גמרא אַז אַ שומרוני, האָט שטילערהייט געפרעגט עפּעס ביי אלעזרן, כדי מען זאָל מיינען אַז זיי סודן זיך, און ווען מען האָט געבראַכט דעם שומרוני פאַר בר־כוכבא׳ן, האָט ער זיך כלומרשט מודה געווען אַז רבי אלעזר וויל איבערגעבן די שטאָט צו די רוימער. בר־כוכבא האָט אים געטויט אויפן אָרט. באַלד איז ביתר געפאַלן, און די רוימער האָבן אויסגעשאָכטן אַ האַלבן מיליאָן אידן. בר־כוכבא אַליין איז אויך אומגעקומען.

רבי ישמעאל אומר, הוי קל לראש, נוח לתשחורת, והוי מקבל את כל אָדם בשמחה — רבי ישמעאל זאָגט: עס זאָל ביי דיר גרינג זיין צו באַדינען אַ תלמיד חכם, און זאָלסט זיין באַוויליקט צו די יונגע לייט, און זאָלסט אויפ־נעמען יעדן מענטש מיט אַ פריילעך פנים.

דער תנא רבי ישמעאל האָט געלעבט אין די צייטן פון רבי עקיבא. ער

איז געפֿאַנגען געוואָרן אַלס קינד דורך די רוימער און רבי יהושע בן חנינא האָט אים אויסגעלייזט. ער איז באַרימט מיט די י״ג מידות לויט וועלכע מען לערנט אַרויס פֿאַרשידענע הלכות פֿון די פּסוקים פֿון דער תורה.

די שלש עשרה מדות, די דרייצן רעגלען לויט וועלכע מען לערנט אַרויס פֿון די פּסוקים פֿון דער תורה אַלערליי הלכות, — זיינען דרייצן גאָל־דענע שליסלען צו די גרויסע „חדרי התורה״. אָן די דרייצן רעגלען וואָלט דער „מן התורה — די דינים וואָס זענען אין דער תורה ניט פֿאַראַן, נאָר מען לערנט זיי אָפּ על־פּי די רעגלען לויט וועלכע די תורה ווערט מיט זיי גע־דרשענט — ניט געווען, אויך ממילא דער יסוד פֿון גאַנצן אידישן רעלי־גיעזן לעבן.

די תורה איז אַ פֿאַרשלאָסענער פּאַלאַץ, פֿאַריגלט אויף טויזנט שלע־סער. אירע דינים ליגן באַהאַלטן אין פֿאַרכישופֿטע טורעמס, איינגעהילט אין אַ שלייער . . . די מערסטע דינים זיינען מאָגער, ניט דערזאָגט, פֿראַגמענטן. אָן די דאָזיקע שליסלען צו איר בלייבט זי אַ פֿאַרשלאָסענע, אַ ניט פֿאַרשטענד־לעכע; אָן די דרייצן רעגלען קאָן דאָס לערנען תורה קיין „תלמוד תורה״ ניט אָנגערופֿן ווערן.

דער ערשטער וואָס האָט איינגעפֿירט מידות, רעגלען ווי צו דרשענען די תורה, איז געווען הלל הזקן. ער האָט אויסגעאַרבעט זיבן מדות. אייניקע פֿון די מדות זיינען געווען באַוואוסט פֿריער, נאָך פֿאַר הללן, נאָר מ׳האָט זיך מיט זיי ניט באַנוצט. הלל האָט זיי אַלע אָוועקגעשטעלט ווי אַ געזעץ אין דער אויסטייטשונג פֿון דער תורה.

חוץ הללס זיבן כללים וואָס זיינען געוואָרן איינשטימיק אָנגענומען, זיינען נאָך אַנדערע רעגלען, ווי אויסצוטייטשן די תורה, פֿאָרגעשלאָגן געוואָרן. ר׳ נחום איש־גם־זו האָט אויסגעאַרבעט אַ כלל פֿון „רבוי ומיעוט״ — פֿון פֿאַרמערונג און באַגרעניצונג. לויט דעם געזעץ זיינען געוויסע אומפֿאַר־שטענדלעכע ווערטער אין דער תורה ווי צו פֿאַרמערן דעם דין, אָדער צו באַגרעניצן אים. צום פֿאַרמערן באַלאַנגען די ווערטער: „גם״, „את״, „אף״ און „כל״, און אויף צו באַגרעניצן — די ווערטער: „רק״, „מן״, „אך״.

די מידה פֿון „רבוי ומיעוט״ ווערט אילוסטרירט אויף אַזאַ אופֿן: אין דער תורה שטייט ניט אַז מען דאַרף מורא האָבן פֿאַר תלמידי חכמים, אַזוי ווי פֿאַר גאָט, נאָר מען לערנט דאָס אָפּ פֿונם „את״. עס שטייט אין דער תורה:

„את ד׳ אלהיך תירא״, „את״ לרבות תלמידי חכמים, דער „את״ רעכנט אַריין אויך די תלמידי חכמים — מ׳זאָל מורא האָבן פאַר זיי ווי פאַר גאָט (קידושין).

נאָך אַ ביישפּיל: אין דער תורה שטייט ניט אַז פּיקוח נפש איז דוחה שבת, נאָר מען לערנט דאָס אָפּ פונם „אך״. עס שטייט אין דער תורה: „אך את שבתותי תשמרו״ — נאָר מיינע שבתים זאָלט איר אָפּהיטן, אך, לחלק פּיקוח נפש, דער „נאָר״ שליסט אויס פּיקוח נפש (יומה).

ר׳ נחום איש־גם־זוס רעגלען זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן פון זיינע חברים. איינער פון זיינע קעגנער איז געווען רבי נחוניה בן הקנה, וואָס איז צופרידן געווען מיט הללס זיבן מידות.

מיט אַ דור שפּעטער איז געקומען דער גרויסער בעל־דרשן, רבי עקיבא, און האָט אויסגעבעסערט און פאַרגרעסערט די כללים פון זיין רבין נחום איש־גם־זו. זיין ארגומענט איז: אַז די שפּראַך פון דער תורה איז אַנדערש ווי די שפּראַך פונם מענטש. דער מענטש איז ניט אָפּגעהיט מיט זיינע רייד, רעדט מליצהדיק, נוצט אָפּט ווערטער וועלכע מיינען גאָרניט, בעסער געזאָגט: דער מענטש האָט ליב צו פּלאַפּלען. אַנדערש איז דאָס לשון פון דער תורה, קיין וואָרט, קיין אות אפילו איז דאָרט ניט איבעריק, נאָר אַלץ איז פון גרויס וויכטיקייט, און אָפּט גיט דאָס איבעריקע וואָרט, צי דאָס איבעריקע אות אפילו, אַ שליסל צו דעם פאַרבאָרגענעם, ניט דערזאָגטן אין דעם זאַץ. צוליב דעם טאַקי זאָגט יעדעס וואָרט, יעדע שטעל וואָס איז ניט גענוג קלאָר, אַרויס אַ נייעם דין.

אויך רבי עקיבא׳ס געניאַלע סיסטעם, ווי צו דרשענען די תורה, האָט געהאַט אירע קעגנער. דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען דער תנא רבי ישמעאל בן אלישע. זיין טענה איז: „דברה תורה כלשון בני אדם״ — די תורה רעדט אין אַ פּשוטער מענטשלעכער שפּראַך. דערפאַר טאָר מען ניט אַרויפלייגן קיין איבעריקע וואָג אויפן פּסוק, און מען טאָר ניט דרשענען אויף יעדן וואָרט און אות ווי רבי עקיבא וויל. ווי אַ באַשטימטן כלל, ווי אויסצוטייטשן די תורה, האָט רבי ישמעאל אָנערקענט הללס זיבן מידות, וועלכע האָט פאַרגרעסערט צו דער צאָל פון דרייצן.

אויך רבי ישמעאלס דרייצן מידות האָבן געהאַט קעגנער, און אפילו אָפּשפּעטער. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט סאָפיסטישע קל וחומרס (וואָס ווערן דערמאָנט אין דער תלמודישער ליטעראַטור), וואָס ווערן דערפירט דורך דעם אַרגומענט ביז אַבסורד.

אין מסכתא דרך ארץ רבה איז פאַרצייכנט איינער פון די סאָפּיסטישע קל וחומרס: יוסי בן טדיי פון טבריה האָט פּרובירט — אין דער אָנוועזנהייט פון רבי גמליאל — צו ווייזן צו וואָס פאַר אַן אַבסורד דער קל וחומר קאָן דערפירן, הגם דער אַרגומענט זאָל זיין אַ לאָגישער, און ער האָט געלערנט אַ קל וחומר: „מה אשתי שאני מותר בה אני אסור בבתה, אשת־איש שאני אסור בה אינו דין שאהיה אסור בבתה"? — אויב עס איז פאַרבאָטן צו לעבן מיט אַן אייגענער טאָכטער, הגם צו לעבן מיט איר מוטער איז דערלויבט, ווי אסור דאַרף שוין זיין דאָס חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַן אשת־איש, אַז לעבן מיט איר מוטער, אַן אשת־איש — איז שטרענג פאַרבאָטן?

דאָס ווערטל: ער איז מטהר אַ שרץ אין ק"ן טעמים" איז ניט גלאַט אַ ווערטל, נאָר אַ פאַקט פאַרצייכנט אין דער גמרא.

ווען אַ תנא האָט געוואָלט ווערן אַ מיטגליד אין דעם סנהדרין, האָט ער געמוזט האַלטן אַ דרשה אויף דער טעמע „טומאה און טהרה" און עפּעס מחדש זיין. אַן אמורא האָט זיך פאַרגלוסט אַ וויצל טאָן: ווען איך וואָלט וועלן ווערן אַ מיטגליד אין דעם סנהדרין, וואָלט איך אין מיין דרשה מחדש געווען אַזאַ קל וחומר: מה נחש שממית ומרבה טומאה — טהור, שרץ שאינו ממית ומרבה טומאה אינו דין שיהא טהור? — מה־דאָך אַ שלאַנג, וואָס טויטעט און פאַרשפּרייט אומריינקייט, איז טהור, ווערט פאַרעכנט פאַר אַ ריינער באַשעפעניש, הייגט אַ שרץ, וואָס טויטעט ניט און פאַרשפּרייט ניט קיין אומריינקייט, זאָל ניט זיין פאַרעכנט פאַר טהור — פאַר אַ ריינער באַשעפעניש?

די ברייתא פון רבי ישמעאלס דרייצן מדות געפינט זיך אין אָנהויב דעם ספר ווערן געדרשנט לויט די דרייצן כללים. די י"ג מידות פון רבי דעם ספר ווערן געדרשענט לויט די דרייצן כללים. די י"ג מדות פון רבי ישמעאל געפינען זיך אין שחרית דאַווענען:

„רבי ישמעאל אומר, בשלש עשרה מדות התורה נדרשת" — רבי ישמעאל זאָגט: מיט דרייצן מידות ווערט די תורה געדרשנט, און דאָס זיינען זיי:

1) מקל וחומר — פון גרינג און פון האַרב. מען לערנט אָפּ דאָס האַרבערע פונם גרינגערן, און דאָס גרינגערע פונם האַרבערן.

2) ומגזרה שוה — פון צוויי גלייכע ווערטער, לערנען מיר אָפּ איינס פון אַנדערן.

3) מבנין אב מכתוב אחד, ומבנין אב משני כתובים — פון אַ הויפּט־רעגל פון איין פּסוק, און פון אַן הויפּט־רעגל פון צוויי פּסוקים

4) מכלל ופרט — פון אַלגעמיין און פון איינצאַל.

5) ומפרט וכלל — און פון איינצאַל און אַלגעמיין.

6) כלל ופרט וכלל — אַלגעמיין און איינצאַל און אַלגעמיין, זאָלסטו אַנדערש ניט אַרויסלערנען נאָר דאָס וואָס איז גליך צום איינצאַל.

7) מכלל שהוא צריך לפרט, ומפרט שהוא צריך לכלל — פון אַ כלל וואָס מוז אָנקומען צום פּרט, און פון אַ פּרט וואָס מוז אָנקומען צום כלל, מוזטו לערנען נאָר ווי דער פּרט.

8) כל דבר שהיה בכלל, ויצא מן הכלל — יעדע זאַך וואָס איז געווען אין כלל און איז אַרויס פונם כלל צו לערנען אונז ביי איין זאַך אַ נייעם דין, לרענען מיר אָפּ מיט דער מדה, אַז דער נייער דין איז ניט בלויז פאַר אים אַליין צו לערנען, נאָר ביי דעם גאַנצן כלל.

9) כל דבר שהיה בכלל ויצא לטעון טוען אחר, שהוא כענינו, יצא להקל ושלא להחמיר — יעדע זאַך וואָס איז געווען אין כלל, און איז אַרויס מיט איין זאַך, וואָס איז ווי דער ענין, איז עס אַרויס צו פאַרגרינגערן, ניט צו פאַרשווערן.

10) וכל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל לטעון טוען אחר שלא כענינו, יצא להקל ולהחמיר — יעדע זאַך וואָס איז געווען אין כלל און איז אַרויס פונם כלל, מיט אַ זאַך, וואָס איז ניט ווי דער ענין, איז ער אַרויס צו פאַר־גרינגערן און צו פאַרשווערן.

11) כל דבר שהיה בכלל, ויצא מן הכלל לידון בדבר החדש, אי אתה יכול להחזירו לכללו, עד שיחזירנו הכתוב לכללו בפירוש — יעדע זאַך וואָס איז געווען אין כלל און איז אַרויס פונם כלל, אויפצואווייזן אַ נייע זאַך, קענסטו דאָס צוריק ניט אַריינעמען אין כלל, ביז דער פּסוק אַליין וועט דאָס צוריק אַריינעמען.

12) דבר הלמד מענינו, ודבר הלמד מסופו — אַ זאַך וואָס מען לערנט פון אַ ענין, וואָס איז נאָענט צו אים, און פון אַ זאַך וואָס מען לערנט אָפּ פון סוף פּסוק.

13) וכן שני כתובים המכחישים זה את זה עד שיבא הכתוב השלישי ויכריע ביניהם — און אַזוי, צוויי פסוקים וואָס זיינען זיך סותר איינס דאָס אַנדערע, קומט דער דריטער פסוק, און פאַרגלייכט זיי.

קומט מען צום פסוק „י״ג״ גיט דאָס האַרץ אַ צאַפּל. רבי עקיבא אומר... עס שטעלט זיך אַוועק פאַר די אויגן דער יונגער פּאַסטוך ביים רייכן כלבא־שבוע. דער עם־הארץ אין וועמען דעם רייכענס טאָכטער האָט זיך פאַר־ליבט און חתונה געהאַט קעגן איר פאָטערס ווילן.. בתנאי, אַז איר מאַן זאָל אַוועקפאָרן לערנען תורה.

דער פּאַסטוך פאָלגט דאָס ווייב, און ווערט אַ תלמיד פון די גרויסע תנאים רבי אלעזר בן הורקנוס און נחום איש גם־זו. אינגיכן ווערט ער איינער פון די גרעסטע תנאים און גרינדעט אַ ישיבה אין בני־ברק און האָט שוין אַליין טויזנטער תלמידים.

ווען דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא קעגן די רוימער ברעכט אויס, ווערט רבי עקיבא בר־כוכבא׳ס רעכטע האַנט. ער פאָרט אַרום איבער פיל לענדער אויסער ארץ־ישראל און ווירקט אויף די אידן זיי זאָלן העלפן בר־כוכבא׳ן אין זיין הייליקן קאַמף.

ווען די רוימער האָבן באַזיגט בר־כוכבא׳ן האָבן זיי פאַרבאָטן די אידן צו לערנען תורה. נאָר רבי עקיבא האָט נישט אויסגעפאָלגט דעם פאַרבאָט און האָט יאָ געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים. די רוימער האָבן אים גע־כאַפּט און אים פאַרמשפּט צום טויט.

זיי האָבן געריסן זיין לייב מיט שפּיציקע אייזענס ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיטן וואָרט „אחד״.

אינטערעסאַנט איז די אגדה אַז נאָך אַ סך דורות פאַר מתן־תורה, האָט רבי עקיבא שוין אַנטפּלעקט סתרי־תורה, וואָס משה רבינו אַליין האָט פון דעם נישט געוואוסט.

עס ווערט דערציילט אין דער אגדה, אַז ווען משה איז אַרויף אויפן הימל נעמען די תורה, זעט ער ווי גאָט ברוך הוא זיצט און העפט קרוינען אויף די אותיות. פרעגט אים משה: רבונו של עולם, ווער פאַרלאַנגט דאָס פון דיר? ענטפערט גאָט ברוך הוא: אין אַ סך דורות אַרום וועט לעבן אַ מענטש, עקיבא בן יוסף איז זיין נאָמען, און אויף יעדן שטריך פון אַן אות וועט ער דרשענען גאַנצע בערג מיט הלכות. זאָגט משה: רבונו של עולם! ווייז מיר אים. ענט־

פערט גאָט: קער זיך אום אויף צוריק. משה קערט זיך אום און דערזעט רבי עקיבא׳ן, ווי ער לערנט מיט זיינע תלמידים.

משה זעצט זיך אַוועק און וויל צוהערן, האָט ער אָבער נישט געקענט פאַרשטיין וועגן וואָס עס רעדט זיך, און זיין מוט איז אים געפאַלן. ווען רבי עקיבא איז געקומען צו אַ געוויסן דרש, פרעגט איינער פון די תלמידים: רבי, פון וואנען נעמסטו עס? ענטפערט עקיבא: „הלכה למשה מסיני" די הלכה האָט משה באַקומען אויפן באַרג סיני. דערהערענדיק דאָס האָט משה זיך באַרואיקט.

משה קומט ווידער צו גאָט און פרעגט: רבונו של עולם, דו פאַרמאָגסט אַזאַ גרויסן מענטש און דו גיסט די תורה דורך מיר? ענטפערט גאָט ברוך הוא: שוויג! „כך עלה במחשבה לפני" — אַזוי איז געקומען אויף מיין מחשבה. זאָגט משה: דו האָסט מיר געוויזן זיין תורה, ווייז מיר אויך זיין שכר. ענטפערט גאָט: גיב אַ קוק הינטער זיך. משה דרייט זיך אום און דערזעט ווי רבי עקיבא׳ס פלייש ווערט געשניטן און ער שווייגט. פרעגט משה: דאָס איז די תורה און דאָס איז איר שכר? ענטפערט גאָט: שוויג! אַזוי איז געקומען אין מיין מחשבה.

אַז רבי עקיבא האָט געהייליקט אַלע זיינע יאָרן צו לערנען אידישע קינדער גאָטס תורה דערציילט דער מדרש, אַז רבי טרפון, דער גרעסטער גביר צווישן די תנאים האָט געגעבן רבי עקיבא׳ן פיל טויזנטער גאָלדענע דינר ער זאָל פאַר אים איינהאַנדלען אַ שטאָט, האָט רבי עקיבא גענומען דאָס געלט און האָט עס צעטיילט צו אָרימע תלמידי חכמים. שפעטער האָט אים רבי טרפון אָנגעטראָפן און אים געפרעגט: וואו איז די שטאָט וואָס דו האָסט געקויפט פאַר מיר? האָט אים רבי עקיבא אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט אים אַריינגעפירט אין בית־המדרש און צוגערופן אַ קינד, וואָס האָט געהאלטן אַ תהלים אין האַנט, און ער האָט גראַדע דאַן געלייענט דעם פסוק „ער האָט דאָס צעשפרייט צווישן די אָרעמע־לייט". האָט רבי עקיבא געזאָגט: דאָס איז דיין שטאָט וואָס איך האָב פאַר דיר געקויפט. האָט רבי טרפון אים געקושט און געזאָגט: מיין רבי און מיין חבר. מיין רבי אין חכמה און מיין חבר אין פירונג, און האָט אים געגעבן נאָך געלט ער זאָל דאָס צעטיילן.

רבי עקיבא פלעגט זאָגן: די אידן זיינען געגליכן צו אַן עוף, אַזוי ווי אַן עוף קאָן נישט פליען אָן פליגל אַזוי קאָנען אויך די אידן זיך נישט באַגיין אָן זייערע זקנים.

אין פרק זאָגט רבי עקיבא: „שחוק וקלות ראש" — געלעכטער און פאַרשייטקייט פירט צו זינד. נאָך זאָגט ער: די צוים צו חכמה איז שווייגן".

דער תלמוד ירושלמי ברייגגט אין מסכתא ברכות, אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט איינמאָל געזאָגט: עס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר דער וועלט וואָס איך בין נישט געווען ביים באַרג סיני ווען מען האָט די אידן געגעבן די תורה. ווען איך וואָלט דערביי געווען וואָלט איך געבעטן ביי השי"ת ער זאָל באַשאַפן דעם מענטש מיט צוויי מיילער. איין מויל וואָלט געווען צום לערנען און דאָס אַנדערע צו רעדן שיחת־חולין. נאָר באַלד האָט ער איינגעזען ווי נישט גוט עס וואָלט געווען. דען מיר זען אַז אַ מענטש האָט נאָר איין מויל, רעדט ער פיל נאַרישקייטן און רכילות, ווי וואָלט שוין געווען ווען ער וואָלט פאַרמאָגט צוויי מיילער? וואָלט ער דאָך די וועלט חרוב געמאַכט.

נאָך זאָגט רבי עקיבא: „חביבין ישראל שנקראו בנים למקום" — די אידן זיינען באַליבט ווייל זיי ווערן אָנגערופן גאָטס קינדער.

רבי שמעון בן לקיש זאָגט אין ירושלמי מסכתא תענית, אַז גאָט האָט געוואָלט דאָס פאָלק ישראל זאָל נישט פאַרלוירן גיין צווישן די געצנדינער, האָט ער זיי צוגעגעבן זיין הייליקן נאָמען. למשל, ביי אַ מלך איז געווען אַ קעסטעלע מיט קאָסטבאַרע שטיינער, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ער קען נאָך פאַרלירן דעם שליסל צום קעסטעל, האָט ער צוגעמאַכט אַ קייטל צום שליסל, אויב ער וועט פאַרלירן דעם שליסל זאָל לייכטער זיין אים צו געפינען צוליב דעם קייטעל.

דאָס זעלבע האָט גאָט געזאָגט: אַז איך וועל לאָזן די אידן אין גלות אַ לאַנגע צייט, קענען זיי ח"ו איינגעשלונגען ווערן צווישן די פעלקער. דאַרום האָט ער זיי געגעבן זיין נאָמען און רופט זיך „אלהי ישראל" דער גאָט פון די אידן. און זיי וועלן נישט ווערן פאַרלוירן און וועלן עקזיסטירן ביז גאָט וועט זיך אויף זיי דערבאַרעמען און זיי אויסלייזן.

און נאָך זאָגט רבי עקיבא: „חביבין ישראל שנתן להם כלי־חמדה". באַליבט זיינען די אידן ביי גאָט ווייל זיי זיינען באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ גלוסטיקע כלי.

דער מדרש אותיות דרבי עקיבא זאָגט אַז דאָס באַציט זיך אויף מתן־תורה אידער השי"ת האָט געגעבן די תורה אויפן באַרג סיני, האָט ער גערופן די אידן און געזאָגט צו זיי: איך האָב אַ גוטע זאַך איך צו געבן, באופן

אַז איר וועט מקבל זיין די תורה און היטן אירע מצוות. האָבן די אידן געפרעגט: וואָס איז די גוטע זאַך? האָט זיי גאָט געענטפערט: דאָס איז עולם־הבא, אַ טייערער אוצר פאַר די וואָס ווילן אָננעמען די תורה און זי היטן. האָבן די אידן געבעטן אַ מוסטער פון דעם עולם־הבא. זאָגט גאָט: איך וועל אייך געבן דעם טאָג שבת־קודש, וואָס ער איז אַ זעכציק־טייל פון עולם־הבא; וואָס ווערט גערופן „יום שכלו שבת" ווי די אידן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגענומען די תורה מיט גרויס פרייד, ווייל אַז די מנוחה פון שבת איז גוט האָבן זיי שוין פון פריער געוואוסט, ווייל אין מרה זיינען זיי שוין פאַרזאָגט געוואָרן צו היטן שבת!

שבת איז די כלה. אָן דעם שבת וואָלט די וועלט געווען אַ וואַכעדיקע וועלט. „און גאָט האָט פאַרענדיקט אויפן זיבעטן טאָג זיין מלאכה וואָס ער האָט געטאָן" — פאַרוואָס אויפן „זיבעטן טאָג" אויפן זעקסטן טאָג איז דאָך דער באַשאַף פאַרענדיקט געוואָרן? אַ משל צו אַ מלך וואָס האָט זיך געמאַכט אַ שיינע חופה, און וואָס האָט אים געפעלט? אַ כלה! אַזוי דאָ אויך. וואָס עס האָט אויסגעפעלט דער וועלט? דער שבת!

און אַז דער שבת איז שוין געווען — דערציילט דער מדרש — איז ער געקומען פאַר גאָט און געזאָגט: רבונו של עולם! צו יעדן פון דיינע באַשע־פענישן האָסטו געגעבן זיין פּאָר, און מיר האָסטו קיין פּאָר נישט געגעבן. האָט גאָט געענטפערט: דאָס פאָלק ישראל וועט זיין דיין פּאָר.

די אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות נאָר אינם זכות פון שבת. האָט הקב"ה געזאָגט צו די אידן: אויב איר וועט אָפּהיטן די ליכט פון שבת, וועל איך אייך ווייזן די ליכט פון ציון.

ווען אסתר המלכה איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון אחשורוש האָט זי מורא געהאַט טאָמער וועט זי דאָרט פאַרגעסן ווען עס פאַלט אויס שבת. וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט גענומען די זיבן מיידלעך, וואָס דער מלך האָט איר גע־שאָנקען און האָט זיי אָנגערופן מיט די נעמען פון די טעג פון דער וואָך. דאָס ערשטע מיידל האָט זי גערופן „דער ערשטער טאָג", און אַזוי ווייטער. און ווען דאָס זיבעטע מיידל איז אַריינגעקומען דעם טאָג זי צו באַדינען, האָט זי גע־וואוסט אַז היינט איז שבת.

נאָך זאָגט רבי עקיבא: „הכל צפוי, והרשות נתונה" — אויבן זעט מען אַלע מעשים פון דעם מענטשן, און דער רשות איז געגעבן געוואָרן איטלעכן

צו טאָן וואָס ער וויל. און מיט גוטסקייט ווערט די וועלט געפירט, אַלץ ווענדט זיך ווער עס טוט מער מעשים טובים, דער האָט מער שכר.

אויפן „הכל צפוי" — אַז מען זעט אויבן אַלץ וואָס דער מענטש טוט, הערציילט דער מדרש: (בראשית רבה) אַ חכם, אַ געצנדינער האָט געהאַט אַ וכוח מיט רבי יהושע בן קרחה, האָט ער ביי אים געפרעגט: איר זאָגט דאָך אַז אייער גאָט ווייסט וואָס עס וועט פאַרקומען עד סוף כל הדורות, פאַרוואָס זשע געפינען מיר אין אייער תורה, אַז נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש, און דער מענטש האָט געזינדיקט האָט גאָט באַדויערט וואָס ער האָט אים באַשאַפן? איז דאָך אַ פראַגע: ווי באַלד גאָט ווייסט עתידות האָט ער דאָך פאַרויס געוואוסט אַז דער מענטש וועט זינדיקן, האָט ער אים נישט באַדאַרפט באַשאַפן, און ווי באַלד ער האָט אים יאָ באַשאַפן, האָט אים נישט באַדאַרפט פאַרדריסן וואָס דער מענטש האָט געזינדיקט?

פרעגט רבי יהושע בן קרחה ביים געלערנטען: דו האָסט אַ זון? זאָגט ער: יאָ! פרעגט רבי יהושע: וואָס האָסטו געטאָן ווען ער איז געבוירן געוואָרן? ענטפערט דער חכם: איך האָב געמאַכט אַ סעודה און געבעטן מיינע גוטע פריינט זיי זאָלן אויך אָנטייל נעמען אין מיין שמחה. פרעגט אים דער תנא: וואָס איז די שמחה ביי דיר אַזוי גרויס? ווייסטו דען נישט אַז דיין זון וועט שטאַרבן? ענטפערט אים דער חכם: יאָ, נאָר בשעת פרייד איז פרייד, און בשעת טרויער איז טרויער. זאָגט צו אים דער תנא: דאָס גלייכן איז דאָ אויך. בשעת בריאָה פון דער וועלט האָט גאָט זיך געפרייט, דערנאָך, אַז דער מענטש האָט געזינדיקט „ויתעצב על לבו" — האָט אים פאַרדראָסן. אָבער גאָט האָט געוואוסט פאַראויס אַז אַזוי וועט זיין.

נאָך רבי עקיבאַ'ן קומט רבי אלעזר בן עזריה, פון דער הגדה של פסח. דאָרט זאָגט ער: „הרי אני כבן שבעים שנה" — איך קוק אויס ווי איך וואָלט אַלט געווען זיבעציק יאָר.

דעם זאָג דערקלערט די גמרא (ברכות, כ"ז) אַז צוליב דעם וואָס די חכמים פון יבנה האָבן זיך צעקריגט מיטן נשיא רבן גמליאל, האָבן זיי אלעזר בן עזריה'ן דערוויילט אַלס נשיא אויף רבן גמליאל'ס אָרט. אלעזר איז דאַן אַלט געווען אַכצן יאָר, און אַ נס איז געשען: עס איז אים איבער נאַכט אָנגעוואַקסן אַ ווייסע באָרד.

אין פרק זאָגט ער: דער וואָס זיין חכמה איז מער פון זיינע מעשים טובים, צו וואָס איז ער ענליך? צו אַ בוים וואָס זיינע צווייגן זיינען פיל, און זיינע וואָרצלען זיינען ווייניק; קומט דער ווינט רייסט ער אים אַרויס. אָבער ווען זיינע גוטע מעשים זיינען מער פון זיין חכמה, צי וואָס איז ער געגליכן? צו אַ בוים וואָס זיינע צווייגן זיינען ווייניק, און זיינע וואָרצלען זיינען פיל; אפילו אַלע ווינטן פון דער וועלט וועלן אים נישט רירן פונם אָרט.

דער דריטער פרק שליסט זיך מיט רבי אלעזר בן חסמא. ער זאָגט: תקופות — צייט רעכענונג, און צו רעכענען וויפיל יעדער אות באַטרעפט, איז אַזוי ווי אַ מאכל וואָס מען עסט סוף סעודה, אַזוי איז דאָס צו דער תורה. חכמה מאַכט שיין דעם מענטשן.

פערטער פרק

דעם פערטן פרק עפנט בן זומא. ער האָט געהייסן שמעון, אַ תלמיד פון רבי יהושע. ער איז געווען איינער פון די פיר תנאים וועלכע זיינען אריינגע־גאַנגען אינם „פרדס״ — זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָזאָפיע. אויף אים זאָגט מען „הציץ ונפגע״ — ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער פילאָזאָפישער לערע און איז געשטרויכלט געוואָרן.

ער זאָגט: איזהו חכם? ווער איז פאַררעכנט פאַר אַ קלוגן? דער וואָס לערנט פון איטלעכן. ווער איז פאַררעכנט פאַר אַ שטאַרקן? דער וואָס באַזיגט דעם יצר־הרע.

„ווער איז אַ חכם? דער וואָס לערנט זיך פון איטלעכן״.

דער תנא לערנט אונז הן אין תורה און הן אין וועלט זאַכן — אפילו ווען מען האָט אַ גוטן קאָפּ — איז מען נאָך נישט קיין חכם, אויב מען איז ביי זיך גרויס, און עס פּאַסט נישט צו פרעגן אין לערנען ביי אַ קלענערן פון זיך, הגם יענער איז אַ מומחה אין דער זאַך.

דער גרעסטער תלמיד חכם קאָן נישט גוט פאַרשטיין פיל זאַכן אין די הלכות כלאים — צוזאַמענמישן צוויי פאַרשידענע מינים פלאַנצן — ביז וואַנען ער וועט נישט גיין אויפן פעלד זיך לערנען ביים פויער, ווי אזוי יעדע זאַך ווערט באַארבעט און ווי אַזוי דאָס וואַקסט.

דערציילט דער „תורת אבות״ אַ מעשהלע: אַ פילאָזאָף וועלכער האָט געוואוינט אין אַ קליין שטעטל ביי אַ וואַסער, האָט פאַרמאָגט צוויי טויזנט פונט אַלט זילבער, וואָס ער האָט געוואָלט אויסבייטן אויף זילבערנע כלים. האָט ער זיך אַריבערגעשיפט אין אַן אַנדער שטאָט און האָט גראדע אָנגעטראָפן צו אַ נישט־אָרענטלעכן גאָלדשמיד, וועלכער האָט געהאט פאַלשע געוויכטן.

דער האָט איבערגעוואויגן דאָס אַלטע זילבער און עס האָט ביי אים גע־וואויגן מיט הונדערט פונט ווייניקער.

שרייט דער פילאָסאָף: ווי קאָן דאָס גאָר זיין? איך האָב דאָך אַליין ריכ־טיק איבערגעוואויגן דאָס זילבער? לאַכט דער גאָלדשמיד זיך אויס פון אים און זאָגט: אַ שיינער פילאָסאָף ביסטו אַז דו ווייסט נישט די אייגנשאַפט פון זילבער, אַז מען שיפט זיך מיטן זילבער איבער דעם וואַסער ווערט דאָס גרינ־

גער אין וואָג. אַ סימן וועסטו האָבן, וועג דיר אַליין אָפּ די זילבערנע כלים וואָס דו קויפסט ביי מיר, וועסטו זען, אַז ווען דו וועסט צוריק שיפן מיט זיי, און וועסט קומען אַהיים, וועט ווייטער פעלן אַן ערך הונדערט פונט זילבער.

דער פילאָסאָף האָט זיך געשעמט פרעגן ביי אַ צווייטן גאָלדשמיד און ער איז אָפּגענאַרט געוואָרן אויף צוויי הונדערט פונט זילבער.

איזהו גבור ? ווער איז אַ שטאַרקער ? דער וואָס באַזיגט דעם יצר־הרע. דער מדרש ברייננגט אויף דעם זאָג אַ מעשה :

אין דעם גרויסן תנא רבי עקיבא׳ס צייטן האָט געלעבט זייער אַ רייכער מאַן, נתן, דער נתן האָט זיך פאַרליבט אין זייער אַ שיינער פרוי מיטן נאָמען חנה. חנה אָבער האָט געהאַט אַ מאַן און זי איז געווען אַ גרויסע צנועה, האָט זי אים זיין ליבע תמיד צוריקגעוויזן, נתנ׳ן האָט דאָס זייער געקריינקט.

דערווייל איז חנה׳ס מאַן פאַראָרימט געוואָרן, און זיינע בעלי־חובות האָבן אים אַריינגעזעצט אין געפּענקעניש.

חנה האָט דורך שווערער אַרבעט געמוזט פאַרדינען פאַר זיך און איר מאַן דאָס לעבנסמיטל. און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פלעגט זי אים ערשט באַזוכן אין געפענקעניש.

איינמאָל האָט זי אים געטראָפן שטאַרק פאַרוויינט. פרעגט זי ביי אים : וואָס איז מיט דיר ? זאָגט ער איר : איך קען דאָ מער נישט אויסהאַלטן, און איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט גיין צו נתנ׳ן אים בעטן ער זאָל אונז לייען געלט צו באַצאָלן די חובות, וועל איך קענען פריי ווערן.

— ווי קענסטו פון מיר פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך ? האָט זי אים געזאָגט. דו ווייסט דאָך וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר, און אַז איך זאָל בעטן פון אים אַ טובה, וועט ער דאָך געוויס וועלן, אַז איך זאָל ערפילן זיין חיהשן פאַרלאַנג.

איר מאַן איז זייער אין כעס געוואָרן און האָט געזאָגט : איך ווייס אַז דו ווילסט אַז איך זאָל דאָ שטאַרבן, וועסטו קענען חתונה האָבן מיט נתנ׳ן.

אַזאַ פאַרוואורף פון איר מאַן האָט זי גאַרנישט דערוואַרט און איז אַוועק פון אים מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

אין אייניקע טעג אַרום איז זי ווידער געקומען צו איר מאן אין געפענ־קעניש און האָט אים געפונען זייער אָפּגעשוואַכט, און זי האָט געמיינט אַז אָט גייט ער אויס.

האָט זי געזאָגט צו אים : טייערער מאַן מיינער, איך בין דיר מוחל דעם

חשד וואָס דו האָסט אויף מיר, און וואָס דו האָסט מיך אַזוי טיף באַליידיקט. איך ווייס, דיינע יסורים האָבן דאָס מיטגעבראַכט.

דאָס האַרץ האָט איר זייער וויי־געטאָן אויף איר מאַן, איז זי אַוועק צו נתנ׳ן מיט אַ צעבראָכן האַרץ. אויפן וועג האָט זי מתפלל געווען צו גאָט אַז ער זאָל זי אויסהיטן, זי זאָל חס־ושלום נישט קומען צו קיין עבירה.

ווי נאָר זי איז צוגעקומען צו נתנ׳ס הויז, האָבן די דינער געמאָלדן זיי־ער באַלעבאָס אַז חנה איז געקומען. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, און האָט געהייסן איר צולאָזן צו אים.

ווי זי איז אַריין אין זיין צימער האָט ער איר מיט אַ פריינדליכע מינע געזאָגט: ליבע חנה, אַלעס וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר וועל איך דיר געבן!

איך פאַרלאַנג דו זאָלסט מיר לייען די סומע געלט וואָס עס טרעפן אָן די חובות פון מיין מאַן — האָט זי אים געזאָגט — איך זאָל קענען מיין מאַן באַפרייען פון געפענקעניש.

נתן האָט געהייסן זיין קאַסירער ער זאָל אָנגרייטן די סומע געלט וועלכע זי פאַרלאַנגט. נאָך דעם האָט ער איר געזאָגט: חנה, דיין וואונש דערפיל איך, איצט דערפיל מיינעם!

דו פאַרלאַנגסט אַ זאַך וואָס עס קען נישט זיין — האָט זי אים געענט־פערט — דו פאַרלאַנגסט פון מיר איך זאָל פאַרשוועכן מיין קערפער און מיין נשמה, און איך זאָל זיך מוזן שיידן מיט מיין מאַן. ווילסטו דען אַז צוליב דער אויגנבליקליכער תאווה זאָלן מיר ביידע פאַרשוועכן אונזערע ביידע נשמות, און מיר זאָלן ביידע קיין תקומה נישט האָבן? באַקעמף דיין יצר־הרע! וועסטו זיין ווי יוסף הצדיק, וואָס זיין נאָמען איז אויף אייביק פאַרהייליקט. פאַרגעס נישט, אַז דו וועסט דאָך דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר גאָט, וואָס פאַר אים, זיינען קיין סודות נישטאָ, און ער ווייסט אַלעס וואָס דער מענטש טוט.

עס איז אַ בזיון אַז אַזאַ מענטש ווי דו זאָל נישט קענען באַהערשן דעם יצר־הרע, וואָס איז דער גרעסטער פיינט פונם מענטשן!

חנה׳ס רייד האָבן שטאַרק געווירקט אויף נתנ׳ן, ער איז אָפּגעשטאַנען פון איר און איז געפאַלן צו דער ערד און געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט אים געגעבן כוח זיך צו באַהערשן און אים מציל געווען פון אַ שווערער זינד.

חנה האָט באַקומען דאָס געלט און האָט באַפרייט איר מאַן. אָבער ביי איר מאַן און ביי אַלע איינוואוינער פון שטאָט איז פאַרט פאַרבליבן אויף איר אַ חשד, און איר מאַן האָט זיך פון איר דערווייטערט.

איינמאָל איז רבי עקיבא געזעסן אין בית־המדרש און האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים, האָט ער דורכן פענסטער באַמערקט ווי אַ מאַן איז פאַר־בייגעריטן אויף אַ פערד, און פונקט ווי זונענשטראַלן האָבן אַריינגעשיינט אין פענסטער און אים פאַרבלענדעט די אויגן.

רבי עקיבא האָט געפרעגט זיינע תלמידים: ווער איז דאָ פאַרביי־געריטן? האָבן זיי אים געזאָגט: דאָס איז נתן דער רשע, וועלכער האָט מטמא געווען אַן אשת־איש.

רבי עקיבא האָט געהייסן אים אַריינרופן און האָט אים געפרעגט: וואָס פאַר אַ גרויסע מצוה האָסטו געטאָן? האָט ער רבי עקיבאַ'ן דערציילט די מעשה מיט חנה'ן.

האָט רבי עקיבא אים געבענטשט און געזאָגט: דו האָסט דיין יצר־הרע גובר געווען, שיינען די הייליקע שטראַלן פון דער שכינה כביכול אויף דיר, איצט מיין זון, זעץ זיך אין מיין ישיבה לערנען תורה, וועסטו נאָך קומען צו אַ גרויסער מדרגה.

נתן האָט זיך גענומען מיט חשק צום לערנען און איז געוואָרן אַ תלמיד־חכם.

מיט אַ צייט שפעטער איז חנה'ס מאַן געקומען אין בית־המדרש פרעגן ביי רבי עקיבאַ'ן דעם דין וועגן זיין ווייב, צי ער מעג מיט איר וואוינען. זעט ער ווי נתן זיצט אין דער ערשטער שורה צווישן די תלמידים. פרעגט ער: ווי קומט דער חוטא ופושע צו אַזאַ שטופע? האָבן אים די תלמידים דערציילט די גאַנצע מעשה.

— איצט ווייס איך אַז חנה איז ערליך און ריין — האָט חנה'ס מאַן גע־זאָגט — און ער האָט זי געשעצט ווי אַ הייליקע.

די חכמים האָבן נתנ'ן אַ נאָמען געגעבן „צוציתא" — שטראַלן, ווייל די ליכטיקע שטראַלן פון דער שכינה האָבן געשיינט אויף זיין קאָפּ.

בן עזאי אומר... ער האָט געהייסן שמעון, אַ תלמיד פון רבי עקיבא. ער האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן כדי נישט געשטערט צו ווערן אין לערנען. בן עזאי איז געווען פון די פיר תנאים וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין „פרדס" — זיך באַשעפטיקט מיט פילאָסאָפיע. אויף אים זאָגט די גמרא „הציץ ומת" — ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער לערע און איז געשטאָרבן. לויט אַנדערע מיי־

נונגען איז ער אומגעקומען על קידוש־השם. די רוימער האָבן אים געטויט פאַר לערנען תורה.

אין פּרק זאָגט ער: „אל תהי בז לכל אדם" — זאָלסט נישט גרינגשעצן קיין מענטשן.

אויפן „זאָלסט נישט גרינגשעצן קיין מענטשן" דערציילט דער מדרש תהלים אַזאַ מעשה:

איין מאָל ווען די אידן זיינען עולי־רגל געווען קיין ירושלים, איז רבי אלעזר בן שמותא געשטאַנען ביים ברעג־ים, און האָט באַוואונדערט זיין שיינקייט. האָט ער דערזען ווי אַ שיף איז צעשמעטערט געוואָרן און איז אונטערגעגאַנגען. איינעם פון די פּאַסאַזשירן איז געלונגען אויף אַ ברעט פון דער צעבראָכענער שיף צושווימען צום ברעג, און געבעטן ביי די עולי־רגל, זיי זאָלן מיט אים מיטלייד האָבן און אים געבן טרוקענע קליידער.

אַלע האָבן זיך פון אים אויסגעלאַכט: איר רוימער, טוט אונז אָן גענוג צרות, און מען דאַרף מיט אייך קיין מיטלייד נישט האָבן, האָבן זיי אים געזאָגט.

רבי אלעזר בן שמוע איז שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף זיי און האָט געזאָגט: פאַר אָרענטלעכע מענטשן איז אַ שאַנדע צו באַגיין זיך מיט אַ צווייטן מיט אַזאַ אכזריות.

ער האָט דעם רוימער גענומען צו זיך אַהיים, און אים געגעבן זיבן קליידער, עסן און טרינקען און אַ חדר זיך אויסרוען.

רבי אלעזר האָט אים געהאַלטן ביי זיך אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט זיך פולשטענדיק ערהאָלט. דאַן האָט ער אים געגעבן צוויי טוזנט דוקאַטן און אַ פערד, ער זאָל קאָנען אָפּפאָרן.

אין אַ צייט אַרום איז געקומען פונם קיסר פון רוים שרעקליכע גזירות אויף אידן. די אידן האָבן גוזר־תענית געווען און תשובה געטאָן. זיי האָבן צוזאַמענגענומען פיר טויזנט דוקאַטן און האָבן מיט דעם אַרויסגעשיקט רבי אלעזרן צום קיסר אין רוים, ער זאָל זיך משתדל זיין צוריקרופן די גזירות.

רבי אלעזר איז געקומען קיין רוים, און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן קייסער. דער קיסר האָט אים פריינטלעך אויפגענומען; האָט אים געזעצט לעבן זיך און געפרעגט אים אויב ער קאָן אים. האָט רבי אלעזער געענטפערט: ניין! האָט אים דער קיסר געזאָגט: איך בין דער וואָס איז אמאָל צוגעשוואומען צום ברעג ים אויף אַ ברעט, און דו האָסט מיך גענומען צו זיך אין הויז אַריין

און מיר געגעבן קליידער און געלט. זאָג וואָס איז דיין פאַרלאַנג, וועל איך אים דערפילן.

איך בין געקומען צו דיר, גרויסער קיסר, דיך בעטן דו זאָלסט צוריקרופן דיין שרעקליכן גזר וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבן אויף אונז אידן.

דערמאָן זיך אָבער, האָט צו אים געזאָגט דער קיסר — ווי דיינע ברי־דער זיינען זיך מיט מיר באַגאַנגען ווען איך בין צוגעשוואומען צום ברעג. איצט וויל איך נעמען נקמה!

זאָגט רבי אלעזר צו אים: גרויסער קיסר, דו דאַרפסט וויסן אַז יענע אידן וועלכע זיינען זיך מיט דיר שלעכט באַגאַנגען זיינען די נידעריקסטע פון אונזער פאָלק. אין גרונט גענומען זיינען אידן רחמנים און טוען פיל גוטס מיט יעדן.

אַזוי ווי ביי יעדן פאָלק געפינען זיך פאַרדאָרבענע מענטשן, אַזוי איז ביי אונז אויך. אָבער דו וועסט דאָך נישט אומגליקליך מאַכן אַ גאַנץ פאָלק צו־ליב אייניקע שלעכטע מענטשן וואָס דו האָסט אָנגעטראָפן?

ווען איך וואָלט דיך נישט געאַכט און געשעצט אַזוי פיל — האָט דער קיסר געענטפערט — וואָלט איך אַלע אידן אומגעבראַכט. האָסט מיר געבראַכט אַ מתנה פון זיי?

— פיר טויזנט דוקאַטן האָב איך פון מיין אָרים פאָלק צוזאַמענגענומען און מיטגעבראַכט פאַר דיר אַ מתנה, גרויסער קיסר! האָט רבי אלעזר גע־ענטפערט.

— דאָס געלט גיב איך דיר אַוועק — האָט דער קיסר געזאָגט — און דערפאַר וואָס דו האָסט מיר געראַטעוועט מיין לעבן, נעם איך מיין באַפעל צוריק.

ווען רבי אלעזר איז געקומען אַהיים און געבראַכט די גוטע בשורה, האָבן די אידן זיך שטאַרק געפרייט און רבי אלעזר האָט מיט זיי געזונגען: „אַל תהי בז לכל אָדם" — דו זאָלסט נישט פאַרשעמען קיין מענטשן, טאָמער וועסטו דאַרפן צו אים אַמאָל אָנקומען.

רבי לויטס איש יבנה אומר „מאד מאד הוי שפל רוח, שתקות אנוש רימה" — זיי ביי זיך געפאַלן, ווייל דער סוף פונם מענטשן איז ווערים.

אַ משל: די בלעטער פון בוים האָבן אַרונטערגעשריגן צו די גראָזן אויף דער ערד: נידעריקע גראָזן! פרעגט יענעם פויגל וועט ער אייך זאָגן, אַז צו

אונזער הויך וועט איר קיינמאָל זיך נישט דערשלאָגן. ער וועט אייך אויך דער־ציילן ווי מיר געניסן פון דער וועלט. די זונען־שטראַלן קומען צו אונז גאַנץ פרי, און די רעגן־טראָפּענס וואַשן אונז פאַר אייך. ווייל איר ליגט נידעריק פאַר אונזערע פיס. דאָס פערד טרעט אייך, צופּט אייך, רייסט אייך. נו, וואָס זאָגט איר נידעריקע גרעזעלאַך, ריכטיק אייך דערלאַנגט?

אַ געפּערלעכער קלאַפּ! — האָבן די גראָזן געענטפערט — באשר איר האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אין דער הויך, וועלן מיר אייך פאַרשווייגן. נאַרישע בלעטער! האָט איר אַ טראַכט געטאָן פונם מאָרגן? וואַרט, אָט באלד וועט אָנ־קומען דער קאַלטער הארבסט, דער וואַלד וועט אַ ציטער טאָן, און איר, גרויס־האַלטער וועט נעמען פאַלן. דאָס פערד וועט אייך טרעטן מיט די פיס. און דער שניי וועט קומען און אונז אַלעמען אין תכריכים איינהילן... [11])

רבי צדוק אומר... דער תנא רבי צדוק האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית שני. אין דער גמרא (גטין, נ״ו) ווערט דערציילט, אַז ער האָט געפאַסט פערציק יאָר, כדי דאָס בית־המקדש זאָל נישט חרוב ווערן, און ער האָט זיך דערנערט מיט דעם זאַפט פון אַ פייג. דערפון שטאַמט דאָס וואָרט „גרוגרת דברי צדוק״.

ער זאָגט: „אל תפרוש מן הצבור, ואל תעש עצמך כעורכי הדינין, ואל תעשה עטרה להתגדל בה, ולא קרדום לחפור בה״ — זאָלסט זיך נישט אָפּשיידן פון צבור, און זאָלסט זיך נישט מאַכן ווי די וואָס גרייטן צו די טענות פון די בעלי דינים, און זאָלסט דיר נישט מאַכן אַ קרוין פון דער תורה (נישט באַנוצן זיך מיט קענען לערנען, כדי זיך גרויס צו מאַכן, און אויך נישט צו האָבן דערפון פרנסה).

נישט נאָר קיין מאַטעריעלע נוץ טאָר מען נישט האָבן פון דער תורה, נאָר קיין שום נוץ.

עס ווערט דערציילט אין דער גמרא. אַ איד האָט געהאַט אַ גאָרטן, האָט ער באַמערקט אַז יעדן פרימאָרגן פעלן אַם אַ סך פרוכטן, און ער האָט געהאַט פון דעם גרויס צער.

אין אַ צייט אַרום איז רבי טרפון אריין אין דעם גאָרטן און האָט אויפ־געקליבן די טרויבן און פייגן, וועלכע זיינען ארונטערגעפאַלן אויף דער ערד, און זיי איז מותר צו נעמען, ווייל זיי זיינען פאַררעכנט פאַר הפקר, און ער האָט זיי געגעסן.

גראדע דאַן איז דער בעל הכרם אַריינגעקומען, און ווען ער האָט דער־זען רבי טרפון, האָט ער געמיינט אַז דאָס איז ער דער גנב, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט באַגנב׳ט, האָט ער אים געכאַפּט און אַריינגעלייגט אין אַ זאַק און אים געטראָגן צום טייך צו דערטרונקען. האָט רבי טרפון אָנגעהויבן צו שרייען: וויי צו רבי טרפון, וואָס ס׳האָט אים אַזעלכעס געטראָפן! אַז דער בעל־הכרם האָט דערהערט וועמען ער האָט חושד געווען אין גניבה, האָט ער רבי טרפון אָפּגעלאָזט און איז אַנטלאָפן פאַר בושה.

פון דעם טאָג אָן האָט רבי טרפון זיך זייער מצער געווען, און שטאַרק געטרויערט וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן דורך דעם כבוד פון דער תורה. רבי טרפון איז געווען זייער אַ רייכער מאַן, און ער האָט געקאָנט זאָגן: איך גיב דיר אַזוי פיל געלט און לאָז מיך אָפּ, און ער האָט נישט געטאָרט זאָגן אַז ער איז רבי טרפון, און ער וואָלט געראַטעוועט זיך דאָס לעבן דורך זיין געלט, און נישט דורך דער תורה.

אויך האָט געטראָפן מיט רבינו הקדוש אַזאַ מעשה. ווען ער האָט אויפ־געעפנט זיינע אוצרות אין אַ יאָר פון הונגער און ער האָט געשפּייזט יעדן מענטשן, ובפרט אַ תלמיד־חכם, איז צו אים געקומען רבי יוחנן בן עמרם און ער האָט צו אים געזאָגט: רבי, זיי מיך מפרנס. האָט ער אים געענטפערט: פאַרוואָס זאָל איך דיך מפרנס זיין, האָסט דען געלערנט? האָט יענער געענט־פערט: זיי מיך מפרנס ווי אַ הונט אָדער אַ קראָ. דאָס מיינט הגם איך האָב נישט געלערנט זאָלסטו מיך מפרנס זיין, ווי דער רבונו של עולם שפּייזט יעדע באַשעפעניש און פרעגט נישט פאַרוואָס. און רבי יוחנן האָט נישט אויסגע־זאָגט אַז ער איז אַ תלמיד־חכם.

רבי יוחנן הסנדלר אומר, כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקים; יעדע איינזאַמלונג וואָס זייער צונויפקום איז פון גאָטס־וועגן, וועט זי האָבן אַ קיום, ושאינה לשם שמים אין סופה להתקיים. און יעדע איינזמלונג וואָס איז נישט פון גאָטס־וועגן, וועט זי קיין קיום נישט האָבן.

אַ משל: מיר ווילן זיך נישט אַריינלאָזן אין וכוחים פאַרוואָס דער גאָרטן האָט אָפּגעברענט. כאָטש מיר ווייסן אויף וועמען די שולד פאַלט. צוליב וואָס אומזיסט צייט פאַרלירן? וואָס איז דער חילוק וואָס די סיבה איז, אַבי דאָס בענקענש צום אָפּגעברענטן גאָרטן האָט זיך אין די פויגעלשע הערצעלעך ווי אַ פייער צעברענט.

— געוואַלד! — האָט אַ פויגל געשריגן — יעדער טאָג ברענגט אונז שוידערלעכע נייעס: הונדערט פויגל האָט מען היינט פאַרצוקט. דאָס איז שוין נישט צום איבערטראָגן. מיר טאָרן מער נישט וואוינען אין וועלדער. מיין עצה: מיר זאָלן אין אונזער אייגענעם גאָרטן אויפסניי אויפבויען אונזער נעסט. און פּטור פון די ווילדע חיות!

— וואָס — האָט אַ פויגל זיך צעשריגן — ווער פאַרמאָגט די כוחות אַזאַ ווייטן מהלך צו פליען? מיר דאַרפן ריידן צו די חיות, ווי קליינע קינדער זיי דערציען, אויפוויזן זיי מיט שכל אַז זיי מוזן בעסער ווערן. נשקשה, צו שכלדיקע רייד וועלן זיי זיך צוהערן.

— וואָס טוט זיך דאָרט? — צעשריגן האָט זיך אַ פוגל מיט האַרץ — מיר האָבן שוין גענוג געליטן פאַר וועקן זייער געוויסן. זאָל גאָט אויסהיטן, איך פּראָטעסטיר!

— איך האָב שוין קיין כוח נישט צו שרייען, גיט מיר אַ וואָרט!

— אוודאי אין אונזער גאָרטן.

וואָס איז דאָ צו ברייען?

— פאָרט? און דאָ?

— דאָ!

— דאָרט!

און עס קומט נישט צו קיין טאָלק... [12]

רבי שמעון אומר, שלשה כתרים הן, כתר תורה, וכתר כהונה, וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן — דריי קרוינען זיינען פאַראַן. די קרוין פון דער תורה, די קרוין פון דער כהונה, און די קרוין פון מלכות, און די קרוין פון אַ גוטן נאָמען איז גרעסער פון זיי אַלע.

די קרוין פון כהונה האָט אהרן גענומען. די קרוין פון מלכות האָט דוד המלך גענומען, און די קרוין פון דער תורה ליגט גרייט פאַר יעדן איד ער זאָל זיך מיט איר באַצירן.

רבי ינאי אומר: „אין בידינו לא משלות הרשעים, ואף לא מיסורי הצדיקים" — רבי ינאי זאָגט: מיר ווייסן נישט פאַרוואָס רשעים האָבן אָפּט־מאָל שלוה און פאַרוואָס די צדיקים האָבן אָפּט מאָל יסורים".

ווייל דאָס איז אַלץ פון דער השגחה פון גאָט און דעם סוד ווייסט קיי־

נער נישט. אפילו משה רבינו האָט געבעטן ביי גאָט: הודיעני נאָ את דרכיך — דערקלער מיר דיין געטליכע הנהגה.

ירמיהו הנביא האָט געפרעגט: מדוע דרך רשעים צלוחה? — וואָרום זיינען די רשעים גליקליך אויף דער וועלט?

אַן אַלט ספר גיט אַן ענטפער אויף דער פראַגע מיט אַ מעשהלע:

אומגעדולדיק איז דאָס שטילע שעפּסעלע פון איר פלאַגעניש, וואָס עס טרעפט דעם טאָג איין און טאָג אויס. יעדענס הענט איז אויף דעם, און קיין ביין איז דעם נישט גאַנץ פון די שאַרפע ציין פון די ווילדע חיות, וואָס ווילן איר פאַרצוקן.

האָט זי געבעטן צו גאָט און געוויינט פאַר אים ער זאָל פאַרגרינגערן איר דאָס לעבן. איז געקומען דאָס געשריי פונם בלודנע שעפּעלע פאַר גאָט אין זיין הייליקן היכל. ווייל גאָט פאַרשעמט נישט דאָס געבעט פון די רעכט־פערטיקע, און ווען זיי שרייען צו אים ענטפערט ער זיי.

האָט גאָט געזאָגט צום שעפּעלע: איך האָב דערזען, אָרים שעפּעלע, דיין פלאָגעניש און דיין געשריי האָב איך דערהערט און עס טוט מיר באַנג וואָס איך האָב דיך אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד — וואָס איז פול מיט רויב און מאָרד — אַן פאַרטיידיקונגס־וואָפן, דו זאָלסט זיך קענען שטעלן קעגן דיינע באַדריקער. דארום וועל איך דאָס איצט פאַרריכטן. קלייב זיך אויס איינס פון די זאַכן און איך וועל דיר דאָס געבן. ווילסטו, וועל איך דיר געבן שאַרפע ציין ווי די ציין פון אַ טיגער און פיס פון אַ לייב?

האָט דאָס שעפּעלע געענטפערט: ניין, גאָט מיין העלפער, אין דער געזעלשאַפט פון פאַרציקער וויל איך נישט זיין, טאָמער וועל איך זיך אויס־לערנען צו פאַרציקן, און איך וועל זיין די שרעק פון די אָרימע שאָף.

האָט גאָט געזאָגט: אפשר זאָל איך מאַכן דיין פייכקייט פון מויל ווי די גיפט פון אַ שלאַנג און עקדיש?

חלילה! — האָט דאָס שעפּעלע געזאָגט — איך וויל זיך נישט אויסמישן מיט די ברענענדיקע שלענג, וואָס אַז מען דערמאָנט זיי, ווערט דערשראָקן יעדעס האַרץ.

האָט גאָט געזאָגט: אפשר זאָל איך דיר געבן ערנער פון אַ צאָפּ, זאָלסט קענען מיט זיי שטויסן?

האָט דאָס שעפּעלע זיך צעוויינט: דאָס וויל איך אויך נישט. טאָמער

וועל איך ווערן ווי אַ צאַפּ און וועל שטויסן רעכטס און לינקס און וועל יעדן שלעכטס טאָן. האָט גאָט געזאָגט: אויב אַזוי, ווייס איך נישט מיט וואָס איך קאָן דיר העלפן. דער וואָס וויל אַז מען זאָל אים קיין שלעכטס נישט טאָן, דאַרף ווייזן זיין אייגענעם כוח, אַז ער איז שטאַרק און קאָן אויך טאָן שלעכטס.

האָט דאָס שעפעלע געזאָגט: אויב אַזוי, איז מיר בעסער אַז איך זאָל זיך פּלאָגן, איידער איך זאָל ווערן שלעכט. זאָלן אַנדערע מיר שלעכטס טאָן, און איך וויל יענעם קיין שלעכטס נישט טאָן.

רבי יעקב אומר, — רבי יעקב זאָגט: „העולם הזה דומה לפרוזדור" — די וועלט איז געגליכן צו אַ פאָדערהויז פאַר יענער וועלט, גרייט זיך צו אין פאָדערהויז, כדי דו זאָלסט אַריינגיין אין פּאַלאַץ ווי עס דאַרף צו זיין.

ער פלעגט אויך זאָגן: „עס איז בעסער איין שעה וואָס מען טוט תשובה אויף דער וועלט, פון דעם גאַנצן לעבן אויף יענער וועלט" דערציילט דער „ראשית חכמה" (שער התשובה):

עס איז געווען אַ גזלן וואָס פלעגט זיך זיצן אויף די וועגן מיט נאָך צוויי גזלנים און זיי פלעגן יעדן באַרויבן. האָט ער זיך מיישב געווען און האָט חרטה געהאַט אויף זיין אויפפירונג. ער האָט פאַרלאָזט זיינע צוויי חברים און האָט געפאַסט און געבעטן גאָט ער זאָל אים מוחל זיין זיינע שווערע זינד. ער האָט אויך מיט גרויס כוונה געדאַווענט און געלערנט תורה, און געגעבן פיל צדקה און איז אפילו געוואָרן אַ גרויסער למדן.

אין דעם טאָג וואָס ער איז געשטאָרבן, זיינען אויך געשטאָרבן זיינע צוויי חברים, די גזלנים. האָט מען אין הימל אים געגעבן זיין חלק אין גן־עדן, און זיינע צוויי חברים האָט מען געגעבן דעם גיהנם.

האָבן די צוויי גזלנים געטענהט: פאַרוואָס גיט מען אים דעם גן־עדן, און אונז דעם גיהנם? ער האָט דאָך אויך באַגזלט מענטשן גלייך ווי מיר? האָט מען זיי געענטפערט: ער האָט תשובה געטאָן ווען ער האָט געלעבט, האָט מען אָנגענומען זיין חרטה און מען האָט אים מוחל געווען; און איר האָט נישט געטאָן קיין תשובה.

האָבן זיי געזאָגט: זאָל מען אונז לאָזן ווען מיר תשובה טאָן. האָט מען זיי געענטפערט: מען קען נאָר תשובה טאָן ווען מען לעבט, אָבער נאָכן טויט קאָן מען שוין נישט טאָן קיין תשובה.

שמואל הקטן אומר: „בנפל אויבך אַל תשמח, ובכשלו אל יגל לבך"

— אַז דיין פיינט פאַלט זאָלסטו זיך נישט פרייען, און ווען ער ווערט געשטוי־כעלט זאָל דיין האַרץ ניט לוסטיק זיין.

אַ משל: צוויי הענער האָבן זיך צעשלאָגן. צום סוף, האָט דער וואָס איז געווען גוט צעממיתט, זיך פאררוקט אין אַ ווינקל באַדעקט מיט וואונדן. דער זיגער אָבער, איז באלד אַרויפגעפלויגן אויפן דאַך פונם הויז, און אָנגע־הויבן צו פּאַטשן מיט די פליגל און צו קרייען, כדי יעדערער זאָל וויסן פון זיין גרויסן זיג.

גראדע דאַן איז אַן אָדלער פאַרבייגעפלויגן און דערהערט דאָס קרייען פונם האָן, האָט ער אים אַכאַפּ געטאָן מיט זיינע קופּערנע נעגל און אים אַוועק־געטראָגן. אין דער צייט איז דער באַזיגטער האָן אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און דאָס צוגעזען. [13]

רבי אלעזר הקפר זאָגט: קנאה, תאווה און כבוד ברענגען אום דעם מענטשן פון דער וועלט:

אַז קנאָה טוט דעם מענטשן קיין גוטס נישט ווייזט דער מדרש:

ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער געמאַכט די זון און די לבנה ביידע גלייך. ווי עס שטייט געשריבן: „און גאָט האָט געמאַכט די ביידע גרוי־סע ליכט" האָט זיך מתקנא געווען די לבנה אין דער זון, און זי איז געקומען פאַר גאָט און האָט געזאָגט: רבונו של עולם! איז דען מעגלעך פאַר צוויי מלכים זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט איין קרוין? האָט גאָט צו איר געזאָגט: גיי און מאַך זיך קלענער! דארום שטייט געשריבן „דאָס גרויסע ליכט צו געוועלטיקן בייטאָג, און דאָס קליינע ליכט צו געוועלטיקן ביינאַכט". דאָס איז קנאָה און דאָס איז די שטראָף.

קנאָה איז נאָך ערגער פון אַ גרויס אויג, וואָס וויל אַלץ וואָס עס זעט.

אַ מלך האָט אַמאָל געפרעגט אַ בעל־מקנא און צו אַ גלוסטער: בעט ביי מיר וואָס איר ווילט, וועל איך דערפילן אייער ווילן. האָט דער וואָס האָט אַ גרויס אויג געזאָגט: דער מלך זאָל אים געבן צוויי מאָל אַזוי פיל וויפיל ער וועט געבן דעם צווייטן, און דער בעל־מקנא האָט געזאָגט מען זאָל אים אויס־שטעכן אַן אויג, כדי מען זאָל זיין חבר דאַרפן אויסשטעכן ביידע אויגן.

אין איין פאַל איז קנאָה אַ גוטע זאַך. דער מענטש זאָל זיך מתקנא זיין אויף די מעשים טובים פון זיין חבר און נאָכטאָן אים. אַזאַ קנאָה איז גוט פאַרן קיום פון דער וועלט און פאַר דער אידישער אומה.

דער פערטער פּרק שליסט זיך מיטן זאָג „מיט געוואַלד ביסטו באַשאַפן געוואָרן, און מיט געוואַלד שטאַרבסטו".

דעם זאָג דערקלערט דער „משלי אָבות" מיט אַ משל: אַ גביר האָט געהאַט צוויי טעכטער, איינע איז געווען אַ קראַנקע און אַ מיאוסע, די צווייטע — זייער אַ שלעכטע. שטענדיק האָט זי געמאַכט אַ ליאַרם אין שטוב. ביידע טעכטער זיינען געווען פאַרזעסענע און דער פאָטער האָט זיי פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט חתונה מאַכן.

איינמאָל איז געקומען צום גביר אַ שדכן, זייער אַ קלוגער און האָט פאָרגעלייגט פאַר זיינע טעכטער שידוכים פון דער ווייט: צוויי ברידער פון רייכע עלטערן, נאָר ביידע האָבן חסרונות. איינער איז בלינד און דער אַנדערער איז טויב. דער בלינדער זאָל נעמען די מיאוסע, און דער טויבער די שלעכטע.

דער פאָרשלאָג איז געפעלן דעם פאָטער האָט ער דעם שדכן געגעבן אַ גרויסע סומע געלט און דער שדכן איז אַוועקגעפאָרן און האָט דורכגעפירט די צוויי שידוכים.

ביידע ברידער זיינען געווען צופרידן מיט זייערע ווייבער. דער בלינדער האָט נישט געזען ווי מיאוס זיין ווייב איז, און דער טויבער האָט נישט געהערט די שטענדיקע קללות פון זיין ווייב. אַזוי האָבן ביידע ברידער אייניקע יאָרן אין צופרידנהייט געלעבט מיט זייערע ווייבער.

מאַכט זיך אַז אין שטאָט איז געקומען אַ וועלט באַרימטער דאָקטאָר. זיינען די ברידער געגאַנגען צו אים זיך היילן. האָט דער דאָקטאָר זיך אונטערגענומען ביידע אויסצוהיילן פון זייערע פעלערן, אויב זיי וועלן פאַר אים איינלייגן אַ גרויסע סומע געלט. די ברידער האָבן איינגעלייגט דאָס געלט, און אין אַ קורצער צייט האָט דער דאָקטאָר זיי אויסגעהיילט. דער בלינדער האָט אָנגעהויבן צו זען, און דער טויבער צו הערן, און זיי האָבן זיך דערוואוסט פון זייערע צרות; און האָבן נישט געלאָזט אַרויסגיבן דעם דאָקטאָר די איינגעלייגטע געלט.

זיי האָבן געטענהט: מיר האָבן איינגעלייגט דאָס געלט באופן אַז דו וועסט אונז בעסער און גליקליכער מאַכן, עס איז אונז דאָך ערגער געוואָרן.

האָט דער דאָקטאָר זיי אָנגעקלאָגט פאַרן שטאָט ריכטער.

דער ריכטער איז געווען אַ קלוגער מענטש האָט ער געזאָגט: לויט ווי זיי טענהן זיינען זיי גערעכט, דער דאָקטאָר האָט זיי ,אנשטאט גוט צו

מאַכן, נאָך ערגער געמאַכט, זאָל ער זיי צוריק מאַכן ווי זיי זיינען פריער געד ווען, דאַן וועלן זיי זיין צופרידן און וועלן הייסן אַרויסגעבן דאָס געלט.

ווי די ברידער האָבן דערהערט דעם פסק האָבן זיי געמאַכט אַ געוואַלד. די פריערדיקע פעלערן ווילן זיי אויך נישט. האָט דער ריכטער געזאָגט: זענט איר דאָך צופרידן מיטן היילן, באַצאָלט דעם דאָקטאָר!

דער נמשל איז: דער מענטש טענהט ביים יום־הדין: איך בין געווען קעגן מיין געבוירן ווערן, וואָס זשע מאַכט מען מיך שולדיק וואָס איך האָב געזינדיקט? ענטפערט מען אים: דער וועלכער האָט דיר דאָס לעבן געשיינקט, קאָן אויך ביי דיר דאָס צונעמען. אָבער ווען עס קומט צום שטאַרבן איז ווידער אַ רעש און אַ געשריי, עס ווילט זיך נישט שטאַרבן. ווי באַלד אַזוי זאָגט מען דעם מענטשן: איז דאָך דיר דאָס לעבן ליב, מוזטו אָפּגעבן רעכענונג פון אַלעס וואָס דו האָסט געטאָן אין דיין לעבן.

פינפטער פרק

דער פינפטער פרק הויבט זיך אָן מיט דער משנה „בעשרה מאמרות נברא העולם" — מיט צען מאמרות וואָס גאָט האָט אַרויסגעזאָגט איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. וואָס פאַר אַ מוסר קען איך דערפון אָפּלערנען? ענטפערט די משנה, דאָס איז דער מוסר וואָס איך קאָן אָפּלערנען. גאָט וואָלט געקאָנט באַשאַפן די וועלט מיט איין זאָג, נאָר די וועלט איז אַזוי חשוב ביי גאָט, אַז ער האָט זי באַשאַפן מיט צען מאמרות. קאָנען מיר פאַרשטיין, ווי אַזוי מען וועט זיך אָפּרעכענען מיט די רשעים, וואָס זיי פאַרדאַרבן אַזאַ חשובע וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט צען מאמרות. און מען וועט געבן אַ גוטן שכר צו די צדיקים וואָס זיי דערהאַלטן די וועלט.

די צען מאמרות, די צען באַפעלן פון גאָט מיט וואָס די וועלט איז באַ־שאַפן געוואָרן זיינען מכוון קעגן די צען דברות, די צען געבאָט. ווען איינער פאַרברעכט קעגן די צען מאמרות, פאַרברעכט ער אויך קעגן די צען געבאָט.

אַ ביישפיל: איינע פון די מאמרות פון גאָט איז „יהי אור" — עס זאָל זיין ליכט. נישטאָ קיין גרעסער ליכטיקייט ווי די אַנערקענונג פון גאָט און דאָס פאַרשטיין זיין איינציקייט, דאָס איז דאָס אמת'ע ליכט. ווי ישעיה זאָגט: ווען די אַלע פעלקער זיינען נאָך געגאַנגען אין דער פינסטערניש, גלויבנדיק אין פאַרשידענע געצן, האָט שוין געשיינט אויף אונז די זון פון אמתן גלויבן, פון איין גאָט. פאַרקערט — נישטאָ קיין גרעסער פינסטערניש ווי דאָס פינסטער־ניש פון פאַלשן גלויבן. ווי קהלת זאָגט: דער חילוק פון חכמה ביז נארישקייט איז ווי דער חילוק פון ליכט ביז פינסטערניש.

דער מדרש דערקלערט דעם געדאַנק פון „יהי אור", אויף אַ פאָעטישן אופן: רבי שמעון בן יהוצדק האָט געפרעגט רבן שמעון בן גמליאל: ווי איך האָב געהערט זאָגן אויף דיר, ביסטו אַ בעל־אגדה, זאָג־זשע מיר, פון וואָס איז דאָס ליכט באַשאַפן געוואָרן? האָט רבן שמעון געענטפערט: עס ווייזט אויס, אַז גאָט האָט זיך איינגעהילט אין אַ ווייס קלייד און די שטראַלן פון זיין פראַכט האָבן אָפּגעשלאָגן פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן. פון דעם זען מיר אַז איינער פאַרברעכט קעגן דעם „אנכי" איז ער פוגם דעם „יהי אור" און ער פאַרדאַרבט די וועלט.

עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכלם, להודיע כמה חבתו של אברהם אבינו — מיט צען נסיונות איז אברהם, אונזער פאָטער געפּרואווט געוואָרן, און איז זיי אַלע בייגעשטאַנען, אונז צו לאָזן וויסן, די גרויסע ליבע פון גאָט צו אברהם אבינו, דאַרום האָט ער אים געפּרואווט.

אברהם אָבינו איז דער פאָטער פונם אידישן פאָלק און פאָטער פון אחדות־השם „אב ידעך מנוער" — אונזער פאָטער וואָס האָט דערקענט גאָט אין דער יוגנט. אין דער גמרא ווערט געזאָגט: אַז שוין אין עלטער פון 3 יאָר האָט אברהם דערקענט גאָט. דער מדרש זאָגט: אַז אברהם האָט געזען די וועלט, ווי אַ פּאַלאַץ וואָס איז באַלויכטן, און ער האָט געזאָגט צו זיך, צי איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער לייכטנדער פּאַלאַץ זאָל זיין אָן אַ פירער, דאַמאָלט האָט זיך באַוויזן צו אים גאָט, דער פירער פון דער וועלט.

די כוונה פון דער משנה איז נישט גלאָט צו דערציילן אַ מעשה וואָס עס האָט געטראָפן פּאַרצייטנס, נאָר צו ווייזן אונז די גרויסע ליבע וואָס אברהם האט געהאט פאַר גאָט, און מען זאָל זיך פון דעם אָפּלערנען צו פאַרשטיין גאָט, און מיר זאָלן זיך אויפפירן לויט זיינע געבאָטן וואָס זיינען דער יסוד פון קיום פון דער וועלט.

דער ערשטער נסיון מיט וועלכן אברהם אָבינו איז געפּרואווט געוואָרן, וואָס אין זיין יוגנט האָבן די פיר גרעסטע מלכים אים געוואָלט טויטן, און ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ הייל, און איז דאָרטן אָפּגעווען דרייצן יאָר. און ווען ער איז אַרויס פון דער הייל, האָט ער שוין געפּאַסט צו ווערן דער פאָטער פון אַ הייליק פאָלק, און הגם ער האָט נישט געהאט קיינע לערער, ווייל זיינע על־טערן האָבן געדינט צו געצן, האָט אָבער זיין שטאַרקער ווילן אים געפירט צו דערקענען גאָט. ווי די חז"ל זאָגן, אַז גאָט האָט געמאַכט אברהמס צוויי נירן ווי צוויי לערער, און זיי האָבן אים געלערנט תורה. דאָס מיינט זיין שכל און פאַר־שטאַנד זיינען געווען זיינע צוויי לערער.

פון דעם דאַרפן מיר אָפּלערנען: אַז אין די יונגע יאָרן, איידער מען נעמט אויף זיך דעם עול פון פרנסה, און איידער די תאוות דערוועקן זיך אין האַרצן, זאָל מען נישט פּטרן די טעג אויף פּוסטע זאַכן נאָר לערנען די תורה און צו פאַרשטיין גאָט.

דער צווייטער נסיון איז געווען וואָס נמרוד האָט אים אַריינגעוואָרפן אין קאַלעך־אויוון פאַר נישט וועלן דינען צו די אָפּגעטער. פון דעם דאַרפן

מיר זיך אָפּלערנען, וויפיל מיר דאַרפן זיך מוסר־נפש זיין צום הייליקן גאָטס נאָמען. ווי דוד המלך זאָגט: פאַר דיר ווערן מיר געהרגט יעדן טאָג.

דער דריטער נסיון איז וואָס גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, לך לך מארצך — גיי דיר פון דיין לאַנד, און ער האָט אים באַלד נישט געזאָגט דאָס לאַנד וואוהין ער זאָל גיין. ווייל ווען דער מענטש ווייסט וואוהין ער גייט, איז דער וועג אים נישט אַזוי שווער און ער ווייסט וואָס ער וועט דאָרט טרעפן, נישט אַזוי איז ווען ער וואַנדערט און ווייסט נישט ווען ער וועט געפינען רו. נאָר גאָט האָט אים באלד נישט אַנטפּלעקט דאָס לאַנד, כדי אים צו געבן שכר פאַר יעדן שפּאַן און שפּאַן.

דער פערטער נסיון איז וואָס גאָט האָט געבראַכט אַ הונגער־יאָר אויף זיין לאַנד, און נישט אויף אַלע אַנדערע לענדער. פון דעם דאַרפן מיר זיך אָפּלער־נען די מדה פון נישט נאָכקלערן גאָטס וועגן, אויב ער גיט אונז נישט אַלץ וואָס אונזער האַרץ גלוסט.

דער פינפטער נסיון איז וואָס אבימלך האָט צוגענומען פון אים, זיין ווייב, און אברהם אבינו האָט נישט מהרהר געווען אויף גאָט, וואָס ער האָט געלאָזט אבימלכן צונעמען זיין געליבטע ווייב, נאָר ער האָט נאָך געבעטן גאָט פאַר אבימלכן, ער זאָל אים היילן.

פון דעם דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען זיך צוריקהאַלטן פון נקמה. זאָגן די חז״ל: דער וואָס בעט פאַר זיין חבר, און ער אַליין דאַרף אויך האָבן דאָס זעלבע, ווערט ער פריער געהאָלפן.

דער זעקסטער נסיון איז די מלחמה מיט די מלכים. נאָכדעם ווי אברהם האָט זיך אומגעקערט אַ זיגער, האָט ער אומגעקערט דעם זאַק־רויב צו סדום. און הגם לוט האָט זיך דערווייטערט פון אים, פונדעסטוועגן האָט אברהם איינ־געשטעלט זיין לעבן אים צו ראַטעווען. פון דעם דאַרפן מיר אָפּלערנען, אַז אַ מענטש דאַרף איינשטעלן זיין לעבן און קעמפן פאַר גערעכטיקייט.

דער זיבעטער נסיון איז דער בונד צווישן די שטיקער פליישׁ. ווען גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, ווי די זאַמד ביים ברעג־ים. גאָט האָט אים אַלץ צוגעזאָגט אויף שפּעטער, דערווייל, „זאָלסטו וויסן זיין אַז דיינע קינדער וועלן זיין גרים אין אַ פרעמד לאַנד, און

מען וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר". דאָך האָט אברהם נישט געהאט קיין טענות צו גאָט. אַזוי איז דער וועג פון די צדיקים, אין אָנהויב קומען יסורים און צום סוף די שלוה.

דער אַכטער נסיון איז די מצות־מילה. דאָס וואָס אברהם האָט זיך מל געווען אויף די עלטערע יאָרן.

די כוונה פון מצות־מילה איז, אַזוי ווי דער גוף און די נשמה קעמפן איינס קעגן דעם אַנדערן, און גאָט וויל, צוליב זיין גערעכטיקייט וועגן, אַז דער עלטערער זאָל דינען דעם אינגערן, אַז דער גוף זאָל זיין אונטערטעניק צו דער נשמה, און זאָל זי דינען ווי אַ גוטער קנעכט, האָט ער פאַרזאָגט די מצות־מילה, דאָס זאָל זיין דער בונד מיט גאָט.

דאָס וואָס די חז"ל זאָגן: גרויס איז די מצות־מילה, ווייל ווען נישט די מצוה פון מל זיין וואָלט הימל און ערד קיין קיום נישט געהאָט. די נשמה ווערט אָנגערופן „הימל" און דער גוף — „ערד". ווען נישט די מצות־מילה וואָס מאַכט אונטערטעניק דעם גוף צו דער נשמה, וואָלטן ביידע קיין קיום נישט געהאָט.

דער ניינטער נסיון איז וואָס אברהם האָט אַוועקגעשיקט הגר און ישמעאלן, זיין זון. גרויס איז געווען דער נסיון ווען גאָט האָט אים געזאָגט: וואָס שרה וועט דיר זאָגן זאָלסטו זיך צוהערן צו איר.

דער מדרש זאָגט: שרה האָט געזען ווי ישמעאל פרייט זיך, זי האָט געזען ווי ער האָט געבראַכט אַ געץ פון מאַרק, און פרייט זיך מיט אים. ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען צו דינען צו אַ געץ, נאָר ער האָט נאָכגעטאָן אַנדערע. האָט זי געזאָגט צו אַברהמן: טרייב אים אַרויס, ווייל איך זע אַז דער דאָזיקער זון פון דער דינסט וועט נישט ירשענען מיט מיין זון, ער וועט נישט ירשענען פון דיין תורה און דיין חכמה. „און עס איז זייער געפעלן געוואָרן אין די אויגן פון אברהם פון וועגן זיין זון". ער האָט מורא געהאָט אַז יצחק זאָל זיך אָפּ־לערנען פון ישמעאלן. און דאָס וואָס גאָט האָט געזאָגט: „אין יצחק וועלן זיין דיינע קינדער" אויב דו ווילסט אַז דיינע קינדער זאָלן זיין ווי דו, הער זיך צו צו שרה׳ס קול, און פאַרטרייב ישמעאלן.

דער צענטער נסיון איז עקידת יצחק. מיט דעם האָט אברהם אָבינו געוויזן אַז נישט נאָר זיין לעבן אַליין איז ער גרייט אָפּצוגעבן פאַר גאָט, נאָר

אויך דאָס לעבן פון זיין זון, ווען ער האָט ליב געהאַט מער ווי זיין לעבן.

דער נסיון האָט געשלאָגן וואָרצלען אינם האַרץ פון אברהמס קינדער. טויזנטער אידישע עלטערן האָבן געפירט זייערע קינדער צו דער עקידה, כדי די ערלים זאָלן זיי נישט מטמא זיין... און זיי האָבן געזאָגט: מיר האָבן נישט זוכה געווען אייך צו דערציען לחופה, וועלן מיר אייך מקריב זיין פאַר אַן עולה צו גאָט. ווי חנה מיט אירע זיבן זין, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט בוקן צום אָפּגאָט, וואָס אנטיוכוס עפיפאנוס האָט אויף זיי גוזר געווען. און איידער זיי זיינען אומגעקומען, האָט די מוטער געזאָגט צו זיי: גייט מיינע ליבע קינדער צו אברהם אָבינו און זאָגט אים: דו האָסט געבויט איין מזבח, און האָסט אויף אים געבראַכט איין קרבן, און איך האָב אויסגעריכט זיבן מזבחות און געבראַכט אויף זיי זיבן קרבנות.

צען זאַכן זיינען באַשאַפן געוואָרן פרייטאג פאַרנאַכט. דאָס זיינען זיי: דאָס מויל פון דער ערד, עס זאָל איינשלינגען קרחן. דאָס מויל פונם ברונעם. דאָס מויל פון בלעמ׳ס אייזל. דעם רעגנבויגן. דעם מן, משה רבינו׳ס שטעקן. דאָס ווערעמעל וואָס מען האָט הערמיט געשפּאָלטן די שטיינער פון דעם חושן־ואפוד. דער כתב פון די לוחות, און אַ טייל זאָגן אויך די מזיקים".

ווער מען פרעגן: צו וואָס דאַרף מען די מזיקים אויף דער וועלט? ענטפערט די גמרא מיט אַ מעשהלע (מסכתא מעילה).

איינמאָל האָט די רוימישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז די אידן זאָלן נישט היטן שבת, נידה און נישט מל זיין זייערע קינדער. ווער עס וועט עובר זיין אויף איינע פון די דריי זאַכן וועט מען טויטן.

אין יענער צייט האָט געלעבט דער גרויסער חכם און באַרימטער רעדנער ראובן איסטרובולו. האָט ער זיך פאַרקליידעט פאַר אַ רוימער און האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די רוימישע מיניסטאָרן.

אויף זייער פאַרזאַמלונג האָט ער זיי געזאָגט: מיר צילן זיך דאָך מיט די דריי גזירות אָפּצושוואַכן די אידן, זיי זאָלן ווערן אָרימער און ווייניקער, וועט דאָך אויסקומען פאַרקערט: אַז זיי וועלן נישט היטן דעם שבת, וועלן זיי דאָך אַרבעטן זיבן טעג אַנשטאָט זעקס, וועלן זיי מער פאַרדינען און רייכער ווערן.

אַז זיי וועלן נישט מל זיין זייערע קינדער פאַרלירן זיי דאָך נישט קיין בלוט, בלייבן זיי שטאַרק. און אַז זיי וועלן נישט היטן נידה, וועלן די מענער

אַפּטער צוזאַמענקומען מיט זייערע ווייבער, און וועלן זיך מערן. מיין עצה איז, מ'זאָל די דריי גזירות מבטל מאַכן.

אין אַ צייט אַרום האָבן זיך די מיניסטאָרן דערוואוסט אַז ראובן איז אַ איד. האָט דאָס זיי שטאַרק פאַרדראָסן, און זיי האָבן ווידער אַרויסגעגעבן דעם באַפעל. עס איז געוואָרן ביי די אידן חושך ואפלה, האָבן זיי באַשלאָסן שיקן רבי שמעון בן יוחאי קיין רוים. ער איז דאָך אַ גרויסער צדיק, אפשר וועט אים געלונגען מבטל זיין די גזרה, ווי מרדכי היהודי אין זיין צייט איז געלונגען מבטל צו מאַכן די גזירה פון המן הרשע.

ווען רבי שמעון בן יוחאי איז אַרויס אויסער דער שטאָט, איז אים אַנטקעגן געקומען אַ מזיק, מיטן נאָמן בר תמליון, און האָט געזאָגט צו רבי שמעון: אַז איך וועל גיין מיט דיר קיין רוים, וועל איך דאָרט מאַכן אַז די גזירה זאָל בטל ווערן.

האָט רבי שמעון אָנגעהויבן צו וויינען און האָט געזאָגט: צו הגר, די מצרית, די דינסט פון אברהם אָבינו, ווען זי איז אַנטלאָפן אין מדבר און איז געווען אין אַ עת־צרה, האָבן זיך צו איר באַוויזן דריי מלאכים, און איצט, אַז מיר זיינען אין אַ עת־צרה, באַווייזט זיך צו אונז גאָר אַ מזיק. מן הסתם זיינען מיר געבנוג זינדיק און פאַרדאָרבן און פאַרדינען אַזוי. האָט דער מזיק געזאָגט: אויב דו ווילסט נישט גיי איך אַוועק. האָט רבי שמעון געענטפערט: זאָל שוין זיין דער נס דורך ווען עס איז.

דער מזיק איז אַוועקגעפלויגן קיין רוים, און ביז רבן שמעון איז אַהין געקומען איז זיין רוח אַריין אין דעם רוימישן קיסערס טאָכטער, און זי איז משוגע געוואָרן. מען האָט איר געהיילט, עס איז אָבער אומזיסט געווען די מי, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן.

ווי רבן שמעון איז געקומען קיין רוים, האָט דער רוח אין קייסערס טאָכטער אָנגעהויבן צו שרייען: רופט רבן שמעון בן יוחאי, דעם אידישן הייליקן, ער וועט מיך היילן!

מען האָט אויפגעזוכט רבן שמעון און געבראַכט צו איר. האָט ער צוויי מאָל געזאָגט: גיי אַרויס בר תמליון פון איר! דער רוח איז באַלד אַרויס פון איר און זי איז געזונט געוואָרן.

דער רוימישער קיסר האָט אַריינגעפירט רבי שמעון אין דעם חדר וואו אַלע זיינע דיאַמאַנטן ליגן און האָט געזאָגט צו אים: רבן שמעון בן יוחאי! נעם וואָס דיר געפעלט, און דאָס וועט זיין ביי מיר דער גרעסטער כבוד.

צווישן די דימענטן און איידעלשטיינער איז געלעגן דער באַפעל פון די גזירות. האָט רבן שמעון געזאָגט: גנעדיקער קיסר! איך פאַרלאַנג קיין זאַך נישט, נאָר דעם פּאַפּיר וואָס ליגט דאָ, אָט דאָס שענק מיר!

דער קיסר האָט אים דערלויבט צו נעמען דעם פּאַפּיר. רבי שמעון האָט אים גענומען און צעריסן. אַזוי איז בטל געוואָרן די שרעקלעכע גזירה. — מזיקים קומען אויך אַמאָל צונוץ.

„ארבע מידות בנותני צדקה״ — פאַראַן פיר ערליי וועגן אין געבן צדקה: ער וויל געבן צדקה און אַנדערע זאָלן נישט געבן. ווייל פון צדקה געבן ווערט מען רייך, פאַרגינט ער נישט אַז יענער זאָל רייך ווערן. ער וויל אַנדערע זאָלן געבן און ער נישט, ווייל זיין געלט איז אים אַ שאָד. ער וויל געבן און אַנדערע זאָלן אויך געבן. ער וויל נישט געבן און וויל אַז אַנדערע זאָלן אויך נישט געבן.

אויף די ווערטער ברייננגט דער מדרש אַ מעשה: אין דער צייט פון רבי מאיר בעל־הנס האָט געלעבט אַ רייכער מאַן, יהודה הענתותי וועלכער איז געווען זייער אַ קאַרגער און האָט קיינמאָל נישט געגעבן קיין צדקה.

רבי מאיר האָט געזען ברוח־הקודש אַז עס דאַרף קומען אויף יהודה׳ן און זיין פאַמיליע אַ שרעקליך אומגליק. יהודה האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ סך אַנדערע גוטע מדות, פאַר וועלכע רבי מאיר האָט אים ליב געהאַט, און האָט אים געוואָלט פאַרהיטן פונם אומגליק.

האָט זיך רבי מאיר פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימאַן און איז געקומען צו יהודה׳ן. די דינער האָבן אים פאַרטריבן. רבי מאיר האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שטאַל און אָפּגעוואַרט ביז די צייט פון אָוונט־ברויט, און דאַן איז ער ווידער אַריין צו אים. די דינער האָבן אים ווידער געוואָלט פאַרטרייבן, האָט ער זיך געבעטן און געזאָגט אַז ער איז הונגעריק, און אַז ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט געגעסן, און אויב מען וועט אים נישט געבן עסן, וועט ער שטאַרבן פאַר זייערע אויגן.

מען האָט אים געגעבן עסן און נאָך דעם עסן האָט רבי מאיר גענומען אַ גאַנץ ברויט פון טיש און האָט אים דערלאַנגט צו יהודה׳ן און געזאָגט צו אים: גיב מיר דאָס ברויט און זאָג: „זאת תהיה לי לצדקה״ — דעם ברויט גיב איך אויף צדקה. יהודה איז געוואָרן בייז און געזאָגט רבי מאירן: נישט גענוג אַז מען האָט דיר געגעבן עסן, וואָס קיינעם גיב איך נישט — ווילסטו נאָך אַ גאַנץ ברויט אויך?

ווי רבי מאיר האָט געזען אַז יהודה איז בייז געוואָרן אויף אים, האָט ער אויסגעלאָשן די ליכט, און זיך שנעל איבערגעטאָן. ווען די שטוביקע האָבן אָנגעצונדן די ליכט און דערזען אין דעם געוועזענעם אָרעמאַן רבי מאירן, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרשעמט און זיינען אים געפאַלן צו די פיס, און געבעטן אַז ער זאָל זיי מוחל זיין.

— וואָס וועט איך העלפן אַז איך וועל אייך שוין מוחל זיין, אַז גאָט איז אייך נישט מוחל — האָט רבי מאיר צו זיי געזאָגט — דו זאָלסט וויסן זיין, ליבער יהודה, איך וויס זיכער אַז דו און דיין גאַנץ הויז־געזונד מוזן שטאַרבן פאַר דער צייט, ווייל דו ביזט זייער רייך און גיסט נישט קיין צדקה.

יהודה האָט געוואוסט אַז די רייד פון רבי מאיר זיינען הייליקע, האָט ער באַלד געטאָן תשובה און צעטיילט האַלב עשירות פאַר אָרימע לייט.

רבי מאיר האָט מתפלל געווען פאַר אים, און גיפטיקע שלאַנגן וועלכע זיינען אין דער זעלבער צייט באַפאַלן יהודה׳ס הויז, זיינען אַוועק און ער מיט זיין פאַמיליע זיינען ניצול געוואָרן פון טויט.

יהודה און זיינע קינדער האָבן געלויבט גאָט וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן אַזוינע גרויסע נסים, בזכות רבי מאיר און בזכות הצדקה.

„כל מי שיש בו שלשה דברים הללו, הוא מתלמידיו של אברהם אבינו״:
עין טובה, ורוח נמוכה, ונפש שפילה — דער וואָס באַזיצט די דריי זאַכן, איז ער פון די תלמידים פון אברהם אָבינו: אַ גוט אויג, אַ געלאַסן געמיט, און אַ גע־פאַלענעם גייסט.

אויף דעם זאַג ברייגנגט דער „מנורת המאור״ אַ מעשה פון מדרש: דער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט שטענדיק געלערנט מיט טויזנטער תלמידים. ווען זיין שווער כלבא שבוע האָט אים איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פאַרמעגן האָט ער צייטנווייז געהאַנדעלט מיט פערל און דימענטן.

איין מאָל איז רבי עקיבא אַרויס אין מאַרק פאַרקויפן פערל. האָט זיי ביי אים אָפּגעקויפט איינער וואָס איז געגאַנגען אָרים געקליידעט. ער פלעגט שטענדיק זיצן אין בית־המדרש ביי דער טיר צווישן אַלע אָרעמעלייט. דער קויפער האָט ביי זיך קיין געלט נישט געהאט, האָט ער געבעטן רבי עקיבא׳ן ער זאָל מיט אים גיין אַהיים, וועט ער אים דאָרט באַצאָלן.

רבי עקיבא האָט אים גערעכנט פאַר אַן אָרימאַן, האָט ער געמיינט אַז יענער לאַכט פון אים, דאָך איז ער מיט אים געגאַנגען. ווען זיי זיינען געקומען

צום קויפערס הויז, האָבן אים זיינע קנעכט געזעצט אויף אַ גאָלדענעם שטול, און אים געוואַשן די פיס. ער האָט גלייך אויסגעצאָלט רבי עקיבאַ'ן דאָס געלט פאַר די פערל, און די פערל האָט ער געהייסן זיינע באַדינער זיי צעשטויסן דין און צעמישן זיי מיט נאָך אַנדערע פערל און אַריינשיטן דאָס אין פאַרשיידענע רפואות, וועלכע זיינען ביי אים געווען אָנגעגרייט פאַר אָרימע קראַנקע. (אין יענע צייטן האָבן פערל פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דער מעדיצין).

ער האָט געהייסן די קנעכט דעקן דעם טיש און האָט געבעטן רבי עקיבאַ'ן ער זאָל מיט אים עסן.

נאָכן עסן פרעגט רבי עקיבא ביי אים: ווי באַלד איר זיינט אַזוי רייך, וואָרום מאַכט איר זיך פאַר אַן אָרימאַן, און אין בית המדרש זיצט איר צווישן אַלע אביונים? האָט ער אים געענטפערט: איך ווייס אַז השי"ת האָט פיינט גאוה, דען וואָס איז דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט? ווי אַ שאָטן, אָט לעבט ער, און אין איין רגע איז ער שוין נישטאָ. דערפאַר גיי איך אָרים געקליידעט און זיץ צווישן די אָרימעלייט אין בית־המדרש; טאָמער פאַרליר איך מיין פאַרמעגן, זאָל שוין קיין נידעריקער אָרט ווי זיך צו זעצן, נישט זיין. און איך וועל בלייבן ביי מיין פריערדיקן אָרט. נאָר ווען עס באַלאַנגט דער כבוד התורה, אָדער צדקה — ווייז איך מיין עשירות, אָבער אַלץ שטילערהייט אַז קיין זייטיקער מענטש זאָל נישט וויסן.

ווי רבי עקיבא האָט דאָס דערהערט האָט ער אים געבענטשט מיט אריכות ימים און אַז זיין עשירות זאָל פון אים נישט אָפּגעטאָן ווערן כל־זמן ער וועט לעבן.

דאָס זאָגט די משנה, דער וואָס האָט אין זיך די מדות: ער באַזיצט נישט קיין גאוה און שטאָלצירט נישט מיט זיין געלט, דער ווערט גערעכנט צווישן די תלמידים פון אברהם אָבינו.

דער פינפטער פרק שליסט זיך מיט בן הא־הא'ס זאָג: „לפום צערא אגרא" — לויט דעם ערך וואָס אַ מענטש איז זיך מטריח און איז מצער אויף תורה לערנען און אויף מעשים טובים, אַזוי פיל איז זיין געצאָלט.

זעקסטער פּרק

דער זעקסטער פּרק הויבט זיך אָן מיט אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן לשון קודש: שנו חכמים בלשון המשנה.

די חכמים וואָס האָבן מסדר געווען די גמרא האָבן אויפגעשריבן דעם פּרק אין לשון־קודש, מיט געוויסע סטיליסטישע און ווערטער ענדערונגען, און אויך געשאַפענע נייע ווערטער, וועלכע זיינען בויגזאַמער און בעסער צום באַנוצן, און נישט אויף דעם לשון ווי די גמרא איז געלערנט געוואָרן.

און מען האָט די משנה: „שנו חכמים" געשטעלט נעבן די פינף פּרקים פון אָבות, ווייל דער פּרק שמועסט פון דעם כבוד פון דער תורה. צו לערנען אונז, אַז דער עיקר פון אַלץ איז לערנען תורה.

און ווייל תורות זיינען פאַראַן צוויי, תורה שבכתב, די תורה וואָס גאָט האָט געגעבן דורך משהן, און די תורה שבעל־פּה, וואָס די חכמים האבן אונז געלערנט, דעריבער זאָגן מיר: „ברוך שבחר בהם ובמשנתם" — געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט אויסדערוויילט די חכמים, מיט זייער לערע, וואָס זיי האָבן אונז געלערנט. ווען די חכמים וואָלטן אונז נישט געלערנט משניות מיט דער גמרא, וואָלטן מיר נישט געוואוסט ווי צו היטן די תורה, וואָס משה רבינו האָט אונז געגעבן.

רבי מאיר אומר... רבי מאיר איז באַקאַנט צום ברייטן עולם מיטן נאָמען „מאיר בעל־הנס". אין פילע הייזער ביי אידן געפינט זיך אַ פּושקע פון רבי מאיר בעל־הנס. די געלדער ווערן געשיקט קיין ארץ־ישראל אויס־צוהאַלטן די „חלוקה" אידן, וועלכע זיצן יומם ולילה על התורה ועל העבודה.

די גמרא זאָגט אַז רבי מאיר האָט געשטאַמט פונם רוימישן קיסר נירון, וועלכער זאָל זיך האָבן מגייר געווען. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי עקיבא און פון אלישע בן אבויה, (אחר) דער תנא וועלכער איז אַוועק פון דער טראַ־דיציאָנעלער אידישקייט.

רבי מאירס ווייב איז געווען די מלומדת'טע ברוריה, אין דער גמרא ווערט דערמאָנט הלכות אין איר נאָמען. און אַז זי האָט געטייטשט דעם פּסוק

„יתמו חטאים מן הארץ" — די זינד זאָלן פאַרשוואונדן ווערן, און נישט די זינדיקע, כדי די זינדיקע זאָלן קענען תשובה טאָן.

רבי מאיר בעל־הנס איז געקומען צו קבורה אין טבריה, אויף זיין קבר ווערט דעם 15־טן טאָג אין אייר געפייערט די „הילולא" מען צינדט ליכט און מען זאָגט זהר.

רבי מאיר זאָגט: „כל העוסק בתורה לשמה, זוכה לדברים הרבה" — דער וואָס לערנט תורה לשם שמים, נישט צוליב כבוד אָדער אַנדערע כוונות, איז זוכה צו פיל זאַכן. פאַרשטייט מען נישט וואָס רבי מאיר מיינט מיט די ווערטער „פיל זאַכן".

געפינען מיר אויף דעם א מדרש: (קהלת) איין מאָל האָט די רוימישע רעגירונג אַריינגעשיקט אַ באַפעל צו די אידן, אַז זיי זאָלן איר אַריינשיקן אַ ליכט וואָס שיינט מער ווי אַלע ליכט. די חכמי ישראל האָבן געקלערט וואָס מיינט די רעגירונג מיט אַזאַ באַפעל. האָט זי דען ווייניק ליכט אַן די אידישע ליכט? עס איז ביי זיי געבליבן אַז די רעגירונג מיינט, אַז די אידן זאָלן שיקן אַזאַ מענטשן, וואָס ער שיינט אַרויס אין תורה און אין חכמה מער פון אַלעמען. האָבן זיי געשיקט דעם תנא רבי מאיר, וועלכער איז געווען דער גדול הדור און אַ גרויסער בעל־נס און האָט געלערנט תורה לשמה.

ווי רבי מאיר איז געקומען קיין רוים האָט ער זיך געשטעלט פאַר די דאָרטיקע גרעסטע געלערנטע און קלוגע מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן און גערעדט פון אַ וויכטיקן ענין. יעדער האָט געזאָגט אַן אַנדער מיינונג, און זיי האָבן זיך נישט געקענט איינִיקן. ביז רבי מאיר האָט זיי אַלעס דערקלערט און אויפגעוויזן מיט ראיות אַז זיין מיינונג איז די ריכטיקע, און אַלע האָבן אים רעכט געגעבן.

דאָס זאָגט רבי מאיר, אַז דער וואָס איז עוסק אין דער תורה הקדושה לשם שמים, איז ער זוכה צו זאַכן וואָס איז גאָר נישט שייך צו דער תורה. ווייל די תורה קלערט אויף דעם מוח, אַז מען קען אויך פאַרשטיין אַנדערע חכמות.

אמר רבי יהושע בן לוי... אַן אמורא. ער פלעגט זאָגן: ווער עס האָט אַ צעבראָכן הארץ, איז אַזוי ווי ער וואָלט מקריב געווען קרבנות...

עס ווערט דערציילט אין דער גמרא אַז דער מלאך המות האָט נישט געהאַט קיין שליטה איבער אים, און ער איז אַריין אַ לעבעדיקער אין גן־עדן. ער זאָגט אין פרק: „בכל יום ויום, בת־קול יוצאת מהר חורב ומכרזת

ואומרת: אוי להם לבריות מעלבונה של תורה" — אַלע טאָג גייט אַרויס אַ בת־קול פון באַרג סיני און רופט אויס און זאָגט: ווי צו די מענטשן וואָס זיי־נען מבייש די תורה, מיט דעם וואָס זיי לערנען זי נישט.

פרעגט דער בעל־שם־טוב: וואָס קומט אַרויס, אַז עס גייט אַרויס אַלע טאָג אַ בת־קול, אַז מען הערט עס נישט? און ער ענטפערט אַליין: דער בת־קול, דאָס איז די הרהורי־תשובה וואָס יעדן מענטשן קומט אַריין אין דער מחשבה וועלכע מינוט אין טאָג. אַט די חרטה און תשובה געדאַנקען קומען פון דעם בת־קול. דאַרום, דער פרומער איד אַז עס פאַלט אים איין אַ מחשבה: וואָס וועט זיין דער תכלית? נעמט ער באַלד וועלכן עס איז ספר צום לערנען, אָדער תהלים זאָגן און תשובה טאָן. בלייבט ביי אים אַ צייכן פון דער מחשבה וואָס איז געקומען פונם בת־קול.

נאָך זאָגט רבי יהושע בן לוי: די לוחות זיינען גאָטס ווערק, דאָס גע־שריפט איז פון גאָט, עס איז אויסגעקריצט אויף די לוחות, זאָלסט נישט לייענען „חרות" — (אויסגעקריצט) נאָר „חרות" — (פריי) ווייל עס איז נישטאָ אַ פריי־ערער מענטש ווי דער וואָס איז עוסק אין תורה.

דער מדרש ברייננגט אַ מעשהלע: ביי אַן אָנגעזעענעם מענטשן אין ציפורי איז געבוירן געוואָרן אַ זון. האָט ער געמאַכט זייער אַ פיינעם ברית און גע־לאַדן די גרעסטע מענטשן פון שטאָט מיט רבי שמעון בן חלפתא בראש. רבי שמעון און אַלע געסט האָבן געוואונטשן דעם בעל־ברית, אַזוי ווי ער האָט זוכה געווען צו פראַוון דעם ברית, זאָל ער אויך זוכה זיין דאָס קינד צו דער־ציען לתורה ולמעשים טובים און צו פירן אים צו דער חופה.

נאָך דער סעודה, שפּעט אין דער נאַכט איז רבי שמעון געגאַנגען אַהיים, און האָט באַגעגענט אַ מלאך. פרעגט אים רבי שמעון: ווער ביזטו? ענט־פערט דער מלאך: איך בין דער מלאך־המות. — פאַרוואָס ביזטו אַזוי אומ־מעטיק? האָט ער דעם מלאך געפרעגט; — איך בין אומעטיק דערפאַר וואָס דו און אַלע געסט האָבן געוואונטשן דעם בעל־ברית אַז ער זאָל זוכה זיין חתונה מאַכן דאָס קינד — האָט דער מלאך־המות געענטפערט — איך האָב מורא אַז אייער ברכה וועט מבטל מאַכן די גזרה, וואָס איז נגזר געוואָרן אויפן קינד, אַז אין אַ חודש אַרום זאָל עס דורך מיר שטאַרבן.

אַז דו ביזט דער מלאך־המות — האָט רבי שמעון געזאָגט — באַשווער איך דיך אַז דו זאָלסט מיר זאָגן ווען איך וועל שטאַרבן. — אויף אַזעלכע לייט ווי דו ביזט, וואָס זיינען עוסק אין תורה און מצוות און אין גמילות חסדים —

האָט אים דער מלאך המות געענטפערט — האָב איך קיין שליטה נישט, ווייל זיי איז גאָט אַלע מאָל מוסיף יאָרן.

— אַזוי ווי דו האָסט נישט קיין שליטה אויף מיר און אויף מיין גלייכן — האָט רבי שמעון געזאָגט — אַזוי זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט נישט האָבן קיין רשות אויף דעם קינד אויך. און זיינע עלטערן זאָלן זוכה זיין אים צו דערציִען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

די ברכה פונם צדיק איז מקוים געוואָרן און דאָס קינד איז מאריך ימים געווען.

דאָס זאָגט רבי יהושע בן לוי: זאָלסט נישט לייענען „אויסגעקריצט" נאָר „פרייהייט". ווייל דער וואָס איז עוסק אין דער תורה הקדושה, איז פריי פונם מלאך־המות, ער האָט אויף אים קיין שליטה נישט.

„כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל" — אַזוי איז דער וועג פון תורה־לערנען, זאָלסט עסן ברויט מיט זאַלץ און וואסער טרינקען מיט אַ מאָס, און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן. אָט דאָס איז דער וועג פון תורה־לערנען; פרעגט דער „זכות אבות" און ענטפערט מיט אַ משל: אַ רייכער מאַן האָט אַוועק־געשיקט זיין איידעם אין אַ גרויסער ישיבה ער זאָל דאָרט לערנען אויף רב. ער האָט אים מיטגעגעבן גענוג געלט און טייערע קליידער אַז עס זאָל אים קיין זאַך נישט פעלן.

אין וועג איז דער יונגערמאַן פאַרפאָרן אין אַן אַריינפאָר־הויז, האָט ער דאָרט דערזען אייניקע יונגעלייט זיצן ביי פיין־געדעקטע טישן און רעדן דברי־תורה. דער יונגערמאַן האָט זיך מיט זיי באַקענט און האָט אויך געגעבן עטלעכע גילדן אויף משקה, און האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און פאַרבראַכט מיט זיי אין דברי־תורה, און האָט זיך גלייך מיט זיי משמח־געווען מיט אַ גלעזל ווין.

זיי האָבן אים דערציילט אַז זיי פאָרן פון דער גרויסער ישיבה אַהיים מיט סמיכה אויף רבנות אין קעשענע. דער יונגערמאַן האָט זיי געזאָגט אַז ער פאָרט איצט אין דער ישבה לערנען און האָפט אויך צו קריגן סמיכות אויף רבנות.

האָט איינער פון די לומדים זיך אָנגערופן צו אים: מיר זיינען פריי־לעך ווייל מיר פאָרן שוין פון דער ישיבה אַהיים. דאָס האָט אונז געקאָסט גענוג געזונט. דערפאַר האָבן מיר אָבער אין אונזערע קעשענעס סמיכה אויף רבנות, און מיר מעגן פריילעך זיין. אָבער איר, יונגערמאַן, וואָס איז מיט

איך די שמחה אַזוי גרויס? איר ווייסט נאָך נישט אויב איר וועט קענען אַזוי פיל ליידן און איבערטראָגן נויט ווי מיר, אַז איר זאָלט קענען קומען צום צוועק.

מיר האָבן געגעסן ברויט מיט וואסער און געשלאָפן אויף דער ערד, איצט אַז מיר זיינען דאַנקען גאָט אַלץ איבערגעקומען, מאַכן מיר זיך פריילעך. אָבער איר דאַרפט זיך ערשט צוגעוואוינען צו די אַלע זאַכן, און אַז איר וועט אויסהאַלטן אַזוי ווי מיר די אַלע נסיונות און איר וועט באַקומען סמיכה, אַזוי ווי מיר, וועט איר קענען זיך פריילעך מאַכן.

„גדולה תורה יותר מן הכהונה ומן המלכות" — די תורה איז גרעסער פון דער כהונה און פון מלכות, ווארום דאָס מלכות איז מען קונה מיט דרייסיק מעלות און די כהונה מיט צוויי און פערציק מעלות, און די תורה מיט אַכט און פערציק מעלות. און איינע פון די אַכט און פערציק מעלות איז „והעושה סיג לדבריו" — ווען דער מענטש מאַכט אַ צאם צו זיינע רייד.

אויפן מאמר „און דער וואָס מאַכט אַ צאם צו זיינע רייד", ברייננגט דער מדרש אַ מעשהלע:

ר׳ ינאי האָט זיך איין אַ אכסניא געטראָפן מיט אַ אידן וועלכער איז געגאַנגען שיין געקליידעט, האָט ער אים אָנגענומען פאַר אַ תלמיד־חכם און האָט אים געבעטן ער זאָל מיט אים מיט־עסן.

ביים עסן האָט ר׳ ינאי מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן דברי־תורה. האָט אים דער איד נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. נאָכן עסן האָט ר׳ ינאי אים מכבד געווען מיט בענטשן. זאָגט דער איד צו ר׳ ינאי: בענטשט איר! האָט ר׳ ינאי פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַן עם־הארץ ער האָט פאַר זיך ביים טיש. זאָגט ער צו אים אַליין בענטשן קאָנסטו נישט, קאָנסטו אפשר נאָכזאָגן דאָס וואָס איך וועל זאָגן? ענטפערט דער איד: דאָס קאָן איך. זאָגט ר׳ ינאי צו אים: זאָג, עם־הארץ אכל פת של ינאי — אַן עם־הארץ האָט געגעסן ינאיס ברויט. ווי דער איד האָט דאָס נאָר אַרויסגעזאָגט, איז געוואָרן אַ געלעכטער צווישן די אַנדערע אורחים וואָס זיינען געזעסן ביים טיש.

דער עם־הארץ איז שטאַרק בייז געוואָרן און האָט געזאָגט צו ר׳ ינאי: גיט מיר אָפּ מיין ירושה וואָס איך האָב ביי אייך! פרעגט אים ר׳ ינאי: וואָס פאַר אַ ירושה האָסטו ביי מיר? זאָגט ער: איך בין איין מאָל פאַרביי געגאַנגען אַ תלמוד־תורה, האָב איך געהערט ווי קליינע קינדער האָבן געלערנט „תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב" — די תורה וואָס משה רבינו האָט אונז געלערנט איז אַ ירושה פאַר אַלע אידן, וואָס זיינען די קינדער פון יעקב. איך

האָב נישט געהערט זאָגן „קהלת ינאי״ נאָר „קהלת יעקב״. דאָס ווייזט אַז איך האָב אויך אַ חלק אין דער תורה ווי איר. פאַרוואָס־זשע רופט איר מיך עם־הארץ? זאָגט ר׳ ינאי צו אים: וואָס פאַר אַ זכות האָסטו אין דער תורה אַז איך זאָל האָבן פאַר דיר דרך־ארץ, בעטן דיך צום טיש און אָפּגעבן כבוד? זאָגט דער איד: זינט איך לעב האָב איך נישט געטריבן קיין רכילות, און ווען צוויי מענטשן האָבן זיך געקריגט, האָב איך נישט אָפּגעטראָטן ביז איך האָב שלום געמאַכט צווישן זיי.

זאָגט ר׳ ינאי צו אים: ווי באַלד דו האָסט אין זיך אַזעלכע מידות ביסטו ווערט כבוד, און איך בעט דיך, ליבער מענטש, זאָלסט מיר מוחל זיין וואָס איך האָב דיך פאַרשעמט, און גאָט וועט דיך אין אַלעם באַגליקן.

ביים סוף פון זעקסטן פּרק ווערט געבראַכט אַ מעשהלע פון רבי יוסי בן קסמא, דאָס איינציקע מעשהלע אין פּרק.

רבי יוסי בן קסמא האָט געזאָגט: איין מאָל בין איך געגאַנגען אונטער־וועגס, האָט מיך איינער באַגעגענט און האָט מיר געגעבן שלום, האָב איך אים געענטפערט שלום. האָט ער צו מיר געזאָגט: רבי, פון וועלכן אָרט ביסטו? האָב איך אים געזאָגט: פון אַ גרויסער שטאָט פון חכמים און לומדים בין איך. האָט ער צו מיר געזאָגט: רבי, ווילסטו וואוינען מיט אונז אין אונזער אָרט? און איך וועל דיר געבן טויזנט מאָל טויזנט גאָלדענע גילדן, און אבנים טובים און פּערל. האָב איך אים געזאָגט: אויב דו וועסט מיר אפילו געבן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער און פּערל, פון דער גאַנצער וועלט, וועל איך נישט וואוינען ערגעץ אַנדערש,ווי נאָר אין דעם אָרט פון תורה. און אַזוי האָט דוד המלך געזאָגט: „עס איז מיר בעסער די תורה פון דיין מויל, ווי פיל טויזנטער גאָלד און זילבער״. און נאָך: ווען אַ מענטש שטאַרבט באַ־גלייט אים נישט קיין גאָלד און זילבער און נישט קיינע דימענטן און פּערל, נאָר תורה און גוטע מעשים אַליין גייען מיט אים מיט. ווי אין פּסוק שטייט „אין דיין גיין וועט זי דיך פירן״.

דער זעקסטער פּרק שליסט זיך מיט דער משנה „כל מה שברא הקדוש ברוך־הוא בעולמו לא בראו אלא לכבודו״ — אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף דער וועלט, האָט ער באַשאַפן נאָר פאַר זיין כבוד וועגן. דאַרום דאַרף מען זיך צוגעוואוינען מען זאָל אַלצדינג טאָן פון גאָטס כבוד וועגן. דער מענטש וואָס פירט זיך אַזוי, דינט תמיד השם־יתברך, און וועט זוכה זיין צו אַלדעס גוטס...

פרקי אבות

(איבערזעצונג)

ערשטער פרק

אַלע אידן האָבן אַ חלק אין יענער וועלט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: און דיין פאָלק זיינען אַלע צדיקים, אויף אייביק וועלן זיי הארבן דאָס לאַנד (עולם־הבא) (ווייל זיי זיינען) אַ צווייג פון מיין פלאַנצונג, די ווערק פון מיינע הענט, איך זאָל זיך באַרימען (מיט זיי).

משה (רבינו) האָט מקבל געווען די תורה (פון גאָט) אויפן באַרג סיני, און האָט זי איבערגעגעבן (אויסגעלערנט) צו יהושע, און יהושע צו די זקנים, און די זקנים צו די נביאים, און די נביאים האָבן זי איבערגעגעבן צו די לייט פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג.

זיי האָבן געזאָגט דריי זאַכן: איר זאָלט זיין געוואָרנט אין משפט, (גוט דורכקלערן איידער מען פסקנט) און איר זאָלט אויפשטעלן פיל תלמידים.

שמעון הצדיק (דער כהן גדול) איז געווען פון די איבערגעבליבענע פון די לייט פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג. ער פלעגט זאָגן, אויף דריי זאַכן שטייט (האַלט זיך) די וועלט: אויף תורה (לערנען) און אויף דינען דעם באַ־שעפער, (דורך מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש, און היינט וואָס מען זאָגט די פרשיות פון קרבנות) און אויף טאָן גוטס.

אנטיגנוס, פון (דער שטאָט) סוכו האָט איבערגענומען (דאָס לערנען) פון שמעון הצדיק. ער פלעגט זאָגן: איר זאָלט נישט זיין ווי די קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר כדי צו קריגן באַצאָלט; נאָר איר זאָלט זיין ווי די קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר נישט פאַר געצאָלט. און די מורא פאַר גאָט זאָל זיין אויף אייך.

יוסי, דער זון פון יועזר פון (דער שטאָט) צרדה, און יוסי, דער זון פון יוחנן, פון ירושלים, האָבן איבערגענומען (דאָס לערנען) פון זיי. (פון אַנטיגנוס און פון שמעון הצדיק).

יוסי, דער זון פון יועזר, פון צרדה זאָגט: דיין הויז זאָל זיין אַ פאַר־

זאַמלונגס־פּלאַץ פאַר געלערנטע; און זאָלסט זיך באַשטויבן אין שטויב פון זייערע פיס, (זאָלסט גיין אין זייערע וועגן) און זאָלסט טרינקען מיט דאָרשט זייערע רייד.

יוסי, דער זון פון יוחנן, פון ירושלים זאָגט: דיין הויז זאָל זיין ברייט אָפן (יעדער זאָל קענען אַריינקומען אומגעשטערט) און אָרעמעלייט זאָלן זיין די אַריינגייער, און זאָלסט נישט רעדן צופיל מיט אַ פרוי; מיט אַן אייגענער ווייב האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט, (זאָל ער נישט פיל רעדן) ווער רעדט נאָך מיטן חברס ווייב, (זאָל ער פיל נישט רעדן) פון דעם האָבן די חכמים געלערנט: ווער עס מערט רייד מיט אַ פרוי ברייינגט ער אויף זיך שלעכטס, און ער פאַרפעלט צו לערנען תורה, און זיין סוף וועט זיין, ער וועט קריגן גיהנם.

יהושע, דער זון פון פרחיה, און נתאי, דער ארבלי, האָבן איבערגענומען (דאָס לערנען) פון זיי (פון יוסי, דער זון פון יועזער, און פון יוסי, דער זון פון יוחנן) יהושע דער זון פון פרחיה זאָגט: פאַרשאַף זיך אַ רבין, און קויף (פאַרדין) זיך אַ חבר, און אורטייל יעדן מענטש צום גוטן.

נתאי, דער ארבלי זאָגט: דו זאָלסט זיך דערווייטערן פון אַ שלעכטן שכן און זאָלסט זיך ניט דערנענטערן צו אַ רשע, (ווייל אים גייט גוט) און זאָלסט נישט הענקען אַז מען קריגט נישט באַשטראָפט (ווייל סול כל סוף וועט דער רשע קריגן זיין שטראָף).

יהודה, דער זון פון טבאי, און שמעון, דער זון פון שטח, האָבן איבער־גענומען (דאָס לערנען) פון זיי. (פון יהושע, דער זון פון פרחיה, און נתאי, דער ארבלי).

יהודה, דער זון פון טבאי זאָגט: דו (ריכטער) זאָלסט נישט האַנדלען ווי די אַנקלאָגער וואָס גרייטן צו די טענות, און בעת די, וואָס לאָדן זיך שטייען פאַר דיר, זאָלן זיי (איידער דו ביסט געקומען צו אַ באַשלוס) ביי דיר זיין ווי שולדיקע אין דיינע אויגן, און אַז זיי גייען אַוועק פון דיר, זאָלן זיי ביי דיר זיין אין דיינע אויגן ווי זיינעןביידע גערעכט, ווען זיי האָבן אויף זיך גע־נומען דעם פסק־דין.

שמעיה און אבטליון האָבן איבערגענומען פון זיי (פון יהודה, דער זון פון טבאי, און שמעון, דער זון פון שטח) שמעיה זאָגט: האָב ליב די מלאכה (מאַך אַ לעבן פון אַרבעט) און האָב פיינט הארנשאַפט, און ווער נישט היימיש מיט דער הערשנדיקער מאַכט.

אבטליון זאָגט: חכמים, זייט געוואָרנט מיט אייערע רייד, טאָמער וועט איר פאַרטריבן ווערן אין דער פרעמד, און די תלמידים וואָס וועלן קומען נאָך אייך וועלן טרינקען (לערנען פאַלש) און וועלן שטאַרבן, און גאָטס נאָמען וועט ווערן פאַרשוועכט.

הלל און שמאי האָבן איבערגענומען פון זיי. (פון שמעיה און אבטליון)

הלל זאָגט: זאָלסט זיין (זיך פירן) פון די תלמידים פון אהרן, האָב ליב שלום און יאָג זיך נאָך שלום, האָב ליב די מיטמענטשן, און דערנעענטער זיי צו דער תורה.

ער (הלל) פלעגט זאָגן: דער וואָס גרויסט זיך מיט זיין גוטן נאָמען, ווערט זיין נאָמען פאַרלוירן, און דער וואָס פאַרמערט נישט (זיין וויסן) ווערט (זיין קענטעניש) פאַרקלענערט, און דער וואָס לערנט נישט (תורה) פאַרדינט ער דעם טויט; און דער וואָס באַנוצט זיך מיט דער קרוין פון דער תורה (האָט פון איר פערזענלעכע נוצן) וועט פאַרשווינדן ווערן.

ער פלעגט זאָגן: ווען איך וועל נישט טאָן פאַר זיך אַליין (נישט לערנען תורה) ווער וועט פאַר מיר דאָס טאָן? און אויב נאָר פאַר זיך אַליין (און נישט לערנען אַנדערע) וואָס בין איך? און אויב נישט איצט, (אויף דער וועלט) ווען דען?

שמאי זאָגט: שטעל דיר אָפּ אַ צייט פאַר תורה־לערנען, זאָג אַ ביסל און טו פיל, און נעם אויף איטלעכן מענטשן מיט אַ פריילעכער מינע.

רבן גמליאל זאָגט: שאַף זיך איין אַ רבין, וועסטו אָפּגעהיט ווערן פון צווייפל (פונם דין) און זאָלסט נישט מערן דעם מעשר לויט דיין אָפּשאַץ (נאָר איבערמעסטן).

שמעון, זיין (רבי גמליאלס) זון זאָגט: אַלע מיינע יאָרן בין איך גע־וואַקסן צווישן חכמים, און האָב נישט געפינען אַ בעסערע זאַך פאַרן גוף ווי שווייגן, און נישט דאָס דרשנען (אַז מען דאַרף טאָן) איז דער עיקר, נאָר דאָס טוען, און דער וואָס מערט רייד ברענגט זינד.

רבן שמעון, דער זון פון רבי גמליאל זאָגט: אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט (האָט אַ קיום) אויף אמת (מען זאָל אַלע מאָל זאָגן דעם אמת) אויף גערעכטיקייט, (משפטן לויט דעם דין) און אויף פרידן. (לעבן בשלום) ווי עס

איז געזאָגט געוואָרן: אמת, און גערעכטער אורטייל משפּט מען אין דיינע טויערן.

רבי חנינא, דער זון פון עקשיא זאָגט: גאָט האָט געוואָלט מזכה זיין די אידן, דערום האָט ער זיי געמערט (פיל) תורה און מצוות, ווי עס איז גע־זאָגט געוואָרן: גאָט האָט באַוויליקט פון וועגן זיין גערעכטיקייט, ער זאָל גרויסן די תורה און פּראַכטיקן.

צווייטער פרק

רבי (יהודה הנשיא, אויך באַקאַנט אַלס רבינו הקדוש) זאָגט: וואָס איז דער רעכטפערטיקער וועג (פירונג) וועלכן דער מענטש זאָל זיך אויסקלויבן? יעדע זאַך וואָס באַשיינט דעם וואָס טוט זי, און וואָס אַנדערע מענטשן באַשיינען אים פאַר דעם. און זאָלסט זיין געוואָרנט אין אַ גרינגער מצוה (זי אָפּהיטן) ווי אין אַן האַרבער; וואָרום דו ווייסט נישט דעם באַלוין פון מצוות, און זאָלסט באַטראַכטן דעם שאָדן (פאַרלוסט) פון דער מצוה (וואָס דו האָסט דורך דעם וואָס דו טוסט די מצוה) אַנטקעגן דעם שכר פון דער מצוה (וואָס איז גרויס) און דעם שכר (די הנאָה) פון דער עבירה קעגן דעם שאָדן וואָס דו האָסט דורך דער עבירה.

קוק זיך צו צו די דריי זאַכן וועסטו נישט קומען צו אַן עבירה: ווייס וואָס אויבן (אין הימל) טוט זיך, אַן אויג זעט (וואָס דו טוסט) און אַן אויער הערט (אַלץ וואָס דו רעדסט) און אַלע דיינע טואונגען ווערן פאַרשריבן אין אַ בוך.

רבן גמליאל, דער זון פון רבי יהודה הנשיא זאָגט: עס איז גוט צו לערנען תורה מיט וועלטלעכע זאַכן (מלאכה, אָדער האַנדל) ווייל די מי פון ביידע מאַכט פאַרגעסן (היט אָפּ פון) זינד, און תורה לערנען אָן אַ מלאכה (כדי זיך מפרנס זיין) איז דער סוף (פונם לערנען) ער וועט אויפגעבן דאָס לערנען, און וועט ברענגען צו זינד. און אַלע וואָס זיינען זיך עוסק פאַר קהל וועגן, זאָלן דאָס טאָן פון גאָטס וועגן. (נישט צוליב כבוד) ווייל דער זכות־אבות (פון קהל) העלפט זיי, און דאָס פרומקייט (פון די אָבות) באַשטייט זיי אייביק, און איר, (וואָס טוען פון גאָטס־וועגן, זאָגט גאָט:) וועל איך אויפברייגגען (געבן) פיל שכר, גלייך ווי איר וואָלט דאָס אַליין געטאָן. (נישט גורם געווען צו דעם).

זייט געוואָרנט (פאַרזיכטיק) מיט דער הערשנדיקער מאַכט, ווייל זי דער־נעענטערט נישט אַ מענטשן צו זיך, סיידן צוליב איר אייגענער נוץ, זי האַנדעלט ווי אַ פריינט ווען זי האָט אַ נוץ, און העלפט אים נישט (דעם פריינט) אין אַ נויט.

ער (רבן גמליאל) פלעגט זאָגן: טו זיין (גאָטס) ווילן, ווי דיינעם (ווי דו וואָלסט דאָס אַליין געוואָלט טאָן) כדי ער (גאָט) זאָל טאָן דיין ווילן ווי זיין ווילן, כדי ער זאָל מבטל מאַכן דעם ווילן פון אַנדערע פאַר דיין ווילן.

הלל זאָגט: זאָלסט זיך נישט אָפּשיידן פון קהל (ווען קהל איז אין אַ נויט) און זאָלסט אין זיך נישט זיין איינגעגלויבט (אַז דו האָסט נישט מורא פאַרן יצר־הרע) ביז דעם טאָג פון דיין שטאַרבן, (זאָלסט זיך פאַר אים היטן) און זאָלסט נישט אורטיילן דיין חבר (ווען ער טוט נישט ריכטיק) ביז דו ביסט אַליין געקומען אויף זיין אָרט (צו זיין נסיון און ביסט אים בייגעקומען) און זאָלסט נישט זאָגן אַ זאַך וואָס מען קען נישט הערן (וואָס איז נישט פאַרשטענד־לעך) אַז אין סוף וועט מען דאָס הערן (פאַרשטיין) און זאָלסט נישט זאָגן אַז איך וועל צייט האָבן וועל איך לערנען, טאָמער וועסטו קיין צייט נישט האָבן. (נאָר זאָלסט אָפּרייסן אַ צייט פאַר לערנען).

ער פלעגט זאָגן: אַ פּוסטער מענטש (וואָס האָט נישט געלערנט קיין תורה) איז נישט אָפּגעהיט פון זינד, (ער ווייסט נישט וואָס איז יאָ אַ זינד און וואָס נישט) און אַ גראָבער־יונג, (נישט קיין געלערנטער) קאָן קיין פרומער נישט זיין, און אַ שעמעוודיקער קאָן נישט לערנען, (ווייל ער שעמט זיך צו פרעגן ווען ער פאַרשטייט נישט) און אַ כעסניק קען קיין לערער נישט זיין. און ניש דער וואָס פירט גרויסע מסחרים ווערט קלוג (געלערנט) און דאָרט וואו קיין מענטשן זיינען נישטאָ (צווישן פּראָסטע מענטשן) זאָלסטו זיך מיען (שטאַרקן) (נישט באַווירקט ווערן פון זיי, און זיך אויפפירן לייטיש).

ער (הלל) האָט געזען אַ קאָפּ (פון אַ מענטשן) וואָס איז געשוואומען אויפן וואַסער, האָט ער געזאָגט צו אים, דערפאַר וואָס האָסט יענעם דערטרונקען, האָט מען דיך (האָט גאָט געפירט צו דעם) דערטרונקען, און דער סוף וועט זיין, אַז די וואָס האָבן דיך דערטרונקען, וועלן אויך דערטרונקען ווערן.

ער (הלל) פלעגט זאָגן: ווער עס מערט פלייש (ווערט פעט פון צופיל עסן) מערט ווערים, (אין קבר) ווערט עס מערט גיטער, מערט ער זאָרג, ווער עס מערט ווייבער — מערט כישוף (איטלעך וויב וויל אַז ער זאָל זי אַליין ליב האָבן) ווער עס מערט דינסטן — מערט ער אויסגעלאַסנקייט, ווער עס מערט קנעכט — מערט ער גזילה. דער וואָס מערט תורה — מערט ער לעבן, ווער עס מערט ישיבות, מערט חכמה. ווער עס מערט עצות (באַטראַכט גוט די זאַך) מערט ער פאַרשטאַנד. ווער עס מערט צדקה — מערט ער שלום

(אויף דער וועלט) ווער עס פאַרדינט זיך אַ גוטן נאָמען, האָט ער זיך פאַרדינט דעם נאָמען אַליין. האָט ער זיך געקויפט תורה־רייד — האָט ער זיך געקויפט אייביק לעבן (אויף יענער וועלט).

רבן יוחנן, דער זון פון זכאי האָט איבערגענומען פון הלל און שמאי. ער פלעגט זאָגן: אויב דו האָסט געלערנט פיל תורה, זאָלסטו נישט האַלטן אַז דו האָסט געטאָן גוטס, וואָרום צוליב דעם ביסטו געבוירן געוואָרן.

פינף תלמידים זיינען געווען אים (צו רבן יוחנן) און דאָס זיינען זיי: רבי אליעזר, דער זון פון הורקנוס, רבי יהושע, דער זון פון חנינא; רבי יוסי, דער כהן; רבי שמעון, דער זון פון נתנאל; און רבי אלעזר, דער זון פון ערך.

ער פלעגט אויסרעכענען זייער שבח: רבי אליעזר, דער זון פון הורקנוס איז ווי אַ אויסגעקאַלעכטער גרוב, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. (ער פאַרגעסט נישט אַ וואָרט פון דעם וואָס ער האָט געלערנט).

רבי יהושע, דער זון פון חנינא — וואויל איז דער וואָס האָט אים געבוירן. רבי יוסי, דער כהן איז אַ פרומער. רבי שמעון, דער זון פון נתנאל האָט מורא פאַר אַן עבירה. רבי אלעזר, דער זון פון ערך איז ווי אַ קוואַל־וואסער, וואָס שטאַרקט זיך. (ער מערט קענטעניש).

ער פלעגט זאָגן: ווען אַלע געלערנטע פון די אידן וואָלטן זיין אין איין וואָגשאָל און אליעזר, דער זון פון הורקנוס אויך מיט זיי, און אלעזר, דער זון פון ערך אין דער אַנדערער וואָגשאָל, וואָלט ער אַלעמען איבערגעוואויגן.

ער האָט געזאָגט צו זיי: גייט און זעט (באַטראַכט) וועלכער איז דער גלייכער וועג וואָס אַ מענטש זאָל זיך אים אויסקלייבן. רבי אליעזר זאָגט אַ גוט אויג. (זאָל נישט מקנא זיין דעם חבר). רבי יהושע זאָגט: אַ גוטן חבר. (ער זאָל זיך קענען פון אים אָפּלערנען גוטע מידות) רבי יוסי זאָגט: אַ גוטן שכן (ווייל מיט אַ שכן באַגעגנט מען זיך אָפטער ווי מיט אַ חבר). רבי שמעון זאָגט: דער וואָס זעט (פאָראויס) וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דער זאַך וואָס ער טוט.

רבי אלעזר זאָגט: אַ גוט האַרץ.

האָט ער (רבן יוחנן) געזאָגט צו זיי: איך זע (עס געפעלט מיר) די רייד פון אלעזר, דער זון פון ערך (בעסער) פון אייערע רייד. (אַז מען האָט אַ גוט האַרץ פאַרגינט מען דעם חבר א. אַ. וו.).

האָט ער געזאָגט צו זיי: גייט און זעט וועלכער איז דער שלעכטער וועג וואָס אַ מענטש זאָל זיך פון אים דערווייטערן.

רבי אליעזר זאָגט: אַ שלעכט אויג (אַ נישט פאַרגינער). רבי יהושע זאָגט: אַ שלעכטער חבר. רבי יוסי זאָגט: אַ שלעכטער שכן. רבי שמעון זאָגט: דער וואָס באָרגט (געלט ביי זיין חבר) און באַצאָלט נישט. ווייל ווען ער באָרגט פון אַ מענטשן איז גלייך ווי ער באָרגט פון גאָט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: דער רשע באָרגט און באַצאָלט נישט, און דער צדיק (גאָט) דערבאַרימט זיך און גיט אָפּ. (דעם מלווה).

רבי אלעזר זאָגט: אַ שלעכט האַרץ. האָט ער (רבי יוחנן) געזאָגט צו זיי איך זע (מיר געפעלט) די רייד פון אלעזר, דער זון פון ערך (בעסער פון אייערע רייד, ווייל אינם כלל פון זיינע רייד געפינען זיך אויך אייערע רייד.

זיי האָבן געזאָגט דריי זאַכן. רבי אליעזר זאָגט: עס זאָל דער כבוד פון דיין חבר דיר זיין טייער אַזוי ווי דיינער, און זאָלסט נישט זיין גרינג אין כעס צו ווערן, און האָב חרטה (אויף דיינע זינד) איין טאָג פאַר דיין טויט, און זאָלסט זיך וואַרעמען קעגן דער ליכט פון די חכמים, (זיך צוהערן צו זייערע רייד) און זיי געוואָרנט זאָלסט זיך נישט אָפּבריען אין זייערע קוילן (פייער), ווייל זייער ביס (די שטראָף) איז ווי דאָס בייסן פון אַ פוקס, און זייער שטאָך איז ווי דער שטאָך פון אַן עקדיש און זייער גיפט (דאָס וואָס זיי זיינען גוזר) איז ווי דער גיפט פון אַ ברענענדיקער שלאַנג, און אַלע זייערע רייד זיינען ווי ברענענדיקע קוילן.

רבי יהושע זאָגט: אַ שלעכט אויג און נאָכגעבן דעם יצר־הרע, און פיינט האָבן מענטשן, ברענגט אום דעם מענטש פון דער וועלט (פאַרקירצט אים די יאָרן).

רבי יוסי זאָגט: עס זאָל זיין דיין חברס געלט ביי דיר אַזוי טייער ווי דיין אייגענס, און גרייט זיך צו צו לערנען תורה, ווייל זי איז דיר נישט קיין ירושה (וואָס קומט אָן גרינג) און אַלץ וואָס דו טוסט זאָל זיין פון גאָטס וועגן. (נישט צוליב אייגענע נוצן).

רבי שמעון זאָגט: זיי געוואָרנט אין קריאת־שמע (צו לייענען אין דער ריכטיקער צייט) און אין דאַווענען, און ווען דו דאַוונסט, זאָלסטו פאַר דיין

תפלה נישט אפּשטעלן קיין צייט (זי אָפּפּטרן) נאָר זאָל זיין אַ געבעט פאַר גאָט (און ער וועט זיך אויף דיר דערבאַרעמען). ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ער איז אַ דערבאַרעמיקער און אַ לייטזעליקער און (טוט) פיל גנאד, און באַדענקט זיך (האָט חרטה) אויף דעם שלעכטס (וואָס איז גוזר געווען אויפן מענטשן און פאַרנעמט זיין געבעט. און זאָלסט נישט זיין קיין שלעכטער פאַר זיך אַליין (און פאַר לייטן שפּילן ווי אַ גוטער).

רבי אלעזר זאָגט: זאָלסט זיך איילן צו לערנען תורה, און ווייס וואָס צו ענטפערן אַן אַפּיקורוס, און דו זאָלסט וויסן פאַר וועמען דו מידסט זיך (פאַר גאָט) און ווער עס איז דער בעל־הבית וואָס וועט דיר באַצאָלן דעם לוין פאַר דיין אַרבעט.

רבי טרפון זאָגט: דער טאָג (דעם מענטשנס לעבן) איז קורץ, און די אַרבעט (תורה־לערנען און מעשים טובים) איז פיל, און די אַרבעטער זיינען פויל, און דער לוין איז פיל, און דער באַלעבאָס באַצווינגט.

ער פלעגט זאָגן: נישט אויף דיר איז דער חוב דו זאָלסט די מלאכה ענדיקן, און דו ביסט אויך נישט אַ פרייער מענטש זאָלסט מבטל זיין דאָס לערנען. ווען דו האָסט געלערנט פיל תורה גיט מען דיר פיל שכר, און אַ באַגלויבטער איז ער, דיין בעל־הבית, אַז ער וועט דיר באַצאָלן פאַר דיין מי. און ווייס, אַז דאָס געצאָלט פון די צדיקים (וועט זיין נאָך תחית המתים) ווען די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן.

דריטער פרק

עקביא, דער זון פון מהללאל זאָגט: קוק זיך צו (באַטראַכט) צו די דריי זאַכן וועסטו נישט קומען צו קיין עבירה: פון וואָס דו ביסט געקומען (אויף דער וועלט), און וואוהין גייסטו (נאָכן טויט) און פאַר וועמען וועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון? (אויף דיינע מעשים, אין טאָג פון משפט) פון וואַנען ביסטו געקומען? פון אַ טוכלע טראָפּן. און וואוהין גייסטו? אין אַן אָרט פון ערד און ווערים. און פאַר וועמען וועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון? פאַרן מלך וואָס קעניגט איבער אַלע מלכים, דער הייליקער, געבענטשט איז ער. (פאַר גאָט).

רבי חנינא, דער עלטסטער פון די כהנים זאָגט: דו זאָלסט בעטן (ביי גאָט) פאַרן שלום פונם מלך, ווייל ווען נישט די מורא פאַר אים, וואָלט איינער דעם אַנדערן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט.

רבי חנינא, דער זון פון תרדיון זאָגט: ווען צוויי (מענטשן) זיצן צו־זאַמען און זיי רעדן נישט קיין תורה־רייד, איז דאָס אַ פאַרזאַמלונג פון אָפּ־שפּעטער, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: (פאַר אַ שבח) אין פאַרזאַמלונג פון אָפּשפּעטער איז ער נישט געזעסן. אָבער ווען צוויי מענטשן זיצן צוזאַמען און עס זיינען יאָ דאָ תורה־רייד צווישן זיי, רוט די שכינה צווישן זיי. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: דענסמאָל, ווען גאָטספאָרכטיקע רעדן איינער צום אַנ־דערן, פאַרנעמט גאָט און הערט (זייערע רייד) און עס ווערט אַריינגעשריבן אינם ספר פון דערמאָנונג פאַר אים. צו די גאָטספאָרכטיקע און די וואָס טראַכטן זיין נאָמען. פון דעם וויסן מיר אַז צוויי זיצן און לערנען תורה רוט די שכינה צווישן זיי. פון וואַנען איז געדרינגען, אַז אפילו איינער, וואָס זיצט און לערנט תורה, אַז דער הייליקער, געבענטשט איז ער, באַשטימט אים אַ שכר? ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ער זיצט אַליין און טראַכט, (לערנט אין דער שטיל) ווייל עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. (דער שכר).

רבי שמעון זאָגט: ווען דריי (מענטשן) זיינען געזעסן ביי איין טיש און האָבן נישט גערעדט קיין תורה־רייד, איז גלייך ווי זיי האָבן געגעסן פון דער שעכטונג צו מתים (אָפּגעטער) ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אַלע טישן זיינען

פול מיט אומריינקייט, (אָן תורה־רייד) וואו מען דערמאָנט נישט גאָטס נאָמען. אָבער ווען דריי זיינען געזעסן ביי איין טיש און זיי האָבן יאָ גערעדט תורה־רייד, איז גלייך ווי זיי וואָלטן געגעסן פון גאָטס טיש. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ער האָט גערעדט צו מיר, דאָס איז דער טיש (מזבח) וואָס איז פאַר גאָט.

רבי חנינא, דער זון פון חכינאי זאָגט: ווער עס איז וואָכעדיק ביינאַכט, און דער וואָס גייט איינער אַליין אין וועג און בויגט זיין האַרץ צו פוסטע זאַכן (נישט צו לערנען תורה) שטעלט ער איין זיין לעבן. (די תורה וואָלט אים געהיט).

רבי נחוניא, דער זון פון הקנה זאָגט: ווער עס נעמט אויף זיך דעם יאָך פון דער תורה, ווערט פון אים אָוועקגענומען דער יאָך פון דער הערשנ־דיקער מאַכט, און דער יאָך פון פרנסה. און דער וואָס וואַרפט אַרונטער פון זיך דעם יאָך פון דער תורה, גיט מען אויף אים אַרויף דעם עול פון מלכות, און דעם עול פון פרנסה.

רבי חלפתא, דער זון פון דוסא, פון דאָרף חנניא זאָגט: ווען צען (מענטשן) זיצן און לערנען תורה רוט די שכינה צווישן זיי, ווי עס איז גע־זאָגט געוואָרן: גאָט שטייט אין דער עדה פון גאָט. (וואָס לערנט גאָטס תורה) און פון וואַנען ווייסן מיר אַז אפילו פינף? ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: און זיין בונד איז אויף דער ערד געגרונטפעסטיקט. און פון וואַנען — אַז אפילו דריי? ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: צווישן (דריי דיינים) משפט גאָט. און פון וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו צוויי? ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: דעמאָלסט, טוט רעדן איינער צום אַנדערן, די גאָטספאָרכטיקע, פאַרנעמט גאָט און הערט. און פון וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו איינער? ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אין יעדן אָרט (וואו איך וועל דיר געבן דעם געדאַנק) צו דערמאָנען מיין נאָמען, וועל איך קומען צו דיר און וועל דיך בענטשן.

רבי אלעזר פון ברתותא זאָגט: גיב אים (צדקה) פון זיינס (פון גאָטס) ווייל דו אַליין און וואָס איז דיינס (דיין פאַרמעגן) איז זיינס. און אַזוי ביי דודן, האָט ער געזאָגט: פון דיר איז אַלצדינג, און פון דיין האַנט — האָבן מיר דיר געגעבן.

רבי יעקב זאָגט: ווען איינער גייט אין וועג און לערנט, (תורה) און הערט פלוצלום אויף צו לערנען און זאָגט: ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים!

ווי שיין איז דאָס דאָזיקע אַקער־פעלד, זאָגט דער פסוק וועגן אים, פונקט ווי ער וואָלט פאַרזינדיקט זיין נפש.

רבי דוסתאי, דער זון פון ינאי זאָגט פון וועגן רבי מאיר: ווער עס פאַרגעסט איין זאַך פון דעם וואָס ער האָט געלערענט, זאָגט דער פסוק וועגן אים, ווי ער וואָלט פאַרזינדיגט זיין נפש. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: היט זיך אָפּ און היט גוט אָפּ דיין נפש, טאָמער וועסטו פאַרגעסן די רייד וואָס דיינע אויגן האָבן געזען. (ביי מתן־תורה) וואָלט איך געקענט מיינען, ס'איז אים שווער געוועזן דאָס לערנען (נישט גוט באַנומען, האָט ער פאַרגעסן) לערנט מען אונז צו זאָגן: טאָמער וועלן זיי (די תורה־רייד) אָפּגעטאָן ווערן פון דיין האַרצן אַלע טעג פון דיין לעבן, (האָט פאַרלוירן דעם זכרון) דאַן שטעלט ער נישט איין זיין לעבן, ביז וואַנען ער טוט זיי אַליין נישט אָפּ פון זיין האַרצן.

רבי חנינא, דער זון פון דוסא זאָגט: ביי יעדן איינעם, וואָס די מורא פאַר זינד קומט פריער פאַר זיין חכמה, (איז וויכטיקער) האָט זיין חכמה אַ קיום. און ביי דעם וואָס די חכמה קומט פריער פאַר דער מורא פאַר זינד, וועט זיין חכמה קיין קיום נישט האָבן.

ער פלעגט זאָגן: פון יענעם וואָס מענטשן האָבן פון אים הנאה, (ער פירט זיך ערליך מיט זיי) האָט גאָט אויך פון אים הנאָה, און יענער וואָס מענטשן האָבן פון אים נישט קיין הנאָה, האָט גאָט אויך פון אים ניט קיין הנאָה.

רבי דוסא, דער זון פון הרכינס זאָגט: דער שלאָף אין טאָג אַריין, (נאָך קריאת־שמע־צייט) און דער וויין וואָס מען טרינקט מיטאָג־צייט, און דאָס פלאַפּלען פון די קינדער, און דאָס זיצן אין דער געזעלשאַפט פון גראָבע־יונגען, ברענגען אום דעם מענטשן פון דער וועלט.

רבי אלעזר, דער מודעי זאָגט: ווער עס פאַרשוועכט די קדשים (איז מטמא די קרבנות) און ווער עס פאַרשעמט די חול־המועדן (ער מאַכט אים פאַר אַ וואָכעדיקן טאָג) און דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר צווישן מענטשן, און ווער עס פאַרשעמט דעם ברית פון אברהם אָבינו (איז נישט מל זיין זון) און דער וואָס טייטשט די תורה נישט ווי דער דין איז, כאָטש ער פאַרמאָגט תורה (קאָן לערנען) און גוטע מעשים, האָט ער קיין חלק נישט אויף יענער וועלט. (סיידן ער טוט באַלד תשובה).

רבי ישמעאל זאָגט: זיי גרינג (צו באַדינען) צו אַן עלטערן (תלמיד־חכם), און זיי בייוויליק צו די שוואַרצע האָר, (צו יונגעלייט) און נעם אויף יעדן מענטש מיט אַ שיין פּנים.

רבי עקיבא זאָגט: געלעכטער און פאַרשייטקייט געוויינען צו דעם מענטש צו אויסגעלאַסנקייט. די הלכה למשה מסיני (וואָס מען האָט איבער־געגומען מינדלעך) איז אַ צוים צו דער תורה. געבן מעשר איז אַ צוים (אַ מיטל) צו רייכקייט, נדרים זיינען אַ צוים פאַר אפשיידונג. (פון תאוות). די צוים צו חכמה איז שוויגן.

ער פלעגט זאָגן: באַליבט איז דער מענטש, ווייל ער איז באַשאַפן געוואָרן אין געשטאַלט. (פון גאָט) נאָך אַ גרעסערע ליבשאַפט האָט מען אים געלאָזט וויסן: אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אין געטליכער פאָרם. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אין געטליכער פאָרם האָט ער באַשאַפן דעם מענטש. באַליבט זיינען די אידן ווייל זיי ווערן גערופן: קינדער צו גאָט. אַ גרויסע ליבשאַפט האָט מען זיי געלאָזט וויסן, ווייל זיי ווערן גערופן קינדער צו גאָט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: איר זיינט קינדער צו גאָט, אייער גאָט. באַליבט זיינען די אידן ווייל עס איז זיי געגעבן געוואָרן אַ גלוסט־כלי, (די תורה) וואָס מיט איר איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ווייל איך האָב אייך געגעבן אַ גוטע לערע, מיין תורה, זאָלט איר זי נישט פאַרלאָזן.

אַלץ זעט מען (פון הימל) און רשות איז געגעבן געוואָרן, (מען קאָן טאָן וואָס מען וויל) און מיט גוטסקייט ווערט די וועלט געמשפּט, און אַלץ ווענדט זיך לויט די גוטע מעשים. (וואָס מען טוט).

ער פלעגט זאָגן: אַלץ איז געגעבן געוואָרן מיט ערבות, (דער מענטש וועט דאַרפן אָפּגעבן חשבון) און אַ נעץ (פון יצר־הרע) איז פאַרשפּרייט אויף אַלע לעבעדיקע. די קלייט איז אָפן, און דער קרעמער באָרגט, און דאָס בוך איז אָפן, און די האַנט (פון מענטשן) שרייבט, און ווער עס וויל לייען, זאָל קו־מען און לייען; און די גבאים (די איינמאָנער) גייען אַרום יעדן טאָג, און נע־מען געצאָלט פונם מענטשן, ווען ער ווייסט און ווען ער ווייסט נישט (פאַר וועל־כער זינד) און זיי (די איינמאָנער) האָבן זיך אויף וואָס צו פאַרלאָזן (אויפן בוך) און דער משפּט איז אַ אמתער, און יעדער איז צוגעגרייט צו דער סעודה. (יע־דער וועט האָבן אַ חלק אויף יענער וועלט).

רבי אלעזר, דער זון פון עזריה זאָגט: אויב עס איז נישטאָ קיין תורה (מען האָט נישט געלערענט) איז קיין מענטשלעכקייט אויך נישטאָ; אויב עס איז קיין מענטשלעכקייט נישטאָ, איז קיין תורה אויך נישטאָ, איז קיין מורא (פאַר גאָט) אויך נישטאָ; איז קיין מורא נישטאָ, איז קיין חכמה אויך נישטאָ; איז קיין ברויט נישטאָ,איז קיין תורה נישטאָ; (קען מען זיך נישט אָפּגעבן מיט לערנען) איז קיין תורה נישטאָ, איז קיין ברויט (פּרנסה) אויך נישטאָ. (גאָטס שטראָף פאַר נישט לערנען).

ער פלעגט זאָגן: דער, וואָס זיין חכמה איז מער פון זיינע גוטע מעשים, צו וואָס איז ער געגליכן? צו אַ בוים וואָס זיינע צווייגן זיינען פיל און זיינע וואָרצלען זיינען ווייניק, און דער ווינט קומט און רייסט אים אַרויס, און קערט אים איבער. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: און ער וועט זיין ווי אַן איינזאַמער בוים אויף אַ פלאַכן אָרט, און ער וועט נישט זען קיין גוטס, און ער וועט רוען אין טריקעניש און וויסטעניש, אין אַ געזאַלצן לאַנד אָן באַוואוינער. אָבער דער, וואָס זיינע מעשים זיינען מער פון זיין חכמה צו וואָס איז ער גלייך? צו אַ בוים וואָס זיינע צווייגן זיינען ווייניק און זיינע וואָרצלען זיינען פיל, עס זאָלן אפילו קומען אַלע ווינטן פון דער וועלט און בלאָזן אויף אים, וועלן זיי אים נישט רירן פונם אָרט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: און ער וועט זיין ווי אַ בוים וואָס איז געפלאַנצט ביים וואַסער, אויף די בעכן וואסער צעשפּרייט ער זיינע וואָרצלען, און ער וועט נישט מורא האָבן אַז עס וועט קומען אַ היץ; און זיינע בלעטער וועלן זיין פריש, און אין אַ יאָר פון נישט רעגענען וועט ער נישט זאָרגן, און עס וועט נישט אָפּגעטאָן ווערן פון אים דאָס פרוכטבאַרקייט.

רבי אלעזר, דער זון פון חסמא זאָגט: די (דינים) פון אַ געווינערין, און פון נדרים זיינען די שווערסטע הלכות. די צייט רעכענונג, און דאָס אויס־רעכענען וויפיל יעדער אות באַטרעפט, איז ווי אַ נאָכשפּייז צו דער חכמה. (תורה).

פערטער פרק

בן־זומא זאָגט: ווער איז אַ חכם? ווער עס לערנט פון איטלעכן מענטש, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: פון אַלע מיינע לערער האָב איך זיך געקליגט (אָפּגעלערנט) וואָרום דיין עדות (די תורה) רעדט צו מיר.

ווער איז אַ גבור? ווער עס באַהערשט זיין יצר־הרע. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: עס איז בעסער דער וואָס האַלט איין זיין צאָרן, איידער אַ גבור, און דער וואָס געווועלטיקט איבער זיין געמיט איז בעסער (שטאַרקער) פון דעם וואָס נעמט איין אַ שטאָט.

ווער איז פאַרעכנט פאַר אַ רייכן? דער וואָס איז צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אַז דו וועסט עסן וואָס דו פאַרדינסט דורך דיין אַרבייט וועט דיר וואויל זיין אויף דער וועלט, און עס וועט דיר גוט זיין אויף יענער וועלט.

וועלכער מענטש ווערט געהערליכט? דער וואָס האַלט הערליך מענטשן. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: די וואָס האַלטן מיך הערליך וועל איך ערליך האַלטן, און די וואָס פאַרשעמען מיך וועל איך פאַרשעמען.

בן עזאי זאָגט: זאָלסט לויפן (טאָן) צו אַ גרינגע מצוה, און זאָלסט אַנטלויפן פון אַן עבירה. ווייל די מצוה איז גורם צו נאָך אַ מצוה, און אַן עבירה איז גורם צו נאָך אַן עבירה. ווייל דער לוין פון דער מצוה איז די מצוה, און דער לוין פון דער עבירה איז די עבירה.

ער פלעגט זאָגן: דו זאָלסט נישט פאַרשעמען קיין שום מענטשן, און דו זאָלסט נישט דערווייטן קיין זאַך (אַז עס איז אוממעגלעך) ווייל עס איז נישט פאַראַן אַ מענטש וואָס האָט נישט זיין שעה (גוטע). און עס איז נישטאָ קיין זאַך וואָס האָט נישט קיין אָרט. (וואָס טרעפט נישט).

רבי לויטס פון יבנה זאָגט: זאָלסט זיך האַלטן זייער קליין, ווייל די האָפענונג (דער סוף) פונם מענטשן איז ווערים.

רבי יוחנן, דער זון פון ברוקא זאָגט: ווער עס פאַרשוועכט גאָטס נאָמען אין פאַרבאָרגעניש, וועט מען נעמען (פון אים) געצאָלט אין דער עפנטלעכקייט,

סיי אומגערן, סיי גערן, דער וואָס פאַרשווערט גאָטס נאָמען. (ווערט ער באַ־שטראָפט).

רבי ישמעאל, דער זון פון רבי יוסי זאָגט: ווער עס לערנט תורה כדי ער זאָל קענען אַנדערע לערנען, גיט מען אים זיין באַדערפניש, ער זאָל צייט האָבן צו לערנען אַליין, און מיט אַנדערע צו לערנען. און דער וואָס לערנט כדי ער זאָל טאָן מצוות, מאַכט מען אים מעגליך ער זאָל קענען לערנען, און צו לערנען מיט אַנדערע, אָפּהיטן די מצוות, און צו טאָן וואָס די תורה הייסט.

רבי צדוק זאָגט: זאָלסט זיך נישט אָפּשיידן פון קהל, און זאָלסט זיך ניט מאַכן פאַר קיין אַנקלעגער (נישט זוכן קיינע חסרונות אויף יענעם) און זאָלסט נישט מאַכן אַ קרוין פון דער תורה, זיך צון גרויסן מיט איר. און זאָלסט נישט מאַכן (פון איר) אַ האַק צו האַקן מיט איר. (נישט מאַכן פרנסה פונם לערנען).

און הלל פלעגט אויך אַזוי זאָגן: ווער עס באַנוצט זיך מיט דער תורה (פאַר פערזענלעכע נוצן) האָט ער פאַרביטן, (די וועלט אויף יענער וועלט) פון דעם לערנסטו אָפּ, אַז ווער עס האָט הנאָה (נוץ) פון דער תורה, ווערט צוגע־נומען זיין לעבן פון דער וועלט.

רבי יוסי זאָגט: דער וואָס האַלט ערליך די תורה, ווערט ער ערליך געהאַלטן ביי לייטן, און ווער עס פאַרשוועכט די תורה, ווערט ער אויך גרינג־געשעצט ביי לייטן.

רבי ישמעאל, זיין (יוסי׳ס) זון זאָגט: ווער עס מיידט זיך אויס פון לאָ־דעניש (און געריכטן און גלייכט זיך אויס מיט גוטן) וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ פיינטשאַפט און גזילה, און שווערן אומזיסט. און ווער עס האַלט זיך גרויס אין פסקענען (אַרויסווייזן זיין קענטעניש) איז ער אַ נאַר, אַ רשע און אַ גזלן.

ער (רבי ישמעאל) פלעגט זאָגן: זאָלסט נישט פסקענען אַליין, (סיידן מען פאַרלאָזט זיך אויף דיר) ווארים עס משפט נישט איינער, נאָר דער איי־נער, (גאָט) און זאָלסט נישט זאָגן נעמט אָן מיין מיינונג, (מיין פסק) ווייל זיי אַליין מעגן זיך אויף דיר פאַרלאָזן, און נישט דו (דו טאָרסט דאָס נישט פאַר־לאַנגען).

רבי יוחנן זאָגט: ווער עס היט אָפּ די תורה אין אָרימקייט, וועט דער סוף זיין, אַז ער וועט זי אָפּהיטן אין רייכקייט, און דער וואָס איז מבטל די

תורה פון רייכקייט, וועט זיין סוף זיין, ער וועט מבטל זיין די תורה פון ארימ־קייט.

רבי מאיר זאָגט: גיב זיך ווינציק אָפּ מיט געשעפט, און זיי עוסק אין דער תורה, און האַלט זיך קליין פאַר יעדן מענטשן. און אויב דו האָסט זיך מבטל געווען פון דער תורה (צוליב עפּעס אַנדערש) זיינען פאַראַן אַ סך בט־לנים קעגן דיר (שטערונגען) און אויב דו האָסט זיך געמיט אין דער תורה, איז פאַראַן ביי אים (גאָט) פיל געצאָלט דיר צו געבן.

רבי אליעזר, דער זון פון יעקב זאָגט: ווען איינער טוט אַ מצוה, האָט ער זיך איינגעהאַנדעלט אַ פאַרטיידיקער, און דער וואָס באַגייט אַן עבירה, האָט ער זיך איינגעהאַנדעלט אַן אַנקלאָגער (וואָס דערמאָנט תמיד די עבירה) חרטה (אויף דער באַגאַנגענער זינד) און גוטע מעשים (טאָן אויף ווייטער) זיינען אַ שוץ קעגן שטראָף.

רבי יוחנן, דער שוסטער, זאָגט: יעדע פאַרזאַמלונג וואָס (דער צונויפ־קום) איז פון גאָטס וועגן, איז דער סוף אַז זי וועט האָבן אַ קיום, און די (פאַר־זאַמלונג) וואָס איז נישט פון גאָטס וועגן, איז איר סוף, אַז זי וועט קיין קיום נישט האָבן.

רבי אלעזר, דער זון פון שמוע זאָגט: עס זאָל דער כבוד פון דיינע תלמידים דיר זיין אַזוי באַליבט אַזוי ווי דיינער, און דער כבוד פון דיין חבר, ווי די מורא (אַפשיי) פאַר דיין רבן, און די מורא פאַר דיין רבן, ווי די מורא פאַר גאָט.

רבי יהודה זאָגט: זיי געוואָרענט אינם לערנען (זאָלסט גוט פאַרשטיין דעם דין) ווייל דאָס טועה זיין זיך אינם לערנען ברעכנגט צו זינד. (מען פסקענט נישט ווי דער דין).

רבי שמעון זאָגט: דריי קרוינען זיינען פאַראַן (פאַרוואָס מען גיט אָפּ כבוד) די קרוין פון דער תורה, די קרוין פון כהונה, און די קרוין פון מלכות. און די קרוין פון אַ גוטן נאָמען שטייגט זיי אַלע אַריבער.

רבי נהוראי זאָגט: זאָלסט פאַרטריבן ווערן צום אָרט פון תורה (זוכן אַ רבי) און זאָלסט נישט זאָגן אַז זי וועט קומען נאָך דיר. אָדער אַז דיינע

חברים וועלן זי קריגן פאַר דיינעטוועגן (און וועסט שפּעטער לערנען פון זיי) און זאָלסט זיך נישט פאַרלאָזן אויף דיין אייגענעם פאַרשטאַנד.

רבי ינאי זאָגט: מיר ווייסן נישט פאַרוואָס די רשעים גייט אָפּט גוט, און פאַרוואָס צדיקים האָבן אָפטמאָל יסורים.

רבי מתיא, דער זון פון חרש זאָגט: זאָלסט פּעדערן צו אָפּגעבן שלום יעדן מענטשן. און זיי אַן עק צו די לייבן (חבר זיך מיט גרעסערע פון דיר, וועסטו זיך פון זיי אָפּלערנען) און זאָלסט נישט זיין דער קאָפּ (עלטסטער) צו די פוקסן.

רבי יעקב זאָגט: די וועלט איז געגליכן צו אַ פאָרהויז פאַר יענער וועלט, גרייט זיך אָן (מיט מעשים טובים) אין פאָדערהויז, כדי זאָלסט אַריינ־גיין אין פּאַלאַץ. (יענע וועלט).

ער, רבי יעקב פלעגט זאָגן: עס איז בעסער איין שעה וואָס מען טוט תשובה (חרטה און מען וועט מער נישט זינדיקן) און גוטע מעשים אויף דער וועלט. (ווייל דאָרטן קען מען זיך קיין שכר נישט פאַרדינען) און עס איז בע־סער איין שעה תענוג פון עולם־הבא, פונם גאַנצן לעבן (פאַרגעניגן) פון דער וועלט.

רבי שמעון, דער זון פון אלעזר זאָגט: זאָלסט נישט איבערבעטן דיין חבר ווען ער איז אין כעס, (ביז דער כעס וועט אים אָפּגיין) און זאָלסט אים נישט טרייסטן ווען דער מת ליגט נאָך פאַר זיינע אויגן, (דער צער איז גרויס און עס העלפט נישט קיין טרייסט) און פרעג אים נישט (צי ער האָט חרטה) אין צייט פון זיין נדר, און פּרואוו נישט צו זען דיין חבר אין צייט ווען ער האָט געטאָן אַן אומרעכט (וועסט אים מבייש זיין).

שמואל, דער קורצער זאָגט: ווען דיין פיינט פאַלט זאָלסטו זיך נישט פרייען, און ווען ער ווערט געשטרויכעלט זאָל דיין האַרץ זיך נישט פרייען, טאָמער, וועט גאָט זען און עס וועט אים נישט געפעלן אין זיינע אויגן, און ער וועט אָפּקערן זיין צאָרן פון אים (אויף דיר).

אלישע, דער זון פון אבויה זאָגט: ווער עס לערנט אינגערהייט צו וואָס איז ער געגליכן? צו טינט וואָס איז געשריבן אויף ניי פּאַפּיר, און דער וואָס לערנט אויף דער עלטער צו וואָס איז ער געגליכן? צו טינט געשריבן אויף אָפּגעמעקט פּאַפּיר.

רבי יוסי, דער זון פון יהודה, פון דאָרף בבלי זאָגט: דער וואָס לערנט פון יונגעליים צו וואָס איז ער געגליכן? צו דעם וואָס עסט אײַליקע טרויבן און טרינקט (יונגן) וויין פון זיין קעלטער, און דער וואָס לערנט פון די אַלטע לייט צו וואָס איז ער געגליכן? וואָס עסט רייפע טרויבן און טרינקט אַלטן וויין.

רבי מאיר זאָגט: זאָלסט נישט קוקן אויפן קרוג, נאָר וואָס אין אים איז פאַראַן. עס איז דאָ אַ נייער קרוג וואָס איז פול מיט אַלטן וויין, און עס איז דאָ אַן אַלטער קרוג, וואָס אפילו נייער וויין איז אין אים אויך נישטאָ.

רבי אלעזר הקפר זאָגט: דאָס מקנא זיין, און דאָס גלוסטן און כבוד זוכן, ציען אַרויס דעם מענטשן פון דער וועלט. (פאַרקירצן אים די יאָרן).

ער, (אלעזר) פלעגט זאָגן: די וואָס זיינען געבוירן געוואָרן — וועלן שטאַרבן, און די טויטע וועלן לעבדיק ווערן, און געמשפט ווערן: צו געוואויר ווערן און צו מאַכן וויסן אַנדערע, און צו פאַרשטיין אַז ער איז גאָט, ער איז דער באַשעפער, דער פאַרמערער פון מענטש, ער איז וואָס פאַרשטייט אַלצדינג, ער איז דער ריכטער, ער איז דער עדות, ער איז דער וואָס לאָדט זיך, און ער איז אַנגעברייט זיך צו לאָדן, געבענטשט איז ער, וואָס עס איז נישטאָ ביי אים קיין אומרעכט, און קיין פאַרגעסונג, און קיין פאַרזעאונג, און קיין נעמען שוחד און וויס, אַז אַלץ איז לויטן אויסרעכענונג. און זאָל דער יצר־הרע דיך נישט פאַרזיכערן, אַז דער גרוב איז אַן אַנטרינונג־אָרט פאַר דיר. ווייל געצוואונגענערהייט ועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון, פאַרן מלך, וואָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, דער הייליקער, געבענטשט איז ער.

פינפטער פרק

מיט צען מאמרות (באפעלן) איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. און וואָס קאָן מען פון דעם אָפּלערנען? ער האָט דאָך געקאָנט מיט איין מאמר באַשאַפן? נאָר כדי זיך אָפּרעכענען מיט די רשעים וואָס מאַכן פאַרדאַרבן די וועלט, וואָס איז באַשאפן געוואָרן מיט צען באַפעל, און צו געבן אַ גוטן שכר צו די צדיקים, וואָס זיי דערהאַלטן די וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט צען מאמרות.

צען דורות זיינען פון אָדם ביז נח. דיר צו לאָזן וויסן וויפיל גאָט פאַר־לענגערט זיין צאָרן, ווייל אַלע דורות האָבן גאָט דערצאָרנט, ביז ער האָט גע־בראַכט אויף זיי די וואַסערן פון מבול.

צען דורות זיינען פון נח ביז אברהם. דיר לאָזן וויסן וויפיל גאָט פאַר־לייגערט זיין צאָרן, ווייל אַלע דורות האָבן גאָט דערצאָרענט, ביז אברהם אָבינו איז געקומען און האָט גענומען זייער אַלעמענס שכר. (וואָס זיי האָבן ־אַדאַרפט פאַרדינען).

מיט צען נסיונות איז אברהם אָבינו געפּרואווט געוואָרן, און ער איז זיי אַלע בייגעשטאַנען. צו לאָזן וויסן (אונז) דאָס ליבשאַפט (פון גאָט) פון אברהם אָבינו.

צען נסים איז געטאָן געוואָרן צו אונזערע עלטערן אין מצרים, און צען — ביים ים. צען מכות, האָט דער הייליקער, געבענטשט איז ער, געבראַכט אויף די מצריים אין מצרים, און צען ביים ים. מיט צען נסיונות האָבן אונזערע עלטעדן געפּרואווט דעם הייליקן, געבענטשט איז ער, אין מדבר. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: זיי האָבן מיך געפּרואווט צען מאָל און האָבן נישט געהערט אין מיין קול.

צען נסים איז געטאָן געוואָרן צו אונזערע עלטערן אין בית־המקדש: קיין (מעוברתע) פרוי האָט נישט מפּיל געווען פונם הייליקן פלייש, און דאָס הייליקע פלייש איז קיינמאָל נישט קאַליע געוואָרן. מען האָט נישט געזען קיין פליג אין שעכט־הויז, און עס האָט נישט געטראָפן אַז דער כהן־גדול זאָל זען

קרי אום יום־כפור. און די רעגענס האָבן נישט פארלאשן דעם פייער וואָס מען האָט אָנגעגרייט, (אויפן מזבח) און דער ווינט האָט נישט צעשפרייט דעם רויך־זייל, און עס האָט נישט געטראָפן אַ פסול אין עומר, (וואָס מען איז מקריב פסח). און אין די צוויי ברויט, און אינם לחם־הפנים. די (אידן אין בית־המקדש) וואָס זיינען געשטאַנען גלייך (צוליב ענגשאַפט) האָבן זיך געבוקט גראַמערהייט. (אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן פיר אייל, מען זאָל נישט הערן ווי יעדער איז זיך מתוודה אויף זיינע זינד). און עס האָט קיינמאָל קיינעם נישט מזיק געווען אַ שלאַנג אָדער אַן עקדיש אין ירושלים. און איינער האָט נישט געזאָגט צום אַנדערן עס איז מיר ענג דאָס אָרט אַז איך זאָל נעכטיקן אין ירושלים.

צען זאַכן זיינען באַשאַפן געוואָרן ערב־שבת, איידער די זון האָט זיך געזעצט, און דאָס זיינען זיי: דאָס מויל פון דער ערד (איינשלונגען קרוחן), דאָס מויל פונם ברונעם, (אין מדבר) דאָס מויל פון (בלעמס) אייזל, דער רעגנבויגן און דער מן, און דער שטעקן, (משה׳ס) און דער שמיר, (דאָס ווערימל וואָס מ׳האָט מיט דעם געשפּאָלטן די שטיינער פון חושן און אפוד) דאָס כתב (דער געבוי פון אות) און די שריפט און די לוחות. און אַ טייל זאָגן: אויך די שדים און משה׳ס קבר, און דער ווידער פון אברהם אבינו. און טייל זאָגן: אויך די צוואנג איז מיט אַן אַנדער צוואַנג געמאַכט געוואָרן.

עס זיינען פאַראַן זיבן סמנים אין אַן אומוויסנדיקן מענטשן און זיבן אין אַ חכם: דער חכם רעדט נישט פאַר אַ גרעסערן פון אים, אין וויסן און אין צאָל, (אין עלטער) און ער גייט נישט אַריין אין חברס רייד, און ער איילט זיך נישט צו ענטפערן (איז זיך מיישב) ער פרעגט צו דער זאַך, און ענטפערט ווי דער דין איז. ער ענטפערט אויף דער ערשטער פראַגע צום ערשטן און אויף דער אַנדערער צום צווייטן, און אויף דעם, וואָס ער האָט נישט געהערט, (ער פאַרשטייט נישט) זאָגט ער, איך האָב נישט געהערט, און ער גיט צו דעם אמת, און ביי אַ גולם איז פאַרקערט.

זיבנערליי שטראָף קומען אויף דער וועלט, אויף זיבן וויכטיקע (הארבע) עבירות: אייניקע גיבן זייער מעשר און אייניקע גיבן נישט, קומט אַ הונגער פון וויניק רעגן, און אייניקע ליידן הונגער און (ווען) אַנדערע זיינען זאַט. האָבן אַלע באַשלאָסן נישט צו געבן מעשר, קומט אַ הונגער פון פאַרדאַרבונג און פון וויניק רעגן אויך. און ווען מען באַשליסט נישט נעמען חלה, קומט

אַ הונגער פון פאַרלענדונג. די דאַר קומט אויף דער וועלט פאַר עובר זיין אויפן דין וואָס עס קומט טויט לויט דער תורה, און אויף די פירות פון זיבעטן יאָר (פאַר נישט אָפּהיטן שמיטה). די שווערד קומט אויף דער וועלט, ווייל מען פּסקענט נישט לויטן דין, און וואָס מען פאַרדרייט דעם דין, און וואָס מען פּסקענט אין דער תורה נישט ווי די הלכה איז.

אַ חיה רעה קומט אויף דער וועלט, פאַר פאַלש שווערן און פאַר פאַר־שוועכן גאָטס נאָמען. אַ גלות קומט אויף דער וועלט, פאַר דינען צו געצן און פאַר זנות, און פאַר פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, און וואָס מ'היט נישט אָפּ שמיטה.

אין פיר צייטן מאַכט זיך די דאַר־קראַנקהייט: אינם פערטן, (יאָר) (ווייל מען האָט נישט געגעבן קיין מעשר־עני אינם דריטן יאָר). אינם זיבעטן, (יאָר, ווייל מען האָט נישט געגעבן, מעשר עני אין זעקסטן יאָר), סוף זיבעטן יאָר, (איידער די פירות פון זיבעטן יאָר שמיטה. סוף יום־טוב וואָס אין יעדן יאָר, פאַר צונעמען די מתנות פון די אָרעמעלייט, לקט, שכחה און פאה).

פיר פאַרשידענע מידות איז פאַראַן ביים מענטשן: דער וואָס זאָגט מיינס איז מיינס, און דיינס איז דיינס, דאָס איז אַ מיטלמעסיקע מדה. און אייניקע זאָגן אַז דאָס איז אַ מדה פון סדום. (דער וואָס זאָגט) מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס, איז אַן עם־הארץ. (דער וואָס זאָגט) מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס, דער איז אַ פרומער. (און דער וואָס זאָגט) דיינס איז מיינס און מיינס איז מיינס , דער איז אַ רשע.

פיר מידות זיינען פאַראַן אין מענטשנס נאַטור: איז גרינג אין כעס צו ווערן און איז גרינג איבערצובעטן, זיין פאַרלוסט גייט אַוועק דורך זיין געווינס. ער איז שווער אין כעס צו ווערן און שווער איבערבעטן, גייט אַוועק זיין געווינס דורך זיין פאַרלוסט. איז שווער אין כעס ווערן און גרינג איבערבעטן, איז ער אַ פרומער, ער איז גרינג אין כעס צו ווערן, און שווער אים איבערבעטן, דער איז אַ רשע.

פיר מדות זיינען פאַראַן אין תלמידים: איז גיך צו פאַרשטיין און איז גיך צו פאַרלירן (פאַרגעסן) גייט זיין געווינס אַוועק מיט זיין פאַרלוסט. ער איז שווער צו הערן (באַנעמען) און שווער צו פאַרלירן, גייט אַוועק זיין פאַר־לוסט דורך זיין געווינס. איז גיך צו הערן און שווער צו פאַרלירן, דאָס איז

אַ גוטער חלק. (מעלה) איז שווער צו הערן און גיך צו פאַרלירן, דאָס איז אַ שלעכטער חלק.

פיר מדות זיינען פאַראַן אין צדקה געבן: דער וואָס וויל געבן און אַנ־דערע זאָלן נישט געבן, (פון צדקה ווערט מען רייך, פאַרגינט ער נישט) זיין אויג איז שלעכט קעגן אַנדערע. אַנדערע זאָלן געבן און ער זאָל נישט געבן, איז זיין אויג שלעכט אויף זיינעם. ער זאָל געבן און אַנדערע זאָלן געבן, דאָס איז אַ פרומער. ער זאָל נישט געבן און אַנדערע זאָלן נישט געבן, דער איז אַ שלעכטער.

פיר מדות זיינען פאַראַן ביי די וואָס גייען אין בית־המדרש: ער גייט און טוט נישט (לערנט נישט) פאַרדינט ער שכר פאַרן גיין. ער טוט (לערנט) און גייט נישט, פאַרדינט ער שכר פאַרן טאָן. דער וואָס גייט און טוט, דער איז אַ פרומער. דער וואָס גייט נישט און טוט נישט, דער איז אַ רשע.

פיר מדות זיינען פאַראַן אין די וואָס זיצן פאַר די חכמים: אַ שוואָם, אַ ליקע, אַ זייער, און אַ זיפּ. אַ שוואָם, ער נעמט אַלץ אין זיך אַריין. אַ ליקע, מען גיסט פון איין זייט אַריין און פון דער אַנדערער זייט גיסט זיך עס אַרויס. אַ זייער, זי לאָזט דורך דעם וויין און פאַרהאַלט דעם היוון. און אַ זיפּ, זי לאָזט דורך די מעהל און פאַרהאַלט די פסולת.

יעדע ליבע וואָס הענגט אָפּ פון אַ אורזאַך, ווערט די אורזאַך בטל, ווערט די ליבע בטל. און די וואָס הענגט נישט אָפּ פון א אורזאַך, ווערט קיינ־מאָל נישט בטל. וואָס הייס אַ ליבע וואָס הענגט אָפּ פון אַ אורזאַך? דאָס איז די ליבשאַפט פון אמנון און תמר. און וואָס הענגט נישט אָפּ פון אַ אורזאַך? דאָס איז די ליבשאַפט פון דוד און יהונתן.

יעדער קריג וואָס איז צוליב גאָטס וועגן, וועט זי האָבן אַ קיום; און די וואָס איז נישט פון גאָטס וועגן, וועט זי קיין קיום נישט האָבן. וועלכע הייסט אַ מחלוקה צוליב גאָטס וועגן? דאָס איז די מחלוקה פון הלל און שמאי. און די וואָס איז נישט פון גאָטס וועגן? דאָס איז די קריג פון קורח און זיין עדה.

יענער וואָס ברייננגט מענטשן צו גוטע מעשים, וועט קיין עבירה נישט קומען צו אים. און דער וואָס מאַכט זינדיקן מענטשן, העלפט מען אים נישט (פון הימל) תשובה טאָן.

משה האָט זיך פֿאַרדינט און געבראַכט מענטשן צו גוטע מעשים, און דער זכות פֿון קהל איז אָנגעהאנגען געוואָרן אויף אים, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: דאָס גערעכטיקייט פֿון גאָט האָט ער געטאָן, און זיינע משפּטים מיט די אידן.

ירבעם, דער זון פֿון נבט, האָט געזינדיקט און האָט געמאַכט אַנדערע צו זינדיקן, איז די זינד פֿון רבים געהאנגען אויף אים. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אויף די זינד פֿון ירבעם, וואָס ער האָט געזינדיקט און וואָס ער האָט ישראל געמאַכט זינדיקן.

יעדער איינער וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך די דריי זאַכן, איז ער פֿון די תּלמידים פֿון אברהם אָבינו, און די אַנדערע דריי זאַכן — איז ער פֿון די תּלמידים פֿון בלעם הרשע: אַ גוט אויג, און אַ געלאַסן געמיט, און קליין ביי זיך, איז ער פֿון די תּלמידים פֿון אברהם אָבינו. אַ שלעכט אויג, אַ הויך גע־מיט, און איז גרויס ביי זיך, איז ער פֿון די תּלמידים פֿון בלעם הרשע.

די תּלמידים פֿון אברהם אָבינו עסן (קריגן באַצאָלט) אויף דער וועלט, און ירשענען יענע וועלט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן צו מאַכן ארבן מיינע ליבהאָבער פּיל, און זייערע אוצרות (פֿאַרדינסטן) וועל איך דערפֿולן.

די תּלמידים פֿון בלעם הרשע, אָבער, ירשענען דעם גיהנם, און נידערן אין טיפֿן גרוב. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: דו, גאָט, טוסט זיי נידערן אין טיפֿן גרוב, די מענטשן פֿון בלוט און פֿאַלשקייט, זיי וועלן נישט אויסלעבן זייערע טעג, אָבער, איך פֿאַרזיכער זיך אין דיר.

יהודה דער זון פֿון תּימא זאָגט: זיי שטאַרק ווי אַ לעמפּערט (גאָט צו דינען) און גרינג ווי אַ אָדלער, לויף ווי אַ הירש, און שטאַרק ווי אַ לייב, צו טאָן דעם ווילן פֿון דיין פֿאָטער אין הימל.

ער, (יהודה) פֿלעגט זאָגן: אַן עזות־פּנים וועט זיין אין גיהנום, און אַ שעמעוודיקער אין גן־עדן.

זאָל זיין דער ווילן פֿאַר גאָט, אונזער גאָט, און דער גאָט פֿון אונזערע עלטערן, עס זאָל געבויט ווערן דער בית־המקדש אין גיכן, אין אונזערע טעג, און גיב אונזער חלק אין דיין תּורה.

ער, (יהודה) פֿלעגט זאָגן: (אַ קינד) פֿון פֿינף יאָר זאָל מען אָנהויבן לערנען חומש. פֿון צען יאָר אַלט, זאָל מען לערנען גמרא. אַכצען יאָר אַלט, זאָל מען אים פֿירן צו דער חופּה. אַ צוואַנציק יאָריקער — זאָל ער זיך יאָגן

(נאָך מצוות) אַ דרייסיק־יאָריקער — פאַר כוח. (פּרנסה) אַ פערציק־יאָריקער — פאַר פאַרשטאַנד. אַ פופציקער — אָן עצה־האַלטן. אַ זעכציקער — איז אַ זקן. אַ זיבעציקער — איז אַ גרייז. אַן אַכציקער — אַ שטאַרקער. אַ נײַנ־ציקער — גייט איינגעבויגן. דער וואָס איז אַלט הונדערט יאָר, איז גלייך ווי ער איז טויט, און איז אַוועק פון דער וועלט.

דער זון פון בג־בג זאָגט: מיש אין איר און מיש אין איר, (אין דער תורה), ווייל אַלץ איז אין איר פאַראַן, און אין איר זאָלסטו קוקן, און עלטער זיך אין איר, און פון איר זאָלסטו זיך נישט אָפּרוקן, וואָרום דו האָסט נישט קיין בעסערע זאַך, חוץ איר.

בן הא־הא זאָגט: לויט דער מי איז דאָס געצאָלט.

זעקסטער פרק

די חכמים (וואָס האָבן מסדר געווען די גמרא) האָבן געלערנט (דעם פּרק) מיטן לשון פון דער משנה: (אויף לשון קודש).

געלויבט איז דער (מענטש) וואָס האָט זיי (די חכמים) אויסדערוויילט און זייער לערע.

רבי מאיר זאָגט: ווער עס לערנט תורה פון גאָטס וועגן, איז ער זוכה צו פיל זאַכן. און נישט נאָר דאָס, נאָר די גאַנצע וועלט איז אים געגונג. ער ווערט גערופן אַ גוטער מענטש, ער האָט ליב גאָט, האָט ליב מענטשן, ער דערפרייט גאָט, ער דערפרייט מענטשן. און (די תורה) הילט אים איין אין באַשיידענקייט, און מורא (פאַר גאָט) און מאַכט אים פּאַסיק צו זיין אַ צדיק, אַ פרומער, רעכטפערטיק און אַ באַגלויבטער, און דערווייטערט אים פון זינד, און דערנעענטערט אים צו זוכה זיין, און מען האָט פון אים הנאה, אַ ראָט און הילף, פאַרשטאַנד און שטאַרקייט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: צו מיר (תורה) איז די ראט און הילף, איך בין דער פאַרשטאַנד, צו מיר איז די גבורה, און זי גיט אים קעניגטום און געוועלטיקייט, אין אויספאָרשן דאָס געזעץ. און מען אַנטפּלעקט אים דאָס פאַרבאָרגענע פון דער תורה, און ער ווערט ווי אַ קוואַל וואָס שטאַרקט זיך, און ווי אַ טייך וואָס הערט נישט אויף, און ער וועט זיין באַהאַלטן (באַשיידן) מיט זיין וויסן, און איינהאַלטן זיין צאָרן, און ער פאַר־גיט באַליידיקונג, זי מאַכט אים גרויס, און דערהויבט אים איבער אַלע מענטשן.

רבי יהושע, דער זון פון לוי האָט געזאָגט: יעדן טאָג און טאָג, גייט אַ בת־קול אַרויס פון באַרג סיני און רופט אויס: וויי צו די מענטשן וואָס פאַר־שעמען די תורה. וואָרום דער וואָס לערנט נישט קיין תורה, ווערט אָנגערופן אַן אָפּגעשיידעטער. (פון גאָט) ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: און די לוחות זיי־נען גאָטס ווערק, און די שריפט איז די געשריפט פון גאָט, אויסגעקריצט אויף די לוחות. דו זאָלסט נישט לייענען „אויסגעקריצט", נאָר „פריי", ווייל עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ פרייער מענטש, ווי דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט תורה־לערנען. און דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט תורה־לערנען, ווערט ער דערהויבן.

ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: פון אַ מתנה די תורה מאַכט גאָט אים ירשענען, און פונם ירשענען ווערט ער דערהויבן.

ווער עס לערנט פון זיין חבר איין פרק, אָדער איין הלכה, אָדער איין פסוק, אָדער איין וואָרט, אָדער אפילו איין אות, מוז ער אים כבוד אָפּגעבן וואָרום אַזוי געפינען מיר ביי דוד, דעם מלך פון די אידן, וואָס ער האָט פון אחיתופל געלערנט נישט מער ווי צוויי זאַכן, האָט ער אים גערופן, מיין רבי, מיין לערער, און מיין אַלץ וויסער. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ביסט אַ מענטש פון מיין שטאַנד און מיין לערער און האָסט מיך געמאַכט וויסן. מה דאָך דוד, וואָס איז געווען אַ מלך איבער די אידן, און האָט פון אחיתופל גע־לערנט נישט מער ווי צוויי זאַכן, האָט ער אים גערופן רבי, און מיין לערער, מכל־שכן, ווען איינער לערנט פון זיין חבר איין פרק, אָדער איין הלכה, אָדער איין פסוק, אָדער איין וואָרט, אָדער אפילו איין אות, אַז ער דאַרף אים כבוד אָפּגעבן. און עס איז נישטאָ קיין אַנדער כבוד ווי תורה (לערנען) ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: די חכמים ירשענען כבוד, און די גאַנצע (די וואָס טוען מיטן גאַנצן האַרצן) ירשענען גוטס. און עס איז נישטאָ קיין בעסערעס ווי די תורה, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אַ גוטע לערע האָב איך אייך געגעבן, מיין תורה — זאָלט איר נישט פאַרלאָזן.

אַזוי איז דער וועג פון תורה. (לערנען) זאָלסט עסן ברויט מיט זאַלץ, און וואַסער טרינקען מיט אַ מאָס, און שלאָפן זאָלסטו אויף דער ערד, און זאָלסט לעבן אַ געמיט לעבן, און אין דער תורה זאָלסטו זיך מיען. אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועט דיר וואויל און גוט זיין; וואויל — אויף דער וועלט, און גוט אויף יענער וועלט.

זאָלסט נישט זוכן גרויסעס פאַר זיך, און נישט גלוסטן כבוד, מער ווי דיין לערנען. און זאָלסט נישט גלוסטן צום טיש פון מלכים; ווייל דיין איי־גענער טיש איז גרעסער פון זייערן, און דיין קרוין איז גרעסער פון זייער קרוין. און באַגלויבט איז דיין באַלעבאָס (גאָט) אַז ער וועט דיר באַצאָלן דעם שכר פאַר דיין אַרבייט.

די תורה איז גרעסער פון דער כהונה און פון מלכות. וואָרום מלכות פאַרדינט מען זיך מיט דרייסיק מעלות, און די כהונה מיט צוואַנציק, און די תורה פאַרדינט מען זיך מיט אַכט און פערציק מעלות.

און דאָס זיינען זיי: מיט לערנען, מיט הערן מיטן אויער, מיט אַרויס־ריידן מיט די ליפּן, מיט פאַרשטיין מיט האַרץ, מיט פאַרכט און מיט מורא, מיט האַלטן זיך קליין, מיט פרייד, מיט ריינקייט, מיט באַדינען חכמים, מיט מפלפל זיין זיך (זיך שפּאַרן) מיט תלמידים, מיט באַטראַכטן זיך.

מיטן חומש, מיטן משניות, מיטן ווייניקן האַנדל, און מיט ווייניק זיך פאַרבינדן מיט דער וועלט, מיט ווייניק פאַרגעניגן, מיט ווייניק שלאָף, מיט ווייניק רייד, מיט ווייניק געלעכטער.

מיט איינהאַלטן דעם כעס, מיט אַ גוט האַרץ, מיט גלויבן די חכמים, און מיט מקבל זיין די יסורים.

זאָל וויסן זיין אָרט, זאָל זיין צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, און זאָל מאַכן אַ צוים צו זיינע רייד, און נישט האַלטן אַז אים קומט אַלעס גוטס.

זיין באַליבט און ליב האָבן גאָט, ליב האָבן מענטשן, ליב האָבן גערעכ־טיקייט, ליב האָבן רעכטפערטיקע, ליב האָבן שטראָף, און זיך דערווייטערן פון כבוד, און זיך נישט האַלטן גרויס מיט זיין לערנען, און ער פרייט זיך נישט ווען ער פסקענט.

ער טראָגט זיין חברס עול מיט אים, און וועגט (זוכט אַ זכות) זיין חבר לכף זכות, און שטעלט אים אַוועק אויפן אמת, און שטעלט אים אַוועק אויפן שלום, און באַטראַכט זיך אין לערנען.

ער פרעגט און ענטפערט, הערט, און גיט צו. ער לערנט בכדי צו לערנען (יענעם) און לערנט כדי צו מקיים זיין.

ער מאַכט קלוג זיין רבין (דורך פרעגן קשיות) און הערט זיך צו צו דעם וואָס ער לערנט, און ער זאָגט פון וועמען ער האָט דאָס געהערט.

פון דעם לערנסטו, אַז דער וואָס זאָגט אַ זאַך אין יענעמס נאָמען, ברענגט ער אַ הילף אויף דער וועלט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אַז אסתר האָט געזאָגט צום מלך אין מרדכיס נאָמען.

גרויס איז די תורה, ווייל זי גיט לעבן צו די וואָס היטן איר אָפּ, אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: זי איז לעבן צו די וואָס געפינען איר, און צו זיין גאַנצן לעבן — אַ היילונג. און עס איז געזאָגט געוואָרן: זי איז אַ בוים פון לעבן צו די וואָס האַלטן איר, און אירע אונטערלייגער זיינען גליקליך. און עס איז געזאָגט געוואָרן:

אַ באַהעפטונג פון חן זיינען זיי צו דיין קאָפּ, און אַ האַלדז־באַנד צו דיין האַלדז. און עס איז געזאָגט געוואָרן: זי וועט גיבן אַ באַהעפטונג פון חן צו דיין קאָפּ, און אַ קרוין פון פּראַכט וועט זי דיר געבן. און עס איז געזאָגט געוואָרן: דורך מיר וועלן געמאַכט ווערן דיינע טעג, און לעבעדיקע יאָרן די געמאַכט ווערן. און עס איז געזאָגט געוואָרן: לאַנגע יאָרן אין איר רעכטער האַנט, און אין איר לינקער — עושר און כבוד. און עס איז געזאָגט געוואָרן: לאַנגע טעג און יאָרן פון לעבן און פרידן וועט זי דיר מערן.

רבי שמעון, דער זון פון יהודה זאָגט: פון רבי שמעון, דער זון פון יוחאיס וועגן: דאָס שיינקייט, און כוח און רייכטום און כבוד און די חכמה און עלטער און גרייזקייט און קינדער, זיינען שיין פאַר די צדיקים און זיינען שיין פאַר דער וועלט. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אַ קרוין פון שיינקייט איז די עלטער, אויפן רעכטפערטיקן וועג ווערסטו זי געפינען. און עס איז געזאָגט געוואָרן: דאָס שיינקייט פון יוגנט איז דער כוח, און דאָס שיינקייט פון זקנים איז זייער עלטער. און עס איז געזאָגט געוואָרן: די קרוין פון חכמים איז זייער רייכטום. און עס איז געזאָגט געוואָרן: די קרוין פון אַלטע לייט זיינען קינדס־קינדער, און דאָס שיינקייט פון קינדער זיינען די עלטערן. און עס איז גע־זאָגט געוואָרן: די לבנה וועט זיך פאַרשעמען, און שעמען וועט זיך די זון, ווייל גאָט, דער האַר געוועלטיקט אויפן באַרג ציון און אין ירושלים, און פאַר די זקנים איז דאָס אַ כבוד.

רבי שמעון, דער זון פון מנסיא זאָגט: דאָס זיינען די זיבן מדות וואָס די חכמים האָבן צוגערעכענט צו די צדיקים, און אַלע זיינען מקוים געוואָרן ביי רבי און זיינע קינדער.

רבי יוסי, דער זון פון קסמא האָט געזאָגט: איין מאָל בין איך געגאַנ־גען אין וועג, האָב איך באַגעגענט אַ מאַן און ער האָט מיר געגעבן שלום, האָב איך אים געענטפערט שלום! האָט ער צו מיר געזאָגט: רבי, פון וועלכן אָרט ביסטו? האָב איך אים געזאָגט: פון אַ גרויסער שטאָט פון חכמים און געלערענטע בין איך. האָט ער צו מיר געזאָגט: ווילסטו וואוינען מיט אונז אין אונזער אָרט, און איך וועל דיר געבן טויזנט מאָל טויזנט גאָלדענע גילדן, און טייערע שטיינער און פּערל? האָב איך אים געזאָגט: ווען דו וואָלסט מיר אפילו געגעבן דאָס גאַנצע גאָלד און טייערע שטיינער און די פּערל פון דער גאַנצער וועלט, וועל איך בישט וואוינען, נאָר אין אַ אָרט פון תורה. און אַזוי

שטייט געשריבן אין תהלים, פון דוד, דער מלך פון ישראל: עס איז מיר בע־
סער די תורה פון פילע טויזנטער גאָלד און זילבער, און נישט נאָר דאָס, נאָר
ווען דער מענטש שטאַרבט, באַגלייטן נישט דעם מענטשן נישט גאָלד און נישט
זילבער, און נישט טייערע שטיינער און פערל, נאָר תורה און גוטע מעשים
אַליין. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: אין דיין גיין (שטאַרבן) וועט זי דיך
פירן, אין דיין לעגן (אין קבר) וועט זי דיך היטן, און ווען דו וועסט זיך אויפ־
כאַפּן וועט זי ריידן. אין דיין גיין וועט זי דיך פירן, אויף דער וועלט. אין דיין
לעגן וועט זי דיך אָפּהיטן, אין קבר. ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן וועט זי דיר
ריידן, אויף יענער וועלט. און עס איז געזאָגט געוואָרן: צו מיר איז דאָס גאָרע
זילבער און גאָלד, זאָגט גאָט, דער האַר.

פינף פאַרמעגענס, האָט דער הייליקער, געבענטשט איז ער, זיך דער־
וואָרבן אין זיין וועלט, און דאָס זיינען זיי: תורה איז איין קנין, הימל און
ערד איז איין קנין, אברהם איז איין קנין, די אידן זיינען איין קנין, דער בית־
המקדש איז איין קנין. פון וואַנען ווייסן מיר אַז די תורה? ווייל עס איז גע־
שריבן: גאָט האָט מיך געאייגנט צום ערשטן, איידער ער האָט עפּעס באַשאַפן.
הימלען און ערד פון וואַנען? ווייל עס איז געשריבן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
דער הימל איז מיין שטול, און די ערד איז מיין פוס־בייבקעלע, דאָס איז דאָס
הויז וואָס דו וועסט מיר בויען, און דאָס איז דאָס אָרט פון מיין רו. און עס
איז געזאָגט געוואָרן: ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט, אַלעמען האָסטו מיט
חכמה געמאַכט, פול איז די ערד מיט דיין פאַרמעג.

אברהם פון וואַנען? ווייל עס איז געשריבן: און ער האָט אים גע־
בענטשט און געזאָגט: געבענטשט איז אברהם צו גאָט פון אויבן, וואָס האָט גע־
קויפט הימל און ערד.

ישראל פון וואַנען? ווייל עס איז געשריבן: ביז עס וועט דורכגיין דיין
פאָלק, גאָט, ביז עס וועט דורכגיין דאָס פאָלק וואָס דו האָסט געקויפט. און עס
איז געזאָגט געוואָרן: צו די הייליקע וואָס זיינען אין לאַנד, און די שטאַרקע
וואָס מיין גאַנצער באַגער איז אין זיי.

דער בית־המקדש פון וואַנען? ווייל עס איז געשריבן: דאָס אָרט, גאָט,
וואָס דו האָסט געמאַכט צו וואוינען אין דעם דאָס הייליקע (בית־המקדש) גאָט,

האָבן אָנגעברייט דיינע הענט. און עס איז געזאָגט: און איך וועל זיי ברייַנגען צום הייליקן גרענעץ, צום דאָזיקן באַרג וואָס זיין רעכטע האַנט האָט געקויפט.

אַלץ וואָס דער הייליקער, געבענטשט איז ער, האָט באַשאַפן, האָט ער באַשאַפן מער נישט ווי נאָר פאַר זיין כבוד וועגן. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: וועד עס ווערט אָנגערופן אויף מיין נאָמען, און פאַר מיין כבוד האָב איך אים באַשאַפן. איך האָב אים באַשאַפן און אים אויך געמייסטערט. און עס איז געזאָגט געוואָרן: גאָט וועט קעניגן אויף אייביק און אייביק.

יתגדל...

עס זאָל געגרויסט ווערן, און עס זאָל געהייליקט ווערן זיין גרויסער נאָמען, אויף דער וועלט, וועלכע ער האָט באַשאַפן נאָך זיין ווילן. און ער זאָל מאַכן געוועלטיקן זיין קעניגרייך, און ער זאָל מאַכן שפּראָצן זיין אויסלייזונג, און ער זאָל גענענען זיין געזאַלבטן, און אייער לעבן און אייערע טעג, און ביי דעם לעבן פון דעם גאַנצן הויז פון ישראל, געשווינד, און אין אַ קורצער צייט, און זאָגט: אָמן!

עס זאָל זיין גרויסער נאָמען זיין געלויבט אויף אייביק און אויף אַלע אייביקייטן.

ס'זאָל געלויבט ווערן און עס זאָל געריימט ווערן און עס זאָל פאַרהערליכט ווערן, און עס זאָל דערהויבן ווערן, און עס זאָל דערהויכט ווערן, און עס זאָל באַשיינט ווערן, און עס זאָל געשטיגן ווערן, און עס זאָל געלויבט ווערן דער נאָמען פונם הייליקן, געלויבט איז ער!

העכער און העכער, איבער אַלע לויב, און פון אַלע לויב־געזאַנגען, פון אַלע רומגעזאַנגען, און פון אַלע טרייסט־געזאַנגען, וואָס ווערן געזאָגט אויף דער וועלט, און זאָגט: אָמן!

עס זאָל אָנגענומען ווערן זייער געבעט און זייערע בקשות, פונם גאַנצן הויז פון ישראל, פאַר זייער פאָטער, וואָס איז אין הימל און אויף דער ערד, און זאָגט: אָמן!

עס זאָל זיין גרויסער פרידן פון הימל, און אַ גוט לעבן, אויף אונז, און אויף אַלע אידן, און זאָגט: אָמן!

דער וואָס טוט שלום אין זיינע הויכקייטן, ער זאָל טאָן שלום אויף אונז, און אויף אַלע אידן, און זאָגט: אָמן.

אויף די אידן, און אויף די רבנן, און אויף זייערע תלמידים, און אויף אַלע תלמידימס תלמידים, און אויף אַלע וועלכע לערנען די תורה, די וואָס אויף דעם אָרט, און די וואָס אויף יעדן אָרט באַזונדער; ס׳זאָל זיין צו זיי און צו אייך, אַ גרויסער פרידן, לייטזעליקייט און גנאד און דערבאַרעמקייט און לאַנג לעבן, און ברייט שפּייזונג, און אויסלייזונג, פון אונזער פאָטער! וועלכער איז אין הימל און אויף דער ערד, און זאָגט: אָמן!

מראה מקומות

★

1) יהואש.

2, 3, 5, 7, 8, 13) פון די משלים וואָס געפינען זיך אין אַלע ליטעראַטורן.

4, 6, 9, 10, 12) פון מיין בוך משלים, געשריבן אין דער פאָרם פון פאַבל, וואָס איז גרייט צום דרוק.

11) בעל־שם.